YIDDISH BOOK CENTER NEWSPAPERS COLLECTION
NUMBER KC5780-185mfv01i22

GERECHTIGKEIT (YIDDISH JUSTICE)

Volume 1 Issue 22
June 1919

THE KHEEL CENTER FOR LABOR-MANAGEMENT
DOCUMENTATION AND ARCHIVES
CORNELL UNIVERSITY LIBRARY

YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

This collection was made possible with the support of
Abby Joseph Cohen and David M. Cohen.

Gerechtigkeit (Vol. 1, Iss. 22)

Keywords

International Ladies’ Garment Workers’ Union, ILGWU, Gerechtigkeit, labor unions, clothing workers, textile workers, garment workers, garment industry, New York, United States, Yiddish, Jewish

Comments

Justice was the official publication of the International Ladies’ Garment Workers’ Union ILGWU from 1919 to 1995. Editions of *Justice* were published in English, Italian, Spanish, and Yiddish. When compared side by side, the content of some of these different editions of *Justice* shows significant differences. *Gerechtigkeit* was the Yiddish-language edition of *Justice*.

This article is available at DigitalCommons@ILR: https://digitalcommons.ilr.cornell.edu/gerechtigkeit/45

GERECHTIGKEIT

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפה (איוב, כ"ז, 6). אן מיין גערעכטיגקייט האלט איך זיך שטארק, און וועל איהר ניט אפ-לאזען.

„מיר ווילען, מיר מוזען זיין גערעכט אפילו צו די, צו וועמען עס גלוסט זיך אונז צו זיין אונגערעכט". וואודראו ווילסאן.

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לײדיעס גארמענט װארקערס יוניאן

Vol. I. No. 22. New York, Friday, June 13, 1919 .1919 פרייטאג, דעם 13טען דזשון PRICE 3 CENTS

אינהאלט-פארצייכניס

נומער 22 „גערעכטיגקייט"

זייט 2. די וואך — נ. בוכוואלד.
זייט 3. בריעף פון אטלאנטיק סיטי — דזש. העללער.
זייט 4. א ווארט אין צייט — אב. באראף. דער מיטינג פון עקזעקוטיוו באארד פון לאקאל 25 — י. שעהנהאלץ.
זייט 5. די פרויען וועלט — ראזע בעדריק (בלינדער). א ווארט צו די מיטגלידער פון לאקאל 25 — מאקס מאנעלים.
זייט 6. פארטשריט אין דער גארמענט אינדוסטרי אין איראפא — דזשוליעט סטוארט פוינטץ. דער לעצטער שאפ-טשערמאן מיטינג פון דער וויסט מאכער יוניאן — ס. זיידמאן.
זייט 7. דער אינטערנעשיאנאל קריגס דעפארטמענט — ל. פינקעלשטיין. אין די רייכע גאסען (געדיכט) — מ. פערלמוטער.
זייט 8. איגנעבארג (ראמאן) — ב. קעלערמאן. די עקזאמינערס יוניאן לאקאל 82 — מ. י. אשפיז.
זייט 10. פון רעדאקטארס נאטיץ-ביכעל.
זייט 11. די ארבייטער יוניאנס און די באמבעס — ב. מיימאן.
זייט 12. וואס איז אזוינס נאציאנאלע מינאריטעט-רעכט? — א. גלאנץ. דער „טענענטס" (פעליעטאן) — א. וואהלינער.
זייט 13. געשטערט אין דער ארבייט (ערצעהלונג) — יענטע סערעדאצקי.
זייט 14. דוד המלך'ס ווייבער — דר. אסתר לוריע.
זייט 15. דער שקלאף מיט צוויי פנים'ער (שלוס) — לעאן גאטליעב.
זייט 16. שמועסען צווישען רעדאקטאר און לעזער.
זייט 17. שלוס וועגען דער עקזאמינערס יוניאן. די יוניטי בוט אויף'ן „קאל" באזאר.
זייט 18 און 19. — אדווערטייזמענטס.
זייט 20. זיינען געבליבען סקעבען אין נאמען פון דער סאציאלער רעוואלוציאן. די יוניטי קאלאניע גרייט פאר די געסט און נאך אנדערע זאכען.

די קאנווענשאן פון דער א. פ. אוו ל.

אונזערע דעלעגאטען שלאגען פאר א פראטעסט-רעזאלוציע געגען די פאגראמען אויף אידען. — פאדערען רעכטע און באשיצונג פאר די קליינע פעלקער. — א רעזאלוציאן פאר דער באפרייאונג פון אלע פאליטישע ארעסטירטע אין אמעריקא. — עקזעקוטיוו קאונסיל פון דער פעדעריישאן לויבט שטארק די עדיוקיישאנאל ארבייט פון אונזער אינטערנעשיאנעל.

די 39טע קאנווענשאן פון דער אמעריקען פעדערײשאן אוו לייבאר האט זיך געעפענט, נאר אהן גרויסע צערעמאניעס, מאנטאג, 10 א זייגער אין דער פריה, דעם 9טען יוני, 1919, אויף דעם סטיל פיער ביים ים, אין אטלאנטיק סיטי, נ. דזש.

די „גערעכטיגקייט" האט אויף דער קאנווענשאן, דעם רעדאקטאר גופא, ברודער ש. יאנאווסקי. דאס מיינט, אז די לעזער פון די „גערעכטיגקייט" וועלען באקומען גענויע באשרייבונגען פון אלע וויכטיגע פאסירונגען און אינטערעסאנטע מאמענטען פון דער קאנווענשאן.

שוין אין דעם נומער טאקע וועלען די לעזער געפינען, אויף זייט 10, אין דעם „רעדאקטאר'ס נאטיץ ביכעל", דעם רעדאקטאר'ס ערשטע איינדריקע פון דער קאנווענשאן, און אויף זייט 3 „בריעף פון אטלאנטיק סיטי" פון דזש. העללער. מיר דארפען דעריבער, אויף דעם פלאץ, זיך ניט פיעל פארברייטען וועגען דער קאנווענשאן. מיר וועלען דערמאנען בלויז די סאמע וויכטיגסטע פאסירונגען.

גלייך ווי סעמועל גאמפערס, דער פרעזידענט פון דער פעדערײשאן, האט געעפענט די קאנווענשאן, מאנטאג אין דער פריה, איז פארגעלעזען געווארען א באגריסונגס-טעלעגראמע פון פרעזידענט ווילסאן, וועלכע איז אויפגענומען געווארען מיט א סך אפלאדיסמענטען.

אט איז די טעלעגראמע:

True translation filed with the Postmaster at New York City on June 13, 1919, as required by the of Congress approved Oct. 6th, 1917, known as the "Trading with the Enemy Act."

„איך שיק מיין ווארימסטע באגריסונג צו דער יעהרליכער קאנווענשאן פון דער אמעריקאן פעדעריישאן אוו לייבאר און דריק אויס מיין טיעפע צופריעדענהייט, וואס די אינטערנאציאנאלע קאנפערענצען וועלכע זיינען ארויסגעוואקסען פון די פריעדענס-דיסקוסיאנען, האבען געפיהרט צו א פיעל בעסערער און פולערער פארשטענדניס פון די ארבייטער-פראגען, וועלכע די שטאאטס-לייט פון דער גאנצער וועלט האבען געשאנקען זייער גאנצע אויפמערקזאמקייט. עס איז פאר מיר געוועזען אן אמת'ער גליק, וואס איך האב כאטש א ביסעל מיטגעהאלפען דיעזער אנגעלעגענהייט.

„איך קען זיך ניט אפהאלטען פון אויסדריקען אין די ווארימסטע ווערטער מיין אנערקענונג און די אנערקענונג פון אלע, וועלכע האבען געהאט צו טאן מיט די פראגען פון ארבייט צו דער הילפע, וואס מר. סעמועל גאמפערס האט אונז געלייסטעט, און פאר וועלכע ער האט געוואונען אלגעמיינעם צוטרויען און האט פעסטגעשטעלט פאר דער גאנצער וועלט די רעפוטאציע פון דער אמעריקאן פעדעריישאן אוו לייבאר אלס גוטער בעל עצה און פראקטישער מיטהעלפער.

וואודראו ווילסאן".

די אמעריקאן פעדעריישאן אוו לייבאר איז געקומען צו דער קאנווענשאן מיט א מיטגליעדערשאפט פון ארום דריי מיליאן 260 טויזענד. ארום 600 דעלעגאטען זיינען צו דער קאנווענשאן געקומען. זיי פארטרעטען 111 אינטערנעשאנעל יוניאנס, 33,850 לאקאל יוניאנס, 884 פעדערייטעד לייבאר יוניאנס, 816 סיטי סענטראל קערפערשאפטען און 46 סטייט פעדעריישאנס און 752 לאקאל דעפארטמענט קאונסילס.

אין פארלויף פון לעצטען יאהר האט די פעדעריישאן געוואונען א מיליאן מיט 560 טויזענד נייע מיטגליעדער.

דאס איז, ווי איהר זעהט, א גאנץ שעהנער געווינס.

אין דעם רעפארט, וואס דער עקזעקוטיוו קאונסיל פון דער פעדעריישאן האט צוגעשטעלט צו דער קאנווענשאן, ווערט שטארק געלויבט די עדיוקיישאנעל ארבייט פון אונזער אינטערנעשאנעל. דער באריכט וועגען דער טעטיגקייט פון אונזער אינטערנעשאנעל עדיוקיישאנעל דעפארטמענט פארנעמט א גאנץ אנגעזעהענעם פלאץ אין דעם רעפארט. מיר וועלען ביי אנאנדער געלעגענהייט איבערגעבען דעם גאנצען טייל פון דעם רעפארט.

ווי געוועהנליך, האט זיך די קאנווענשאן פארטיילט אין פיעלע באזונדערע קאמיטעס, ווי פאלגט:

1) די קאמיטע וועגען רולס; 2) די קאמיטע וועגען עקזעקוטיוו קאונסיל באריכט; 3) רעזאלוציאנס-קאמיטע; 4) לאא קאמיטע; 5) ארגאניזאציאנס קאמיטע; 6) לייבעל קאמיטע; 7) אדזשאסטמענט קאמיטע; 8) לאקאל און פעדערייטעד באדי קאמיטע; 9) אויפקלערונגס קאמיטע; 10) סטייט ארגאניזאציאנען; 11) באיקאט; 12) בילדינג טריידס; 13) קירצערען ארבייטס-טאג און 14) אינטערנאציאנאלע באציהונגען.

אונזערע דעלעגאטען באטייליגען זיך אין איינינע וויכטיגע קאמיטעס.

דינסטאג, דער צווייטער טאג פון דער קאנווענשאן, איז טיילווייז געווען אינטערעסאנטער פון'ם ערשטען טאג.

א גרויסען פוראר האט געמאכט מיט א רעדע א געוויסער ראדיקאל א לאיער, עללען א. פלאמב, דער פארטרעטער פון די „ביג 4", די פיער גרויסע „בראדערהודס" פון די אייזענבאהן-ארבייטער. ער האט געהאלטען א גאנץ שטארקע רעדע פאר די נאציאנאליזירונג פון די אייזענבאהנען און האט ארויסגערופען גרויס ענטוזיאזם ביי אלע דעלעגאטען, כאטש זיין רעדע איז געווען דורכאויס א סאציאליסטישע. ווען ער האט געענדיגט רעדען, האבען זיך אלע דעלעגאטען אויפגעשטעלט און איהם געמאכט אן אוואציע.

דעמזעלבען טאג האבען אויף דער קאנווענשאן געמאכט א שטארקען רושם צוויי רעזאלוציאנען וואס זיינען פארגעשלאגען געווארען פון די דעלעגאטען פון אונזער אינטערנעשאנעל. איין רעזאלוציאן וועגען די פאגראמען און רציחות וואס ווערען באגאנגען געגען די אידען אין פוילען און די אנדערע לענדער; א צווייטע רעזאלוציע, אז די קאנווענשאן זאל פאדע-

(שלוס אויף זייט 20)

סעטלמענטס ווערען געמאכט מיט גרויס פארזיכטיגקייט

ווען מיר געהען צו פרעס זיינען נאך אלץ ניט אין גאנצען פארענדיגט די קאנפערענצען אין דעם קלאוק מאכער סטרייק מיט דער צווייטער קלאוק - באסעס אסס'ן, פון די קלענערע מאנופעקטשורערס. עס איז אבער מעגליך, אז ווען די צייטונג וועט זיין אין האנד פון לעזער זאל שוין אלעס זיין געסעטעלט.

אין פארלויף פון דער וואך האט די סעטעלמענט קאמיטע פון דער יוניאן אפגעסעטעלט א היבש ביסעל שעפער פון אינדעפענדענט מאנופעקטשורערס, וועלכע באלאנגען ניט צו קיין אסס'ן.

די ארגאניזיישאן קאמיטע, פון וועלכער ברודער סאול מעטץ איז דער טשערמאן, ארבייט זעהר שווער בייצוקומען אלע שוועריגקייטען און וואס שנעלער צוריקצושיקען די געסעטעלטע שעפער צו דער ארבייט. אונטער די אומשטענדען קען דאס אבער ניט געטאן ווערען אזוי גיך, ווי דאס פלעגט אמאל געטאן ווערען.

דער שלוס פון דעם גרויסען קלאוקמאכער סטרייק איז פונקט אזוי זאנדערבאר, פונקט אזוי אויסערגעוועהנליך ווי דער סטרייק גופא. דער גאנצער גאנג פון דעם סטרייק האט געמאכט א סך מענשען זיך חידוש'ען, און דאס זעלביגע ווידערהאלט זיך איצט, ביי דעם סעטלמענט.

די סעטעלמענטס פונקט ווי דער סטרייק גופא ווערען געפיהרט מיט גרויס פארזיכטיגקייט.

אמאל האט מען געוואוסט, דאס ווי-באלד די יוניאן איז נאר געקומען צו א פארשטענדניס מיט דער „פראטעקטיוו אסאסיאיישאן" פלעגט דער סטרייק זיין אין גאנצען געענדיגט, און מיט א פאר טעג נאכדעם פלעגען די מעהרסטע סטרייקער שוין זיין צוריק ביי דער ארבייט אין די געסעטעלטע שעפער. היינט איז אבער די געשיכטע גאנץ אנדערש.

מיט דעם סעטלמענט וואס די יוניאן האט געמאכט מיט דער „פראטעקטיוו אסאסיאיישאן", איז נאך דער גרויסער קלאוקמאכער סטרייק ווייט ניט אין גאנצען פארענדיגט געווארען. און נאך דעם סעטעלמענט האט די גאנצע סטרייק-מאשינערי געמוזט בלייבען ביי דער ארבייט פונקט אזוי ווי בעפאר. אין געגענטייל, אין מאנכע הינזיכטען איז דער קריעגס דעפארטמענט נאך דעם סעטלמענט געווארען מעהר „ביזי" ווי ער איז דאס געווען פריהער, די פארשיידענע קאמיטעס פון דער אלגעמיינער דזשענעראל סטרייק קאמיטע האבען זיך נאך דעם סעטלמענט א נעהם געטאן צו דער ארבייט נאך מיט מעהר פלייס ווי פריהער.

עס זיינען דא, נאטירליך, גאנץ גוטע אורזאכען ווארום דאס האט דעם מאל געמוזט אזוי זיין. ווארום עס איז היינט אנדערש ווי עס איז געווען אמאל.

אין די פריהערדיגע דזשענעראל סטרייקס פון די קלאוקמאכער אין ניו יארק, וועלכע פלעגען זיך אוועקציהען א 12-14 וואכען, איז מען זיך געוועהנליך נוהג געווען, דאס וועהרענד דער קאמף איז אנגעגאנגען אין זיין פולער מאכט געגען די ארגאניזירטע בעלי בתים פון דער „פראטעקטיוו אסאסיאיישאן", איז די סעטלמענט קאמיטע אנגעגאנגען מיט איהר ארבייט, און דערווייל אפגעסעטעלט מיט די „אינדעפענדענט" מאנופעקטשורער, סיי די גרעסערע און סיי די קלענערע. אט אזעלכע סעטלמענטס פלעגען זיך געוועהנליך אנהויבען גלייך אויף צומארגענס ווי דער סטרייק איז גערופען געווארען, און א סך ארבייטער זיינען צוריקגעגאנגען ארבייטען אין אט די געסעטעלטע שעפער, בעת דער סטרייק איז געווען אין פולען ברען געגען די מאנופעקטשורער פון דער פראט. אססאסיאיישאן. די אססאסיאיישאן איז דאס רוב געווען די לעצטע צו סעטלען דעם סטרייק, און ווען מען איז דאך געקומען צו א פארשטענדניס נאך מאנאטען פון א שווערען קאמף, און א נייער קאלעקטיווער אגרימענט איז געשלאסען געווארען, האט עס דעמאלט פאקטיש געמיינט, אז דער גאנצער סטרייק איז פאראיבער. נאכ'ן אננעהמען פון דעם קאלעקטיווען אגרימענט האט עס געהייסען, אז דער גאנצער סטרייק איז פאקטיש געווען געענדיגט.

היינטיגעס מאל אבער איז עס געגאנגען גאנץ אנדערש. פון דער ערפאהרונג מיט די פריהערדיגע סטרייקס אין דער אינדוסטריע האבען אונזערע פיהרער געלערענט, אז דאס וואס מען סעטעלט מיט די קלענערע שעפער, גלייך ווען דער סטרייק ווערט ארויסגערופען, איז ניט קיין גרויסע מעלה, און טיילווייז האט עס א שלעכטע, שעדליכע ווירקונג אויפ'ן גאנג פון סטרייק. און ווען דער סטרייק איז ערקלעהרט געווארען און עס איז איינגערופען געווארען דער ערשטער מיטינג פון דער דזשענעראל סטרייק קאמיטע, וועלכע האט דאך דעם שיקזאל פון גאנצען סטרייק אין איהרע הענד, איז איינשטימיג אנגענומען געווארען א באשלוס, אז אין די ערשטע 10 טעג פון דעם סטרייק זאלען קיינע סעטלמענטס ניט געמאכט ווערען מיט איינצעלנע מאנופעקטשורער.

דאן איז געקומען דער אומשטאנד, וואס עס האבען זיך באלד אנגעהויבען די קאנפערענצען צווישען דער יוניאן און די „פראטעקטיוו אססאסיאיישאן", דאס האט ווידער אפגעהאלטען די סעטלמענטס מיט די איינצעלנע מאנופעקטשורער. די פיהרער פון סטרייק האבען דאן געפונען איינפאך פאר ניט ראטזאם, זיך אפצוגעבען

א·בעזוך אין דער „אימעניע" פון לאקאל 25

פון עליאס ליבערמאן.

די אימעניע פון דער וועיסט מאכער יוניאן לאקאל 25.

ניט מיר אייער האנד און לאמיר מא-כען א שפאציר צו דער „יוניטי קאלא-ניע", ד. ה. די נייע יוניטי-הויז, וואס די לידיעס וועיסט און דרעסמאכערס יוניאן האט יעצט געקויפט.

באגעגענט מיך אין לאקאוואנא סטיי-שאן, 23טע סטריט. דארטען וועלען מיר נעהמען די טריין און סטאפען אין שטראדסבורג, און פון דארטען וועלען מיר מיט'ן אויטאמאביל פאהרען טאקע צו דער הויז גופא, וועלכע געפינט זיך אין פארעסט פארק.

זעהט איהר דעם וועג, וואס נעהמט זיך צו לינקס, קלעטערענדיג א ביסעלע בארג ארויף? דאס איז דער וועג צום הויז.

פליעז, שרעקט זיך ניט פאר דעם הירש, וואס שטעהט דארטען אויפ'ן מי-טען וועג — ער איז ניט קיין לעבעדיגער. דאס איז בלויז אן אויסגעשניצטע פיגור שעהנער צו מאכען דעם הויף.

האט איהר באמערקט די צוויי „טור-רעמס" ביים סאמע רעכטען אריינפאהר? דאס זיינען בלויז צוויי פון די קאטע-דזשעס, אין וועלכע די מעמבערס פון דער וועיסט מאכער יוניאן וועלען פארברענגען זייער זומער-וואקיישאן. ווי געפעלט אייך עפעס? אמעריקא גנב! בויט מען די הייזער פונקט ווי טורעמס, כדי זיי זאלען אויסקוקען שעהן און דערמאנען אן די אלטע שטאלצע צייטען, אין וועלכע שלעסער זיינען געווען דער סימבאל פון שטארקייט און זיכערקייט.

לעצטען פרייטאג האב איך באזוכט די קאלאניע. דעם נאמען קאלאניע האט עס כשר פארדינט, ווייל דאס איז ניט איין הויז, נאר גאנצע 12 הייזער מיט פארשיעדענע מאדערנע איינריכטונגען. ווען איהר כאפט זיך אריין אין הויף, זעהט איהר, אז דאס איז ווירקליך א גרוי-סע אימעניע פון א רייכען פריץ, וועמען די באלשעוויסטישע טענדענצען האבען נאך דערווייל ניט באריהרט.

—שטעלט זיך פאר, צום ביישפיעל, אזא מין סארט בילד: צווישען גראז און ביר-נער שטעהט א גרויסע מאדערנע הויז. דער צופאהר צו דער הויז איז דורך א ספעציעלען וועג, געמאכט פאר אויטאמא-בילס. אין פראנט פון דער הויז ציהען זיך גרינע לאנקעס מיט קליינע וועגעלעך פאר א דורכגאנג צווישען איין לאנקע און דער צווייטער. אט דיזע גרויסע הויז איז קענטיג לויט איהר גרויסקייט צו זיין די מוטער-הויז און ארום איהר הינטער די לאנקעס ציהען זיך אין א האלבען קרייז 11 אנדערע הייזער. יעדער קאטעדזש איז פארבונדען מיט'ן צווייטען דורך א דאך, אזוי אז אויב עס זאל רעגענען קען מען געהן פון איין קאטעדזש צו א צוויי-טען און גאר ניט איינגענעצען זיך. די בילדערס פון הויז האבען הפנים זיך גע-זארגט פאר דער באקוועמליכקייט פון די געסט. זיי האבען אויסגערעכנט, אז א מאל קען אימיצער זיך וועלען צוזעצען אויפ'ן מיטען וועג, האבען זיי דערפאר טאקע צוגעגרייט ביינקלעך אויפ'ן מיטען וועג, פון איין קאטעדזש צום צווייטען.

איך בין אריינגעגאנגען אין עס-צי-מער, וועלכער געפינט זיך אין גרויסען הויז. ניין, דאס איז ניט קיין עס-צימער, נאר א ברייט פעלד מיט פלאץ פאר עט-ליכע הונדערט מענשען. עס האט מיר גענומען עטליכע מינוט דורכצוגעהן דעם צימער און צוקומענדיג צום פענסטער האב איך פלוצלונג דערזעהן דעם גרויסען לייק מיט דער זון שפיגלענדיג זיך אין זיינע וואסערן. נאר וועגען דעם עטוואס שפעטער.

דער טייך און די סווימינג-פול געביידען.

איך בין דורכגעגאנגען די צימערען פון די אנדערע קאטעדזשעס און איך האב זיך ניט געקענט אפהאלטען פון טראכטען: עס איז עפעס צו גוט פאר אונז. יעדער קאטעדזש איז באשפרייט מיט קארפעטס; עלעקטריק-לייטס אין אלע צימערען; א גרויסע צאהל באדע-צימערען; יעדער הויז האט ארום און ארום צוויי אפענע פארטשעס. אלעס איז איינגעריכטעט גע-ווארען לויט די מאדערנסטע מעטאדען.

מיר זיינען אלע אוועק צום לייק, איי-גענטליך א גרויסע ברייטע טייך, וועל-כער ציהט זיך א מייל לאנג. מיר האבען זיך ארויפגעזעצט אויף שיפלעך און — היידא. ווייט, ווייט, ערגעץ אין וואלד האבען אפגעקלונגען אונזערע עכא'ס. דער הימעל און די פארגעהענדע זון האבען גע-שמייכעלט מיט אונז. קענט איהר דען זיך ניט פארשטעלען דעם פארגעניגען פון אזא מין סארט שפאציר?

איך האב פארגעסען צו זאגען, אז דער וועג צום לייק איז אויסגעלעגט געווארען מיט ברייטע שטיינערנע טרעפ. און אויך דא איז קענטיג די פארזיכטיגע האנד און די זארגפולע אויג פון'ם איינגענטימער. איך דא זיינען אויפן מיטען וועג אויס-געשטעלט ביינקלעך און א ספעציעלע ביי-דעל-פאר די, וואס ווילען זיך אפרוהען.

עס האט פאסירט דארט א קליינער אינצידענט, וואס איז ווערט פארצייכענט צו ווערן. —

שבת איז צוגעפאהרען א גרויסער אויטאמאביל, אין וועלכען עס זיינען ברייטליך געזעסען א פאר פאלק מיט א פאר קינדער און א דיענסט. איינער פון אונזערע איז צוגעגאנגען זיי פרעגען וואס זיי ווילען.

— איז דאס פארעסט פארק האטעל?

— דאס איז געווען פארעסט פארק האטעל, — רופט זיך אפ אונזערער, — נאר יעצט הייסט עס „יוניטי קאלאניע".

— איז דאס אין די הענט פון נייע איינגענטימער? — פרעגט ער ווייטער.

— יע, אן ארגאניזאציאן האט עס איבערגענומען.

— וועלכע ארגאניזאציאן?

— א טרייד יוניאן. די לידיעס וועיסט און דרעסמאכער יוניאן.

— שנעל אהיים! — האט זיך אפ-געריפען די ברייטע דאמע אין אויטא-מאביל.

מיר האבען זיך אלע צולאכט.

דער אינצידענט איז באזונדערס אינ-טערעסאנט דערמיט, וואס ביז אהער איז די הויז אונטער'ן נאמען פארעסט פארק האטעל געווען א פלאץ פאר פיעלע וועיסט מאנופעקטשורערס. יעצט, אונטער'ן נא-מען „יוניטי קאלאניע", וועט עס ווערען א פלאץ פאר די ארבייטער.

און דאס ברענגט מיך צום פאלגענ-דען געדאנק:

ערשט דריי יאהר צייט אז דער גע-דאנק פון א זומער יוניטי-הויז פאר די מעמבערס פון דער וועיסט מאכער יוניאן האט זיך גענומען פארווירקליכען. דאס איז געווען מיט דעם אריינקומען פון מיט פאינטץ אין דעם אפיס פון דער וועיסט-מאכער יוניאן.

פאר די דריי יאהר צייט האט מען געביטען דריי פלעצער. דער ערשטער פארזוך איז געמאכט געווארען אין פיין היל. דאס הויז האט געהאט פלאץ פאר

בלויז 40 מענשען. די אונטערנעמונג איז אבער געוואקסען און אויפ'ן צווייטען יאהר האט מען גענומען אין בער-מאונ-טיינס, וואו אומגעפעהר א הונדערט און פופציג מענשען א וואך האבען גענומען זייער וואקיישאן. דער בער-מאונטיין-פלאץ האט זיך אבער אויך ארויסגעצייגט פאר צו קליין און דער לעצטער זומער-פלאץ אין וואודסטאק האט שוין געהאט פלאץ פאר איבער צוויי הונדערט מענ-שען א וואך.

יעדען יאהר האט מען געהאלטען אין איין מופען, קלייבען זיך אין נייע דירות. עס האט זיך געגלוסט אן אייגען ווינקעל, א פלאץ, וואס מען קען רופען „אונזער הויז". און דער געדאנקען פון צו קויפען א הויז איז געשאפען געווארען און די הויז איז געקויפט געווארען.

די טויזענדער ארבייטער פון דער וועיסט-מאכער יוניאן זיינען „יעצט גע-ווארען די איינגענטימער פון דער גרויסער „אימעניע". די פאראייניגטע קראפט פון ארבייטער האט מעגליך געמאכט צו פאר-ווירקליכען דאס, וואס פיעלע ארבייטער, צו וועמען די יוניאן איז טייער האבען גע-טרוימט פאר א לאנגער צייט.

און ניט ווילענדיג לויפט דורך א גע-דאנק: וועלען די וועיסט-מאכער אין דער צוקונפט העלפען בויען, שאפען נייע זא-כען, פארפעסטיגען אלטע אונטערנעהמונ-גען, אדער וועלען זיי געהן ריקווערטס, לאזען זיך פארפיהרען פון היסטערישע היץ-קעפ, פוסטע פראזען און פון מענ-שען, וועלכע האבען אין זייערע לעבענס קיין מאל ניט געטאן דאס מינדעסטע פאר זייער יוניאן?

א צושפליטערטע מאכט איז קיין מאכט. עס איז בלויז די פאראייניגטע מאכט, וועלכע לעגט זיך דורך א וועג דורך פוסטע וועלדער און קומט-ביי די פאר-שיעדענע שטערונגען.

נאר ענטשולדיגט, ליעבע לעזער. איך בין אפשר אויסער פלאץ ארויסצוזאגען אט די לעצטע פאר ווערטער אויף דעם פלאץ...

ריינקאוט מאכער יוניאן נעמט זיך צו די סקעב-קאנטראקטינג שעפער

דאנערשטאג אבענד איז אין קאסי-נא האל, 85 איסט 4טע סט. אפגעהאלטען געווארען איינער פון די באגייסטערטסטע מיטינגען אין דער געשיכטע פון דער ריין-קאוט מייקערס יוניאן, אין דער באציהונג פון דער ענטשלאסענהייט פון דער מעמ-בערשיפ פון לאקאל 20 צו באקעמפפען די סקעב-קאנטראקטינג שעפער וואס גע-פינען זיך אויסער ניו יארק און זיינען א געפאהר פאר'ן אלגעמיינעם טרייד אין ניו יארק גופא.

די מעמבערס פון לאקאל 20 דענקען אז די קאנטראקטינג שעפער וואס ווערען קאנטראלירט פון דער יוניאן זיינען נאך א האלבע צרה, אבער די יעניגע וואס דרעהען זיך ארוים פון יוניאן קאנטראל זיינען אן אומגליק פאר'ן טרייד און מוזען באקעמפפט ווערען מיט דער גאנצער קראפט פון דער ארגאניזאציאן.

די רעקאמענדיישאנס פון די אפי-סערס פון דער יוניאן, אז קיינע סעטעל-מענטס זאלען ניט געמאכט ווערען מיט נייע קאנטראקטינג שאפקעס אהן קעש-סעקיוריטיס און אהן דעם אז אם וועניג-סטען זאלען צעהן אפערייטארס אדער צעהן סימענטערס באשעפטיגט ווערען, איז מיט דער גרעסטער באגייסטערונג פון דעם גרויסען מיטינג אנגענומען געווארען.

א פרייוויליגע וואלונטירען קאמיטע, האט זיך אנגענומען צו העלפען דער עק-זעקוטיווע באארד און די אפיסערס פאר פיקעטינג און אלגעמיינע ארגאניזאציאנס ארבייט נעגען די יעניגע סקעב-שעפער וואס וועלען ערקלערט ווערען אין סטרייק.

דער סטרייק, וואס ווערט אנגעפיהרט נעגען דער איסטערן וואטערפרוף קאמפ. פון מאונט ווערנאן שטעהט גלענצענד. די עטליכע סקעבס וואס האבען דארט גע-מאכט די „קארפארישאן"-שאפ, ווערען פאראכטעט פון יעדען אנשטענדיגען יו-ניאן-מאן.

מיט איינצעלנע סעטלמענטס, אין דער צייט ווען עס איז אנגעגאנגען די פארהאנדלונגען פאר א סעטלמענט מיט דער אסאסיאיישאן. בלויז א גאנץ קליינע צאהל „אינדעפענדענטס" קלאוק שעפער זיינען דורך דער צייט געסעטעלט געווארען.

דאס מיינט אלזא, אז נאך דעם ווי עס איז געמאכט געווארען דער קאלעקטיווער אגרימענט מיט דער „פראטעקטיוו אסאסיאיישאן", האט מען זיך ערשט געדארפט נעהמען צום סעטלען מיט די „אינדעפענדענטס", מיט די קלענערע מאנופעקטשורער. און דאס מיינט, אז פאקטיש איז בלויז א האלבער סטרייק געווען געסעטעלט, ווען אפילו, אלע אסאסיאיישאן שעפער וואלטען גלייך, נאכ'ן אונטערשרייבען פון אגרימענט, זיך צוריקגעקעהרט צו דער ארבייט.

דער אמת פון דער זאך איז אבער דאס די ארבייטער פון די געסעטעלטע אסאסיאיישאן שעפער האבען דעם מאל אויך ניט געקענט זיך אומקעהרען צו דער ארבייט מיט דער זעלבער שנעלינקייט ווי דאס פלעגט אמאל געטאן ווערען. צו גרונטאווגע איז געווען די איבערקעהרעניש אין דער גאנצער קלאוק אינדוסטרי פון ניו יארק, אז אלעס זאל זיך מיט דער זעלבינער שנעלינקייט ווי אמאל ווידער נעהמען באוועגען. דאס איבערגעהן פון שטיק צו וואך ארבייט האט געבראכט מיט זיך א סך נייעס, און עס מוז נעהמען א שטיקעל צייט ביז דער נייער סיסטעם זאל אנפאנגען פונקציאנירען, ביז אלעס זאל זיך ריכטיג איינארבייטען.

צום שלום פון די פריהערדיגע סטרייקס פלעגט דאס צוריקגעהן צו דער ארבייט פון די אסאסיאיישאן שעפער, פארהעלטניסמעסיג זיין א גאנץ לייכטע זאך. ווען מען האט זיך, למשל, געאייניגט אויף די מכלימרשט'דיגע „סטענדארדס" וואס זיינען דאן געשאפען געווארען, ווי א שטייגער „80 סענט פער שטונדע" פאר אן אפערייטאר און „60 סענט א שטונדע" פאר א פינישער, האט דאס געמיינט פאר אלע אפערייטארס און פינישער אין די שעפער. אין אנדערע ווערטער, פאר אלע שטיק־ארבייטער אין טרייד.

היינט איז אבער גאנץ אנדערש. איידער א שאפ קאן אנפאנגען ווידער צו ארבייטען, מוז אפריהער באשטימט ווערען דער פרייז פאר יעדען ארבייטער אין שאפ באזונדער. די מינימום סקיילס וואס זיינען איינגעפיהרט געווארען, באציהען זיך בלויז אויף דעם דורכשניטס־ארבייטער אין די פאכען. די יעניגע אבער, וואס קאנען ארבייטען בעסער, אדער שנעלער פון דעם דורכשניטליכען ארבייטער ווילען באקומען מעהר. און דאס, פארשטעהט איהר, איז שוין גאר ניט אזוי לייכט צו באשטימען ווי איינער קאן זיך דוכטען. עס מוז באשטימט ווערען פאר יעדען ארבייטער אין שאפ א פרייז לויט זיין ווערטה נאך, און דאס נעהמט צייט. יעדער שאפ מוז האבען שאפ־מיטינגען, אויף וועלכע די פרייזען פאר די ארבייטער ווערען אויסגעשטעלט, און דאן דארף דער שאפ טשערמאן מיט א קאמיטע פון שאפ געהן צו דער פירמע מיט דעם ליסט פון די פרייזען. קיין נארמאלער ארבייטער טאר ניט באקומען ווייניגער פון די מינימום סקיילס, אבער יעדער ארבייטער וואס שטעהט העכער פונ'ם דורכשניטס־ארבייטער איז בארעכטיגט צו קריגען מעהר. עס פארשטעהט זיך, דאס די בעלי בתים כאפען ניט גלייך אויף די ליסטען מיט די פרייזען וואס די שאפ טשערלייט מיט די קאמיטעס ברענגען זיי. מען דינגט זיך אביסעל און דאס נעהמט צייט. און יעדער איינציגער שאפ, סיי אסאסיאיישאן שאפ און סיי אינדעפענדענט מוז דורכגעהן די זעלבינע פראצעדורע איידער מען קאן דארט אנפאנגען ארבייטען.

עס איז איבעריג צו זאגען, אז דיזע ארבייט ווערט ניט איבערגעלאזען אין גאנצען צו די שעפער אליין. דאס ווערט געטאן אונטער'ן פולען אויפזיכט פון דער יוניאן. די ארגאניזאציאנס - קאמיטע, פון וועלכער ברודער סאול מעטץ איז טשערמאן העלפט דיזע ארבייט מיט אלעס וואס איז נור מעגליך. און ניט נור די ארגאניזאציאנס קאמיטע אליין, יעדער בעאמטער פון דער יוניאן, און יעדער מיטגליעדער פון דער דזשענעראל סטרייק קאמיטע העלפען צו איינצושטעלען די שעפער, מען זאל קאנען וואס גיכער זיך זעצען ארבייטען אונטער די נייע באדינגונגען: אבער, ווי שוין באמערקט, די ארבייט איז זעהר א גרונטאווגע און עס געהט צו אביסעל שווערליך. עס איז אבער ניט קיין גרויסע סכנה, אז דער סעטעלמענט זאל נעהמען בעסער אביסעלע לענגער, אבי אלעס זאל ריכטיג איינגעשטעלט ווערען.

אזוי ווייט, וואס אנבעלאנגט די אסאסיאיישאן שעפער. וואס איז אבער מיט די „אינדעפענדענט" שעפער?

אין פארלויף פון דעם סטרייק איז אויך אויף דעם געביעט פארגעקומען א נייעס און אן ענדערונג. דורך דער צייט פון דעם סטרייק האבען זיך די קלענערע מאנופעקטשורער פאראייניגט אין אן אסאסיאיישאן, וואס רופט זיך די „אמעריקאן קלאוק און סוט אסאסיאיישאן". די נייגעגרינדעטע אסאסיאיישאן זייערע האט אנגעשטעלט אלס לאיער דר. פאול אייבעלסאן, וועלכער איז אמאל, אין די ערשטע צייטען פונ'ם „פראטאקאל" אגרימענט אין דער קלאוק אינדוסטרי, געווען דער טשיעף קלוירק פון דער „פראטעקטיוו אסאסיאיישאן".

אין קורצען, די נייע אסאסיאיישאן, וועלכע קליימט צו האבען איבער 350 מיטגלידער, האט פארלאנגט, די יוניאן זאל אנערקענען זייער אסאסיאיישאן און אויך מיט זיי סעטלען דעם סטרייק קאלעקטיוו. לויט ווי די בעאמטע פון דער נייער אסאסיאיישאן טענה'ן, נעהמען זיי ניט אריין אלס מיטגלידער בעלי בתים פון גאנץ קליינע שאפקעס און קיין „קא־אפערייטאן" שעפער אודאי ניט.

די דזשענעראל סטרייק קאמיטע האט געהאט וועגען דעם א באראטונג און עס איז געבליבען מיט זיי אנצופאנגען קאנפערירען. טאקע די זעלבינע קאנפערענץ קאמיטע, וואס האט געסעטעלט דעם סטרייק מיט דער „פראטעקטיוו אסאסיאיישאן" האט אנגעפאנגען, אין האטעל מעק־אלפין, קאנפערירען מיט דער „אמעריקאן אסאסיאיישאן". פרעזידענט שלעזינגער האט געמוזט אפפאהרען נאך שיקאגא, און ברודער זיגמאן האט פארנומען זיין פלאץ אלס טשערמאן ביי די קאנפערענצען. און עס איז זעהר מעגליך, אז ווען דיזע שורות וועלען געלעזען ווערען זאל דער סטרייק אין די שעפער שוין אויך זיין געסעטעלט, אויפ'ן זעלבען באזיס, נאטירליך, ווי ער איז געסעטעלט געווארען מיט די מאנופעקטשורער פון דער פראטעקטיוו אסאסיאיישאן.

עס פארשטעהט זיך, אז דאן וועט אין די שעפער פון דער אססאסיאיישאן פארקומען די זעלבינע געשיכטע, ווי אין יענע שעפער, — עס וועלען מוזען פעסטגעשטעלט ווערען פרייזען פאר יעדען ארבייטער באזונדער, און דאס וועט דארפען נעהמען א שטיקעל צייט מעהר ווי געוועהנליך.

זאלען דאריבער די סטרייקער ניט פארלירען דאס געדולד. אויב דאס צוריקקעהרען זיך צו דער ארבייט נעהמט א ביסעלע לענגער, וועלען זיי דערפאר, ווען זיי וועלען שוין זיין ביי דער ארבייט האבען אלץ בעסערע ארבייטס־באדינגונגען. אמת טאקע, דאס צוריקגעהן צו דער ארבייט געהט צו אביסעל לאנגזאמער, דערפאר אבער וועט דאס זיין אלץ זיכערער. און אחוץ דעם, נעהמענדיג אין אנבעטראכט די אלע אויסגערעכנעטע אומשטענדען, האט דאס אנדערש ניט געקאנט זיין.

די וואָך

פון נ. בוכוואלד.

א ביזי וואָך.

עס זיינען לעצטע וואך ווירקליך פארגעקומען איינינע וויכטיגע פאסירונגען אין אונזער מדינה, און קיין סענסאציעס האבען אויך ניט געפעלט.

די באמבעס זיינען שוין איינגאנצען ארונטער פון די פאדערשטע בלעטער פון די אמעריקאנער צייטונגען, אום צו מאכען פלאץ פאר אנדערע אויפטרייסלענדע געשעהעניסען.

די ארבייטער האבען לעצטע וואך פארנומען דעם אויבען אן אין אלע צייטונגען, ניט מחמת אונזערע צייטונגען האבען אזוי ליעב די ארבייטער, נאר ווייל זיי האבען טאקע צוגעשטעלט די וויכטיגסטע נייעס פון טאג.

מיר וועלען דא זיך ניט אפשטעלען אויף די „פיטשור" פון וואך, די קאנווענשאן פון דער אמעריקען פעדעריישאן אוו לייבאר, ווייל ש. יאנאווסקי, דער רעדאקטאר אונזערער, וועלכער איז איצט אין אטלאנטיק סיטי, וואו די קאנווענשאן קומט פאר, וועט אונז מסתמא געבען גענוג אינטערעסאנטען לעזע־שטאף וועגען דעם דאזיגען היסטארישען צוזאמענקונפט פון די פיהרער פון אמעריקאנער ארבייטערשאפט. מיר ווילען דא בלויז באמערקען, אז אלע צייטונגען מאכען חנ'דעלעך צו גאמפערס'ען און זיינע ליוטענאנטען און האפען אז די אמעריקאנער ארבייטער וועלען זיין גוטע קינדערלעך און וועלען ניט פארשאפען קיין עגמת נפש צו די רעגירער פון לאנד.

בוירלסאן און דער טעלעגראף סטרייק

ווען ניט די קאנווענשאן, וואלט דער טעלעגראף סטרייק זיכער געווען די „פיטשור" פון וואך; און ניט בלויז דער סטרייק, נאר די גאנצע טעלעגראף סיטואציע.

פאסירט האט אט וואס:

לעצטע וואך האט פאסטמאסטער־דזשענעראל בוירלסאן, דער הויפט פון פאסטען און טעלעגראפען, א הייסער אנהענגער פון „גאווערנמענט אונערשיפ", האט מיט אמאל אומגעקעהרט די טעלעגראפען און טעלעפאנען צו די פריהערינע בעל הבתים, די פריוואטע קאמפאניעס. איינגאנצען דעם קאנטראל האט ער אייגענטליך ניט ארויסגעלאזט פון זיינע הענט, ער האט די קאמפאניעס בלויז צוריקגעגעבען די „מענעדזשמענט ענד אפעריישאן" פון די טעלעגראף און טעלעפאן ליניען. איבער די פרייזעס, וואס די קאמפאניעס קענען רעכענען פאר טעלעגראמען און טעלעפאנען האט נאך בוירלסאן אליין צו זאגען א דעה.

עס איז ניט אוועק קיין פיער און צוואנציג שעה נאכדעם ווי בוירלסאן האט איבערגעגעבען זיין רשות איבער די טעלעגראפען און טעלעפאנען, ווען די טעלעגראפיסטען יוניאן האט באשלאסען צו רופען א גענעראל־סטרייק, וועלכער האט זיך אנגעפאנגען לעצטען מיטוואך.

ניין, דאס איז ניט קיין „פאליטישער" סטרייק פון די טעלעגראפיסטען, אום צו פאדערען אז די טעלעגראפען און טעלעפאנען זאלען פארבלייבען דאס אייגענטום פון שטאאט. אונזערע ארבייטער מישען זיך ניט אין פאליטיק, און פאליטישע סטרייקס זיינען, לויט דעם מאראל פון אונזערע אפיציעלע ארבייטער־פיהרער, שטרענג פארבאטען.

דער סטרייק איז א גאנץ געוועהנליכער, מיר מיינען די פאדערונגען פון די ארבייטער. אבער איידער מיר קומען צו די פאדערונגען, מוזען מיר זאגען א פאר ווערטער וועגען בוירלסאן.

צווישען ווילסאנ'ס מיניסטארען איז בוירלסאן דער אומפאפולערסטער. די ארבייטער האסען איהם, און מיט רעכט, ווייל ער איז אן איבערצייגטער, איינגעשפארטער יוניאן־פרעסער. אונטער זיין רעזשים האבען די ארבייטער קיין געלעגענהייט ניט געהאט צו ארגאניזירען זיך, אנצופיהרען דורך געזעצליכע מיטלען אן אגיטאציע פאר זייערע גערעכטע פאדערונגען, אדער אויף וועלכען עס איז אופן ארויסווייזען זייער זעלבסטשטענדיגקייט. בוירלסאן האט אנערקענט בלויז אין פרינציפ פון פארהאנדלונגען מיט זיינע ארבייטער, און דאס איז זיי צו איגנארירען איינגאנצען. און ניט נאר האט ער זיך ענטזאגט צו אנערקענען און פארהאנדלען מיט די אנגעשטעלטע אין זיין דעפארטמענט, ער האט [illegible] א סך פון זיי געלאזט פארפאלגען, און מאנכע פון זיי איינגאנצען אפגעזאגט, דערפאר וואס זיי זיינען געווען טהעטיג אין זייערע יוניאנס. אויך האט ער ענטזאגט זיך נאכצוגעבען די פאדערונגען פון העכערע ווידזשעס — א זאך וואס די פארביסענסטע טראסטס האבען נאכגעגעבען. די ווידזשעס פון מעהרסטע פון זיינע ארבייטער זיינען איצט דיזעלבע ווי אין 1915.

מיינט איהר דאך, אז די בעל הבתים האבען ליעב אט דעם בוירלסאן? עס הויבט זיך ניט אן. ער האט אזוי גוט געפיהרט די געשעפטען פון זיין דעפארטמענט, אז ער האט געגען זיך אויפגעבראכט אלע קלאסען פון דער געזעלשאפט. די העכערונג פון „רעיטס" אויף טעלעגראמעס און טעלעפאנען האבען געגען איהם אויפגעהויבען די ביזנעסלייט, זיין „פאסטאל זאון" געזעץ האט איהם געוואונען אייביגע שונאים צווישען די גרעסטע און איינפלוסרייכסטע ארויסגעבער פון צייטונגען און זשורנאלען. זיינע צארישע אונטערדריקונגען פון פרייער פרעס האבען געגען איהם אויפגעהויבען אלע פראגרעסיווע עלעמענטען פון אמעריקא. בוירלסאן האט בלויז איין פריינד — ווילסאנ'ען, און בלויז איין פיינד — דאס גאנצע אמעריקאנער פאלק.

אויך אין דעם איצטיגען סטרייק באשולדיגען די ארבייטער בוירלסאנ'ען. דאס איז א „טריק" פון זיין זייט, זאגען זיי. ער האט געוואלט אויסמיידען טראבעל, ווייל ער האט געוואוסט אז די פאדערונגען פון די ארבייטער וועט מען מוזען סוף כל סוף נאכגעבען, האט ער גענומען און אומגעקעהרט די טעלעגראפען צו די קאמפאניעס און שלאגט זיך קאפ אן וואנט.

דאס וואלט ניט געווען אזוי שלעכט; די קאמפאניעס וואלטען זיך געפונען געצוואונגען נאכצוגעבען די פאדערונגען פון זייערע ארבייטער, ווייל לאנג פארציהען דעם סטרייק וואלטען זיי ניט געקענט דערלאזען. אבער אזוי ווי די רעגירונג האלט נאך אן דעם קאנטראל איבער די „רעיטס", איז זי אויך פאראנטווארטליך פאר די פראפיטען פון די קאמפאניעס. די רעגירונג, בעת זי האט איבערגענומען די טעלעגראפען און טעלעפאנען, האט די קאמפאניעס גאראנטירט א פראפיט פון 8 פראצענט. איצט, אלזא, וועלען די קאמפאניעס זייערע פראפיטען קריגען אויך פאר דער צייט פון דעם סטרייק. דאס הייסט, אז זיי קענען פארשפענדען מיליאנען אויף צוברעכען דעם סטרייק און די רעגירונג וועט דאס גוט מאכען.

אזא סיטואציע איז נאך אין לאנד קיינמאל ניט פארגעקומען. באטראכט עס נאר: די ארבייטער צאהלען דער רעגירונג פארשיידענע שטייערען און פון אט די געלדער ווערען דירעקט געברויכט צו צוברעכען סטרייקס. די רעגירונג, קומט אויס, איז די אפיציעלע טרעזשורי פון א סטרייק־ברעכענדער אונטערנעמונג.

וואס זיינען די פאדערונגען פון די טעלעגראפיסטען? זיינען זיי אפשר רעוואלוציאנער, באלשעוויסטיש, אזוי אז מען מוז זיי דורכאוים באקעמפפען?

אט זיינען די פאדערונגען און אורטיילט אליין וועגען זיי.

דער סטרייק־רוף פון די טעלעגראפיסטען יוניאן לויטעט:

„אונזערע פאדערונגען זיינען:

1) דאס אומבאגרענצטע רעכט צו געהערען צו אן ארבייטער יוניאן.

2) דאס רעכט צו פארהאנדלען מיט די בעלי הבתים דורך די יוניאנס וואס רעפרעזענטירען טעלעפאן און טעלעגראף ארבייטער און ניט דורך פארבאנדען וואס די קאמפאניע ארגאניזירט אום צו באקעמפפען די ארבייטער.

3) צוריק אנצושטעלען אלע ארבייטער וואס זיינען אנטזאגט געווארען פאר געזעצליכע יוניאן־טעטיגקייטען.

4) העכערע ווידזשעס וואס זאלען זיין גרויס גענוג צו דעקען די העכערונג פון לעבענסמיטלען זינט 1915.

5) באשטימטע רולס וועגען ארבייטס־באדינגונגען אזוי, אז די ארבייטער זאלען באהאנדעלט ווערען מיט יושר און גערעכטיגקייט".

אט דאס זיינען די פאדערונגען, פאר וועלכע די טעלעגראפיסטען זיינען ארויס אין סטרייק.

עס איז נאך דערוויל צו פריה צו שרייבען וועגען דעם צושטאנד פון סטרייק. וועגען דעם — נעקסטע וואך.

GERECHTIGKEIT Maintained by and in the interest of the International Ladies Garment Workers Union, Office, 31 Union Square, New York, N. Y. B. Schlesinger, President; S. Yanofsky, Editor; A. Baroff, Secretary-Treasurer; E. Lieberman, Business Manager.

Vol. I. No. 22. Friday, June 13, 1919

Entered as Second Class matter January 25, 1919, at the Postoffice at New York, N. Y., under the Act of March 3, 1879.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in Section 1103 Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919

True translation filed with the Postmaster at New York City on June 6, 1919, as required by the of Congress approved Oct. 6th, 1917, known as the "Trading with the Enemy Act."

די סענסאציע מיט דעם שלום-אפמאך

עס האט געקאכט און געשטורעמט אין סענאט. מען האט געהאלטען פייערדיגע רעדעס, מען האט געדונערט און געבליצט „אין נאמען פון אלע געטער מיט אמאל", און, ווי געוועהנליך, איז דער טומעל גע-ווען איבער נארנישט. אין דער וועלט פון פארלאמענטארישע פלוידערייען גלאט אזוי זיך, פארנעמט אונזער סענאט דעם איבען-אן, ער ווערט פארעכענט אלס דער טשעמפיאן פון דברים בטלים, און אין דעם וועטער-שטורם, וואס האט זיך געענדיגט מיט א דונערענדער סענסאציע, האט דער סענאט באוויזען אז ער האט זיין אלוועלטליכע רעפוטאציע כשר פאר-דיענט.

איז געווען א מעשה מיט א „טריטי". די גדולים אויף דעם פרידען קאנפערענץ האבען באשלאסען, אין איינקלאנג מיט איינעם פון ווילסאן'ס 14 פונקטען, וואס פאדערט „אפענע דיפלאמאטיע", אז מען זאל דעם טעקסט פון דעם שלום-אפמאך ניט פארעפענטליכען ביז די דייטשען וועלען איהם ניט אונטערשרייבען. וואס די שלום מאכער זיינען מיט דעם אויסען גע-ווען, ווייסען מיר ניט און מיר ווילען זיך ניט אריינלאזען אין חקירות. מסתמא האט די זיכערונג פון דער וועלט דעמא-קראטיע אזוי געפאדערט.

האבען מיר אבער א סענאט, וואס איז רעפובליקאניש, און וואס זוכט אויף אלע אופנים צו פארשטערען ווילסאנ'ען זיינע לעצטע עטליכע פרעזידענטישע מאנאטען, און דער סענאט האט זיך אנגענומען די קריוודע פון דער וועלט. די רעפובליקא-נער סענאטארען זיינען חלילה ניט געגען „געהיימער דיפלאמאטיע"; פארקעהרט, וואס וועניגער דער עולם ווייסט אלץ בע-סער, נאר וואס דען, מען האט זיי פאר-טיילט כבוד. מען האט דעם סענאט ניט צוגעשיקט קיין קאפיע פון דעם שלום אפ-מאך, וואס ווערט אין די זיעגרייכע לענ-דער געהאלטען אין געהיים, כאטש אין די נייטראלע לענדער און אין דייטשלאנד ווערען געדרוקטע קאפיעס פארקויפט צו יעדען איינעם וואס האט נאר די פרייז צו באצאהלען. וואלט מען נאך אפשר ארונ-טערגעשלונגען די דאזיגע באליידיגונג. געפינט אבער סענאטאר באראה אויס, אז אין וואל סטריט זיינען יא פאראן עטליכע קא-פיעס פון דעם אפמאך. ער האט אליין געזעהען איינע פון זיי, זאגט ער. ווערט אין סענאט א טומעל. סטיימש, די וואל סטריט מאגנאטען, די „גרייט אינטערעסטס" יא און אונז ניט? א סקאנדאל, א געוואלד! און ווי גע-וועהנליך, האט דער טומעל אין סענאט געבוירען אן אונטערזוכונגס-קאמיטע, אויסגעצוגעפינען ווי אזוי די וואל סטריט קעניגע זיינען דאס געקומען צו דעם אפ-מאך. די דעמאקראטען האבען אפילו גע-קיבעצט די רעפובליקאנער סענאטארען און האבען אנגעוויזען אז באראה און אנ-דערע מוזען זיין גאנץ גרויסע מיוחסים מיט וואל סטריט, אויב מען האט זיי פאר-טרויט אזא וויכטיגען סוד, אבער דאס האט דעם טומעל ניט איינגעשטילט.

די געשיכטע איז ארויס אויף די פא-דערשטע בלעטער פון אלע צייטונגען, מען האט אנגעהויבען קלינגען און פויקען וועגען דעם, מען האט געקייבעלט צו וויל-סאנ'ען, און ווילסאן האט געענטפערט אז דער סענאט ארט איהם ווי די קאץ, אז דער סענאט וועט קריגען א קאפיע ערשט ווען דער אפמאך וועט אונטערגעשריבען ווערען, און.... דא האט דער בארג גע-בוירען א מויז. מען האט דעם אפמאך פארעפענטליכט ווארט פאר ווארט, און עס האט זיך ארויסגעוויזען אז דער אפ-געקירצטער אינהאלט, וואס איז פריהער פארעפענטליכט געווארען, האט גאנץ גע-נוי איבערגעגעבען די פאקטען פון אפ-מאך, אז די נייע איינצעלהייטען, כאטש זיי זיינען אינטערעסאנט און וויכטיג, זיי-נען גאר ניט סענסאציאנעל — בלויז נאך איינגע טשוועקעס אין דייטשלאנד'ס קבר, און די רעפובליקאנער סענאטארען זיינען געבליבען מיט א נאז און אהן א קנעלונג. נאר בלויז אויף א-וויל. סענ-סאציעס זיינען פאראן גענוג, און אז ניט קען זיי דער סענאט באשאפען.

בריעף פון אטלאנטיק סיטי

פון דזש. העללער

איך וויל אייך, ערשטענס, לאזען וויסען, אז מיר (אלע דעלעגאטען מיט'ן רעדאקטאר) זיינען געלויבט זיין ליעבען נאמען אין בעסטען געזונד. נאטירליך זיי-נען מיר אביסעלע ענטוישט אין וועטער. ווי מיר זיינען נאר אריין אין אטלאנטיק סיטי, האט אנגעפאנגען רעגענען, און עס רעגענט נאך אלץ. איהר קענט זיך פאר-שטעלען וואס דאס מיינט? איהר ווייסט דאך מסתמא, ווי קוני איילענד זעהט אויס, ווען עס פאנגט דארט אן צו רעגע-נען, אזוי איז דאס אויך אין אטלאנטיק סיטי, נאר גאר ניט. מיר האפען דאך אלע, אז ניט אייביג וועט פינסטער זיין. די וואלקענס וועלען זיך מסתמא אמאל בא-האלטען אין ים, דער הימעל וועט קלאר ווערען, די זון וועט אנהויבען צו שיינען, און אלעס, וואס לעבט און שטרעבט, צו-זאמען מיט אונז, וועלען זיך פיהלען היימ-לעכער, פרייער און מונטערער.

* * *

די היינטיגע קאנווענשאן זעהט אויס פונקט ווי דער וועטער. ניטא מעהר דער גרויסער טאראראם פון די לעצטע צוויי מלחמה-קאנווענשאנס. פרעזידענט ווילסאן איז דאס מאל ניט געקומען, ווי ער האט דאס געטאן אין באפלא. די מארשירענדע סאלדאטען וואס האבען מארשירענדיג סאלוטירט די ארבייטער-באוועגונג פון אמעריקא, מיט א יאהר אין צוויי צוריק, האבען שוין יעצט אויסגע-טאן זייערע מונדירען און געפינען זיך שוין ערגעץ אין די מינען און די פעק-טאריס. פון דעם גלאנץ פון דער סט. פאול קאנווענשאן איז יעצט קיין זכר ניט געבליבען. אלעס איז יעצט פארגעסען, אלעס זעהט אויס נארמאל. עס איז כמאר-נע, רעגענדיג, אומעטיג דא, אין אטלאנ-טיק סיטי, און מיר דאכט זיך, אז די זעלבע כמארע געפינט זיך אין די הער-צער פון פיעלע דעלעגאטען. אבער דאס איז ניט קיין איבערראשונג פאר פיעלע. האבען מיר דען אנדערש ערווארטעט?...

אט האט מען ערשט געענדיגט לעזען א קייבעל-גראם פון פרעזידענט ווילסאן פון פראנקרייך. פרעזידענט ווילסאן לויבט זעהר שטארק פרעזידענט גאמפערס. ער באוואונדערט זיין פעהיגקייט, זיין אי-בערגעבענהייט, זיין אויפטו פאר דאס לאנד און פאר די ארבייטער באוועגונג פון אמעריקא. די דעלעגאטען האבען, נא-טירליך, אפלאדירט. אבער ווי קען מען פארגלייכען דעם שטורם פון אוואציעס, וואס פרעזידענט ווילסאן האט געקראגען אין באפלא, ווען ער האט אדרעסירט די קאנווענשאן, צו דעם היינטיגען, שוואכען אפלאוז, וואס זיין טעלעגראמע האט ער-האלטען?

יא, ברידער, ניטא מעהר קיין „וואר"-קאנווענשאן. יעצט איז פריעדען, פריע-דען, פריעדען.

* * *

וואס פאר א צער צוצוקוקען! בלאס, אויסגעמאטערט, אפגעשוואכט, גרויסע שווארצע רינגען אונטער די אויגען, טיעף פארטראכט, און אין גאנצען איינ-געהילט אין א הארצרייסענדען אומעט, דאכ איז יעצט גאמפערס. איך קוק אויף איהם און קוק, און זוך זיך צו ענטפערן אויף די פראגע: „וועגען וואס איז ער אזוי פארטראכט?" אבער אומזיסט. ווער ווייסט, וואס עס טוט זיך יעצט אין זיין נשמה? ווען איך קוק אויף איהם און זעה ווי ער ווארפט זיינע מילדע רחמנות-בלי-קען איבער דעם גרויסען גלעזערנעם זאל, אין וועלכען די קאנווענשאן ווערט גע-האלטען, רייסט מיר דאס הארץ.

די צ י י ט איז א הארצלאזער גזלן. זי האט אונ'רחמנות'דיג אוועקגע-לייגט איהר שטעמפעל אויף דעם „אלד מען" אין פארלויף פון לעצטען יאהר. עפעס גאר אן אנדער גאמפערס געווארען. אפגעווישט זיין שמייכעל, בארויבט זיין ענערגיע, א שאטען פון דעם וואס איז אמאל געווען גאמפערס, דער גרויסער, דער שטארקער גאמפערס, פון דער אמע-ריקאן פעדערייששאן אוו לייבאר.

אבער אט קומט א געלעגענהייט. גאמפערס רעדט ל י י ב א ר, און א פייערל צינדט זיך אן אין זיינע אויגען, זיין רוקען ווערט אויסגעגלייכט, זיין שטי-מע צוטראגט זיך איבער'ן זאל, און ווען ער זאגט ארויס: „די בעלי בתים וועלכע האלטען זיך נאך פאר די אלטע באגריפע וועגען ארבייט, וואס האבען געהאט פאר דער מלחמה, און דענקען אז זיי וועלען קענען האלטען דעם ארבייטער אונטער צוואנג, מאכען דעם חשבון אהן דעם בעל-הבית", ווערט דער זאל פארקלונגען פון אפלאדיסמענטען, און א זיגער'ס שמיי-כעל צוגיסט זיך איבער זיין פנים.

* * *

מיר האבען שוין היינט אפגעטאן א היבשע ביסעל ארבייט. מיר האבען זיך אויפגעהויבען און אוועקגעזעצט. דאס האבען מיר אפגעגעבען עהרע דעם גאווער-נאר פון ניו דזשוירזי, דערפאר, וואס ער האט אונז געגעבען א לעסאן אין קלאסען-קאמף. ער האט אונז געבעטען מיר (די ארבייטער באוועגונג) זאלען זיין רוהיג און נאר האבען געדולד, וועט שוין אלעס זיין, ווי גאט האט געבאטען.

ער האט אונז דערצעהלט, אז ווען מיר וועלען זיך נאר אויפפיהרען ווי עס באדארף צו זיין, וועט אמעריקא זיין די שענסטע לאנד אויף גאט'ס ערד. אגב האט ער אנגעריבען א מארדע א זעלכע ניו יארקער ווייסע חברה'ניקעס, וואס זיינען געווען זונטאג אין מעדיסאן סקווער גארדען און האבען אזוי אומבארמהערציג אפלאדירט די רעדנער. נו, איז ער דען ניט ווערט געווען א דאנק? בפרט נאך אז דאכ האט קיין דעלעגאט קיין סענט ניט געקאסט. מען האט זיך אוועקגעשטעלט און בארטיג.

* * *

ווילט איהר אפשר וויסען אביסעל פאליטיק? יא? גערהט עס. דזשאהן פ. אלפיין, דער 6טער וויים-פרעזידענט פון דער אמעריקאן פעדערייששאן אוו לייבאר איז שוין ניטא! אה, שרעקט זיך ניט. ער איז גאט צו דאנקען שטארק און געזונט, נאר ער איז אויס! ער האט אריינגעשיקט א טעלעגראמע, אזוי נאר פלוצלינג, אז ער רעזיגנירט און פארטיג. ער האט אפילו צום קאנווענשאן ניט געוואלט קו-מען. פיעלע אורזאכען ווערען אנגעגעבען פאר זיין פארצווייפעלטען שריט, אבער די איינציגע אורזאכע וואס אפעלירט צו מיר איז די, וואס א געוויסער מאן וואס „ווייסט", האט מיר געזאגט. ער איז איינפאך „טייערד אוו דהי לייבאר מואור מענט". נעבאך. נאך גוט כאטש, וואס איידער ער האט אונז, ארימע שעפעלאך, פארלאזען, האט ער זיך באמיהט פאר אונז און זיך דורכגעפאהרען צום פרידענס קאנפערענץ צו זעהן צו פארשטארקען אונזערע רעכטע ביים פרידענס-טיש, דורך דער „ליעג אוו ניישאנס". וואס וואלט ח"ו פאסירט ווען ער וואלט געהאט רע-זיגנירט פריהער?

ווייטער וויל איך שרייבען, אז זיי זופען עפעס היי-יאהר די קאנווענשאן, פונקט ווי איך ז ו פ קאלטע בארשטש אין א הייסען טאג. מען שיסט און פארטיג. אין היינטיגען טאג, האבען שוין גערעדט: דער מעיאר פון שטאדט (ער איז א באנקיר), דער גאווערנאר פון סטייט, דער פרעזידענט פון דער ניו דזשוירזי סטייט פעדערייששאן אוו לייבאר (וואס זיי האבען גערעדט איז ניט וויכטיג) און גאמפערס האט אויך דער-לאנגט א גאנץ נישקשה'דיגען „ספיטש-על" ווייטער האט מען שוין צוטיילט אלע כבודים פון די קאמיטעס, מיר האבען שוין אויך געהערט די רייזע-באשרייבונג פון דער פרידענס-דעלעגאציע (א גאנצע מגילה), און נאך און נאך זאכען, און אז עס איז געקומען 5 א זייגער, זיינען מיר שוין אלע געגאנגען פון שול. ווי געפעלט אייך אזא אומגליק? ווען זיי זאלען, ח"ו, אזוי אנהאלטען, וועלען מיר דאך באלד זיין צוריק? אי, וועה, א בראך!

* * *

וואס עס קען זיך ענטוויקלען אויף דיזער קאנווענשאן, איז שווער פאראויס-צוזאגען. די אדמיניסטראציע זעהט אויס צו זיין גאנץ שוואך. איז אבער דא אן אנ-דער צרה. די ראדיקאלען און דער סאציאליסטישער עלעמענט זעהען אויס צו זיין נאך שוואכער. די פאר סאציאליסטען וואס האבען דא אימער געשריען, געהן היינט ארום ענטמוטיגטע און מורמלען: „ר ע כ ט ע", „ל י נ ק ע", „ל י נ ק ע ר ע כ ט ע".

געוואלד געשריען, וואס איז דאס פאר אן אנשיקעניש?

איך בין הונגעריג און איך וויל עסען, און די באיעס ווארטען אויף מיר, און איך וויל אביסעל אויסגלאצען מיינע אוי-גען אויפ'ן ים, און איך וויל אביסעל אנ-זעהן דעם שוים פון די כוואליעס, וואס זשומען און הודזשען פונקט געגען איבער מיין פענסטער, און איך וויל נאך היינט אביסעל א שפאציר טאן מיט די איבריגע חברה — איך פויל זיך מעהר צו שריי-בען דאס אלעס.

ענטשולדיגט מיר. נעקסטען מאל וועל איך מעהר שרייבען. דערוויל זייט מיר געזונט און גליקליך. איך האף, אז אלע ארבייטען שוין, און אלע האבען גע-קראגען גוטע פרייזען, און אז אלע זיינען דארט צופרידען, און אז איהר אלע, שוועסטער און ברידער, פארגינט מיר דעם פארגניגען וואס איך „שעפ" דא. דער-פאר אז איהר וועט אמאל לויפען צו א קאנווענשאן וועל איך פאר אייך אויך שטימען. „האנעסט".

אייער העללער.

נ. ב. — א ספעציעלען גרוס צו די ריפער מאכער (זעהט מעקט ניט אויס די שורה). יא. איהר ווייסט, וואס דא טוט זיך? דא פאהרען ארום וועגעלעך אהן פערד! די פערדלעך, קענטיג, זיצען נאר אין די וועגעלאך. אבער וועגען דעם אן אנדערש מאל.

טענענטס פון בארא פארק האבען א זיעג

די טענענטס יוניאן פון בארא פארק ברוקלין, האט געהאט א גרויסען זיעג. זיי האבען געסעטעלט די סטרייקס אין די פאלגענדע הייזער: 32-36-1322—41טע סט. צו גונסטען פון די טענענטס.

עס איז אויך געסעטעלט געווארען דער סטרייק אין 1352 — 43טע סטריט, און אין דער 15טער עווועניו אפארטמענט הייזער. אלע סטרייקס זיינען געסעט-טעלט געווארען מיט אגרימענטס אויף א יאהר, דאס קיינע רענט וועט ניט געדייזט ווערען. די יוניאן טוט איהר ארבייט זעהר גוט. זי [illegible] יעצט אויפנעהמען א קאמף מיט די בוטשערס. דער אפיס פון דער יוניאן איז אין די סאציאליסטישע קלוב-רומס פון בארא פארק.

א וויקטאר בערגער מאסמיטינג.

לעצטען זונטאג איז אין מעדיסאן סקווער גארדען אפגעהאלטען געווארען איינער פון די אינטערעסאנטסטע סאציא-ליסטישע מאסמיטינגען וואס ניו יארק האט פאר דער לעצטער צייט בייגע-וואוינט. דער הויפט רעדנער איז געווען וויקטאר בערגער, דער סאציאליסטישער קאנגרעסמאן פון מילוואקי, וועלכער איז ניט צוגעלאזען געווארען צום קאנגרעס הערפאר וואס מען האט איהם פאראור-טיילט פאר עובר זיין דעם „עספיאנאזש עקט". דער מיטינג איז איינענטליך פאר-רופען געווארען אום צו פראטעסטירען גע-גען דער האנדלונג פון קאנגרעס וואס וויל ביי בערגער'ן אוועקנעמען דעם פלאץ צו וועלכען ער איז בארעכטיגט; אבער פיע-לע אנדערע זאכען זיינען דארט באשפרא-כען געווארען. פראמינענטע ראדיקאלען האבען זיך אויסגערעדט זייער ביטער הארץ געגען די פאראנדקעס ביי אונז אין לאנד און אין איירעפא.

בערגער האט געהאלטען א זעהר שטארקע רעדע, אין וועלכער ער האט אנ-געגריפען די רעגירונג פאר איהרע רעאק-ציאנערע טהאטען.

רעדענדיג וועגען רעפרעזענטאנטען-הויז, האט בערגער געזאגט:

„אויב יענער סאוועט פון לאיערס און באנקירען וועט ביי מיר אוועקנעמען דעם פלאץ, וועט דער ווילען פון דעם פראלע-טאריאט אויסגעדריקט ווערען אויף אנאנ-דער אופן.

„אמעריקא, — האט ער ווייטער גע-זאגט, — האט אין דער מלחמה געוואלט פארנעמען דעם פלאץ פון רוסלאנד. איצט ווייסען מיר, אז אמעריקא האט פארנומען דעם פלאץ פון צארישען רוסלאנד. אין די לעצטע פופציג יאהר האבען מיר ניט געהאט אזא רעאקציאנערען קאנגרעס ווי מיר האבען איצט".

אנדערע פראמינענטע רעדנער, ווי אל-בערט וויליאמס, סימור סטעדמאן, דער לאיער, וואס האט פארטיידיגט דעבס'ען און בערגער'ען, טשארלז אווירווין, דער רעדאקטאר פון דער „קאלל" און אל-גערנאן ליע האבען גערעדט אין דעם זעלבען טאן.

א רעזאלוציע איז אנגענומען געווארען, וואו עס ווערט געפאדערט, אז בערגער זאל באלד קריגען זיין פלאץ אין קאנגרעס, אז אלע פאליטישע ארעסטאנטען זאלען באלד באפרייט ווערען, אז אלע געזעצע וואס אונטערדריקען רעדע-פרייהייט זאלען צו-ריקגערופען ווערען. די רעזאלוציע פאר-דאמט אויך די פוילישע רעגירונג פאר איהרע פאגראמען אויף אידען, און בא-גריסט די פראלעטאריער פון אלע לענ-דער, וואס קעמפפען געגען דער קאפיטא-ליסטישער ארדנונג.

די פרויען וועלט

פון ראזע בעדריק (בלינדער).

דער סאפרעדזש־אמענדמענט דורכגעגאנגען אין סענאט.

מיטוואך, דעם 4טען יוני, איז דער פיעל־באריהמטער סאפרעדזש־אמענדמענט צו דער פעדעראלער קאנסטיטוציע אנגענומען געווארען אין סענאט מיט 56 שטימען פ א ר צו 25 שטימען געגען. דאס איז מיט צוויי שטימען אריבער די נויטיגע צוויי־דריטעל שטימען, וואס האבען זיך דערצו געפאדערט.

ווי אונזערע לעזער איז שוין באקאנט, איז דאס דורכגעהן איצט פון'ם אמענדמענט אין סענאט געווען פון אלעמען ערווארטעט. דער איצטיגער זיעג פון די אמעריקאנער סאפראדזשעטקעס, גרויס און ערפרעהענד ווי ער איז, איז ער אבער פאר קיינעם קיין איבערראשונג ניט.

אצינד געהט דער אמענדמענט איבער צו די באזונדערע שטאאטען, אז זיי זאלען איהם ראטיפיצירען. אום דער אמענדמענט זאל אריין אין קראפט, און אלגעמיינעם פרויען־שטימרעכט זאל ווערען א קאנסטיטוציאנעלעס געבאט, מוז ער ראטיפיצירט, ד. ה., גוט געהייסען און אנגענומען ווערען פון ניט ווייניגער ווי צוויי דריטעל פון דער גאנצער צאהל פאראייניגטע שטאאטען. נעמליך, 36 פון די 48 פאראייניגטע שטאאטען דארפען דעם אמענדמענט גוט הייסען, איידער ער ווערט א טייל פון דער קאנסטיטוציע. מען האפט, אז אין דעם פרט וועט דער אמענדמענט קיין באזונדערע שטערונגען ניט באגעגנען, כאטש גאנץ זיכער זיין מיט דעם קען מען ניט. אמת, אין נאהענט צו דרייסיג שטאאטען האבען די פרויען שוין איצט שטימרעכט. אבער די זידליכע שטאאטען, וועלכע זיינען עלף אין צאהל, זיינען אויסגעשפראכען געגען דעם אמענדמענט. אויב צו זיי זאלען צוקומען ניט מעהר ווי נאך צוויי שטאאטען, אזוי, אז די צאהל פון די געגנערישע שטאאטען זאל גרייכען ביז 13 — דעמאלט קען דער אמענדמענט האבען די גוט־הייסונג פון בלויז 35 שטאאטען, וואס דאס איז מיט איין שטאאט ווייניגער פון די נויטיגע צוויי־דריטעל פון אלע שטאאטען. אין אזא פאל וואלט די גאנצע ביז איצטיגע ארבייט פון די סאפראדזשעטקעס געווען ארויסגעווארפען און זיי וואלטען געמוזט אנהויבען זייער קאמפף אויפ'ס ניי. אבער, ווי געזאגט, לענט זיך עס ניט קיינעם אויפ'ן שכל, אז איצט, נאכדעם ווי דער אמענדמענט איז דורכגעגאנגען מיט אזא גרויסער מאיאריטעט שטימען אין ביידע הייזער פון'ם קאנגרעס, זאל ער דורכפאלען ביי די ראטיפיקאציעס פון די באזונדערע שטאאטען. על כל פנים, זעהט מען ניט, אז די פיהרער פון די פרויען־רעכטלערינס זאלען וועגען דעם זיין ערנסט פארדאגה'עט. וואס זיי אינטערעסירט איצט יא איז, אז די ראטיפיצירונג פון'ם אמענדמענט אין באזונדערע שטאאטען זאל זיך אנהויבען וואס גיכער.

די ראטיפיקאציעס ווערען געמאכט אדער פון די שטאאט־לעגיסלאטורען, אדער פון ספעציעלע שטאאט־קאנווענשאנס. ארבייטען איצט די פרויען־רעכטלערינס אויף אלע כלים, אז אין די שטאאטען, וואו די לעגיסלאטורען זיינען נאך אין סעסיע, זאל דארט דער אמענדמענט שוין אויפגענומען ווערען פאר ראטיפיקאציע, און אין שטאאטען, וואו די לעגיסלאטורען זיינען שוין געשלאסען ביז איבער'ן זומער, זאלען פאר דער ראטיפיצירונג פון'ם אמענדמענט גערופען ווערען ספעציעלע שטאאט־קאנווענשאנס.

די הויפט אמביציע פון די פרויען־רעכטלערינס איז, אז אלע פרויען אין די פאראייניגטע שטאאטען זאלען איצט וואס גיכער קריגען דאס שטימרעכט, כדי זיי זאלען קענען זיך באנוצען דערמיט אין די קומענדע פרעזידענט־וואהלען פון 1920. צי דאס וועט זיך זיי איינגעבען איז נאך א ספק, אבער מעגליך איז דאס. און אויב דאס זאל זיי ווירקליך געלינגען, וואלט עס די קומענדע פרעזידענט־וואהלען, פון וועלכע עס ווערט איבער דער גאנצער וועלט זעהר א סך ערווארטעט, נאך צוגעגעבען א ספעציעלען אינטערעס פון אומגעהייער־גרויסער באדייטונג פאר אלע פאליטישע פארטייען פון'ם לאנד. ווי גרויס עס איז די פאליטישע באדייטונג פון'ם איצטיגען ערפאלג פון די פרויען־רעכטלערינס קען מען זעהן פון דער זעהר ווארימער באגריסונגס־טעלעגראמע, וואס פרעזידענט ווילסאן האט צוגעשיקט פון פאריז צו מרס. קערי טשעפמען קעט, פרעזידענטין פון דער נאציאנאלער סאפרעדזש־ארגאניזאציע. די טעלעגראמע לעזט זיך:

„איך בין פאראייניגט מיט אייך און מיט אלע פריינד פון דעם סאפרעדזש־געדאנק אין דער גרויסער שמחה איבער דער אננאמונג פון'ם סאפרעדזש־אמענדמענט אין קאנגרעס. איך בעט אייך, נעמט אן און גיט איבער אייער ארגאניזאציע מיין ווארימסטע באגריסונג".

אויסער ווילסאן'ס טעלעגראמע האט די נאציאנאלע סאפרעדזש ארגאניזאציע באקומען א גרויסע צאהל באגריסונגס־טעלעגראמען אויך פון א סך אנדערע באריהמטע פאליטישע פערזענליכקייטען פון אמעריקא און איירארפא.

עס ווילט זיך האפען, אז דער כבוד און פריינדשאפט, וואס ווערט איצט ארויסגעוויזען אין די „הויכע פענסטער" צו די פרויען־רעכטלערינס פון אמעריקא, וועט ניט „פארדרעהען די קעפ" פון די איצט פאליטיש־באפרייטע אמעריקאנער פרויען, ווענינגסטענס — ניט פון די ברייטע מאסען פרויען פון פאלק...

* * *

דער גייסט אויף דער פילאדעלפיער קאנווענשאן פון דער נאציאנאלער פרויען'ס טרייד יוניאן ליגע.

די אויגען פון אלע ארגאניזירטע ארבייטער־פרויען פון אמעריקא און פון א גרויסען טייל פון איירארפא זיינען לעצטע וואך געווען געריכטעט אויף פילאדעלפיא, וואו עס איז געהאלטען געווארען די קאנווענשאן פון דער אמעריקאנער נאציאנאלער פרויען'ס טרייד־יוניאן ליגע. די קאנווענשאן האט זיך געעפענט מאנטאג, דעם 2טען יוני, און האט אנגעהאלטען די גאנצע וואך ביז שבת, דעם 7טען יוני.

דער גייסט אין וועלכען די קאנווענשאן איז געפיהרט געווארען, און די אידעען און אנשויאונגען פון 125 דעלעגאטקעס, וואס האבען זיך אין דער קאנווענשאן באטייליגט, קענען ריכטיג אפגעשאצט ווערען לויט דעם פראגראם און רעקאמענדאציעס, וואס די קאנווענשאן האט אויסגעארבייט און אנגענומען. דאס דאזיגע פראגראם איז א דאקומענט פון א ווייט־גרייכענדען און עכט־פראגרעסיווען בליק און שטרעבונג צו א ליכטיגער און גליקליכערער צוקונפט פאר אלע מענשען אויף דער וועלט.

דער גייסט פון דער גאנצער קאנווענשאן איז אם קלארסטען אויסגעדריקט אין'ם קורצען אויסרוף פון מארגארעט באנדפיעלד, איינע פון די צוויי בריטישע דעלעגאטקעס אויף דער קאנווענשאן. מיס באנדפיעלד האט צום סוף פון איהר קורצער פייערדיגער רעדע אויסגערופען:

„אדער דער אוטאפישער אידעאליזם זאל פארווירקליכט ווערען און א סאציאליסטישע געזעלשאפטס־ארדנונג זאל באלד איינגעפיהרט ווערען, אדער די וועלט וועט ארונטערזינקען אין גיהנום אריין („אר דהי ווארלד סליפס אינטו העל")! איצט איז דער מאמענט צו ענטשיידען. דאס איז דער וועלט'ס לעצטע ברירה און איהר לעצטע געלעגענהייט זיך צו ראטעווען פון אונטערגאנג!"

ביי די דאזיגע ווערטער זיינען אלע פארזאמעלטע ווי איין מענש אויפגעשפרונגען פון זייערע פלעצער און האבען אויסגעדריקט אזא פייערדיגען ענטוזיאזם, וואס איז נאך ניט געזעהן געווארען אויף קיין איינער פון די פריהערדיגע קאנווענשאנס פון דער ליגע. עס איז, אגב, כדאי צו דערמאנען, אז די ליגע איז אן ארגאניזאציע פון דער „אמעריקען פעדערעישאן אוו לייבאר", וועלכע האלט איהר יעהרליכע קאנווענשאן היינטיגע וואך אין אטלאנטיק סיטי.

אבער ניט אן די פאטהעטישע אויסרופען פון דער אדער יענער דעלעגאטקע — ווי שעהן און ריהרענד די אויסרופען זאלען נים זיין — באשטעהט די גרויסקייט און וויכטיגקייט פון אט דער פרויען־ארבייטער קאנווענשאן. דאס פראגראם, וואס די קאנווענשאן האט אנגענומען, איז פונקט אזוי פראקטיש, ערנסט און ענטשלאסען, ווי עס איז פראגרעסיוו און אידעאליסטיש.

לייזער ערלויבט אונז ניט דער פלאץ דא איבערצוגעבן דעם פולען אנהאלט פון דעם דאזיגען זעהר וויכטיגען דאקומענט. מיר ראטען אבער יעדע ארבייטער־פרוי און מיידעל (און אפילו די מענער אויך) צו זעהן באקומען דעם פולען קאנווענשאן־באריכט, אזוי באלד ווי ער וועט ארויס פון דרוק, און איהם אויפמערקזאם איבערלייענען. מען וועט קענען דעם באריכט באקומען אדער דורך שרייבען א פאסט־קארטעל אין הויפט־אפיס פון דער נאציאנאלער ליגע: 64 וועכב רענדאלף סטריט, שיקאגא, אדער אין יעדען פון דער ליגע'ס לאקאלע אפיסעס וואס געפינען זיך אין אלע גרעסערע שטעדט פון'ם לאנד. דער ליגע'ס ניו יארקער אפיס איז אין 7 איסט 15טע סטריט.

די הויפט פונקטען אין דעם פראגראם זיינען די רעקאמענדאציעס, וואס מרס. רעימאנד ראבינס האט אריינגעבראכט באלד ביים אנהויב פון דער קאנווענשאן, און וועלכע זיינען פון דער קאנווענשאן אנגענומען געווארען. אט זיינען איינינע פון די פונקטען:

1) זעלבסט־פארוואלטונג אין דער אינדוסטריע. דאס הייסט, אז די אינדוסטריעלע אינטערעסען פון די ארבייטער זאלען פארוואלטעט ווערען פון זייערע טרייד־יוניאנס, און ניט פון זייטיגע בוררים.

2) פאלשטענדיגעס רעכט און פרייהייט פאר אלע ארבייטער, פרויען און מענער, איינשליסענדיג די, וואס ארבייטען פאר דער רעגירונג, זיך צו ארגאניזירען אין טרייד־יוניאנס.

3) די באשאפונג פון א דעמאבילי־זאציאנס קאמיסיע, צוזאמענגעשטעלט פון פרויען און מענער, צו פארזיכערען באשעפטיגונג פאר אלע ארבייטער צו אלע צייטען אויף באשטימטע פעסט־געשטעלטע שכירות.

4) אלע נאטירליכע רעסורסען פון'ם לאנד, ווי אקער־ערד, מינעראל־פעלדער, מינען, אויל־קוועלען און עהנליכע נאטירליכע רייכטימער זאלען ווערען דאס אייגענטום פון דער גאנצער געזעלשאפט און ניט פון איינצעלנע באזיצער.

5) די באשטימונג, דורכ'ן פרידענס אפמאך, פון אן אינטערנאציאנאלער 44־שטונדיגער ארבייטס־וואך.

6) די פאלשטענדיגע אפשאפונג פון קינדער־ארבייט, און די איינפיהרונג פון צוואנג־בילדונג פאר קינדער ביז 18 יאהר.

אט די זיינען בלויז איינינע פון די פאדערונגען, וואס די קאנווענשאן פון דער פרויען'ס טרייד־יוניאן ליגע האט פארפאסט, און פאר דער פארווירקליכונג פון וועלכע די פארטרעטערינס פון די פארשידענע ארגאניזאציעס פון דער ליגע האבען זיך פארפליכטעט צו ארבייטען מיט אלע זייערע קרעפטען.

די סאמע וויכטיגסטע פאדערונג, וועלכע איז געווען צווישען נאך די ערשטע אנגענומען צו ווערען אויף דער קאנווענשאן, איז געווען די פאדערונג, אז די רעגירונג זאל באלד צוריקגעבען דעם פאלק אלע פאליטישע פרייהייטען, וועלכע דאס פאלק האט געגעבען פאר דעם לאנד'ס אריינטרעטען אין דער מלחמה, און זי זאל אויך באפרייען אלע פאליטישע געפאנגענע. די דאזיגע פאדערונג איז אויף דער קאנווענשאן פארמולירט און אויסגעדריקט געווארען אויף א זעהר קלארען און שארפען אופן און האט ארויסגערופען אזא שטורמישען אפלאוז, אז די ווענט האבען אזש געציטערט. עס איז געווען, מעג מען זאגען, אט די פאדערונג, וואס האט געשטעלט דעם טאן פאר דער גאנצער ווייטערדיגער פיהרונג פון דער קאנווענשאן; און אט דער הויכער פרייהייטס־טאן האט אנגעהאלטען אויף דער קאנווענשאן ביז איהר סאמע שלום.

בכלל האט די דאזיגע קאנווענשאן פון אמעריקאנער פרויען־ארבייטער פיעל פארשטארקט די האפנונגען פון אלע פרייהייט־ליבענדע מענשען אויף א בעסערע, פרעהליכערע און פרייערער צוקונפט פאר די גרויסע מאסען ארבייטער, מענער און פרויען. מעג די אמעריקאנער נאציאנאלע פרויען'ס טרייד־יוניאן ליגע האבען א סך גליק און גרויס ערפאלג אין איהר ווייטערער ארבייט פאר דעם נוצען און אין די אינטערעסען פון'ם גאנצען אמעריקאנער פאלק.

קארעספאנדענצען

א ווארט צו די מיטגלידער פון לאקאל 25.

ווערטהער רעדאקטאר! אלס א מעמבער פון לאקאל 25 בעט איך מיר צו ערלויבען א שטיקעל פלאץ, אין דער „גערעכטיגקייט" צו זאגען א פאר ווערטער צו אונזערע שוועסטער און ברידער פון דער וועיסט און דרעסמאכער יוניאן לאקאל 25.

איך וויל דא ספעציעל ציהען די אויפמערקזאמקייט פון די יענינע, וועלכע זיינען פארטשאדעט געווארען פון דעם שעהנעם ווארט „קאונסיל" און לאזען זיך בעאיינפלוסען פון יענע רעדעל פיהרער.

עס איז קיין צווייפעל ניט, דאס די קאונסיל־ניקעס שטרעבען אן זייער גאנצע ענערגיע צו שטערען אונזערע ליעדערס אין זייער ארבייט. זיי ווילען זיך זאגאר ניט געבען קיין רעכענונג צי עס פאסט זיך אזא טאקטיק און וואס פאר א רעזולטאטען זייערע שטערונגען וועלען ברענגען אונזער גאנצער יוניאן.

איך וויל זאגען דאס יענע לייטע באגרייפען גאר ניט דעם ארגאניזאציאנס־צושטאנד פון אונזער טרייד און דעם גייסטעס צושטאנד פון דער גרויסער צאהל מיטגליעדער פון אונזער יוניאן. זיי רעדען וועגען דעם אז די ארבייטער זאלען אליין קאנטראלירען די שעפער און דערביי פארגעסען זיי גאר אין גאנצען וואו זיי געפינען זיך, צי אונזער טרייד איז רייף פאר דיזער אפעראציע און צי דאס וועט אמאל אין אלגעמיין ניט צושטערען דאס ביסעלע וואס מיר האבען דורך א שווערען קאמף געוואונען.

שוועסטער און ברידער! לעבט ניט אין טעות. זאל זיך אייך ניט אויסצייגען אז אלע וועיסט שעפער זיינען אין זעלבען צושטאנד ווי די געצעהלטע פאר שעפער אין וועלכע די קאונסילניקעס ארבייטען. איך אליין וואלגער זיך שוין 7 יאהר צווישען די שעפער פון דיזען טרייד און איך קען גוט דעם כאראקטער פון זיי, און אויך דעם צושטאנד פון די ארבייטער וואס זיינען דארט באשעפטיגט. אין די מעהרסטע שעפער זיינען אונזערע ארבייטער מיידלעך נאכלעסיג צו זייער יוניאן, און עס וואלט געווען אך און וועה מען זאל זיך פארלאזען אויף זיי, זיי זאלען אליין קאנטראלירען די שעפער. עס וואלט גאר גיך פארלארען געהן אלעס, וואס די יוניאן האט דורך אזוי פיעל מיה אויסגעקעמפט.

איך זאג, אז עס איז זעהר נאריש צו וועלען איינפיהרען מיט דיעזען עלעמענט זעלבסט־קאנטראל, ספעציעל נאך איצט, ווען עס איז פאראנען אזא אנגעווערטיגטע פראגע ווי די אוט־אף־טאון פראגע, וואו בלוט האט זיך געגאסען איידער מען האט געקאנט ארונטערנעהמען א מיידעל אין סטרייק.

עס איז אמת, דאס די וועיסט־שעפער זיינען אין מאנכע אנזיכטען פארנאכלעסיגט געווארען אין באצוג צו יוניאן סטאנדארד, און דאס דארף זיכער וואס אם שנעלסטען אויסגעבעסערט ווערען.

איך ווייס, אז דאס וואס איך האב דא געזאגט וועגען די וועיסט שעפער, וועט אונזערע יוניאן ליעדערס אפשר ניט שמעקען, כאטש איך באשולדיג זיי ניט אין דעם. אבער איך וויל דא קיינעם ניט שאנעווען. איך וויל האבען אייניגקייט אין אונזערע רייהען. איך בין, דעם אמת זאגענדיג, אליין אויך ניט אין גאנצען צופריעדען מיט דער ארגאניזאציאנס־ארבייט פון אונזערע ליעדערס. איך קען אבער פאר קיין פאל ניט זיין איינפארשטאנען מיט די מעטאדען פון דעם „קאונסיל", וואס זוכט צו שטערען דער יוניאן צו העכערען די דיוס.

ווען די קאונסיל־שרייערס זאלען זיך גרינדליך אריינטראכטען אין דער אנגעלעגענהייט, וואלטען זיי אפשר אליין געזעהן צו וואס פאר א רעזולטאטען זייערע שעהנע פראזען קענען ברענגען אין אונזער יוניאן.

איך וויל שוין אויך זאגען, דאס אונזער וועיסטמאכער יוניאן דארף זיך נעהמען מעהר צו באפעסטיגען. עס דארף גערופען ווערען אפטע שאפ מיטינגען אום בעסער צו קאנטראלירען די צושטענדע פון די שעפער. זעהען צי די ארבייטער קריגען די פאדערונגען וועלכע דער באס האט זיך פארפליכטעט נאכצוגעבען. עס דארף געשאפען ווערען נעהנטערע פארבינדונגען צווישען שאפ און דער יוניאן, און אויף אזא אופן אגיטירען צווישען די ארבייטער אין דער אינדוסטריע.

און נאטירליך, מען מוז זיך דורכאויס אנשטרענגען דאס זעלבע צו טאן אין די קאנטרי שטעדט. און דאס אלעס מוז בא־

א ווארט אין צייט

פון אב. באראף

(א פאר ערנסטע ווערטער צו די מיטגלידער פון דער וויסט און דרעססמאכער יוניאן, לאקאל 25, פון דעם דזשענעראל סעקרעטער פון אונזער אינטערנעשיאנאל).

עס ליגען פאר מיר די עדיטאריעלס פון דער „גערעכטיגקייט", און פון דעם „פארווערטס", אין וועלכע איך לעז א ווארנונג צו די וויסט מייקערס געגען זייער אונטאלעראנטער האנדלונג און אן אפיעל צו דעם בעסערען מענש אין זיי.

איך לעז וועגען די טעטיגקייט פון די זאגענאנטע קאונסיל-לייט אין דער וויסט מייקערס יוניאן, איך לעז ווי די וועלכע פרעטענדירען צו זיין די פיאנערען פון דער סאוועטען סיסטעם דא אין אמע־ריקא; האנדלען ווי אונפאראנטווארטליכע מענשען, ווי זיי פארשפרייטען ליגענס און פארזייען דעם סם פון מיסטרויען אין די הערצער פון די ארבייטער. מיט אזא טאקטיק קענטיג זוכען זיי צו באקעהרען יעדען צו זייער זאגענאנטער פאליסי. די עהרליכע פון זיי ווייסען ניט אז זיי טוען אינדירעקט די ארבייט פאר וואס מאנו־פעקטשורערס זיינען בארייט צו באצאה־לען א גוטען פרייז; מיט זייער אונפאר־אנטווארטליכער טעטיגקייט גראבען זיי אונטער דעם באדען פון דער וויסט מיי־קערס יוניאן וועלכע האט אונטער זיך א רייכע היסטאריע פון שטענדיגע קעמפע צו באשיצען די ארבייטערס אינטערעסען. זיי — די בלינדע, — סאוועטניקעס זעהען ניט נעבעך דאס מיט זייערע אייגענע הענד אין דעם פאלשען נאמען פון אן אידעע, וועלכע זיי פארשטעהען ניט, צושטערען זיי די יוניאן וועלכע איז געבויט געווא־רען פון טויזענדע לאיאלע ארבייטער מיט בלוט פון הארצען. זיי באגרייפען דאס ניט.

דאס איז ניט דאס ערשטע מאל וואס נאכנע גוט מיינענדע מיטגלידער האבען זיך אויסגעמישט מיט א געוויסער צאהל מיטגליעדער, וואס זוכען אבזיכטליך צו־צושטערען די יוניאן, אונטער'ן אויסרייד, אז זיי זוכען די יוניאן „אויסצובעסערען". אבער יעדעס מאל האבען זיך די עהר־ליכע אפגעטרייסעלט פון זיי נאכדעם ווי זיי האבען געזעהן, אז די פוסטע קלינ־גענדע פראזען זיינען פשוט'ער פארראט צו דער ארגאניזאציאן.

איך שרייב דיזען ארטיקעל נאך א לאנגען ישוב הדעת, ווייל קענענדיג אזעל־כע אויסברוכען פון זאגענאנטע רעוואלו־ציאנערען, ווייס איך, אז ריידען צו זיי איז ארויסגעווארפענע ארבייט, די שונאים פון דער ארגאניזאציאן, זיי קענט איהר דאך געווים גארנישט איבערצייגען, און מאנכע פון די עהרליך-מיינענדע וע־רען אזעלכע פאנאטיקער, אז אין זייער בלינדען גלויבען האבען זיי ניט פאר אייך קיין אפענעם אויער, און טאקע צוליעב דעם האב איך כמעט ווי באשלאסען ניט צו שרייבען, נאר אין דעם מאמענט זיי־נען באר מיר אין מיין פאנטאזיע אויפגע־שוואומען די טויזענדע עהרליכע לאיאלע מעמבערס פון דער וויסט מייקערס יו־ניאן יענע וועלכע זיינען טייערע אידעלע נשמות, אט יענע געטרייע מעמבערס, וועלכע שעצען אפ וואס די ארגאניזאציאן האט פאר זיי געטאן, און אין דער שטיל מיט א רעליגיעזער באגייסטערונג, זאגען זיי א תפילה פאר דער גאנצקייט פון זייער יוניאן. אט א די טויזענדע שטילע ליעבענדע העדליכע ארבייטער פאדערען אז מען זאל ניט דערלאזען אז זייער יו־ניאן, זייער איינציגע שטיצע, זאל צוברא־כען און פארניכטעט ווערען, און דערפאר רוף איך אוים צו די עהרליכע רעוואלו־ציאנערען: „ברעכט ניט אייער יוניאן".

גלויבט מיר, אז אויב די גאנצע אר־בייטער באוועגונג וועט ווערען גרייט אויפצונעמען א קאמף מיט דער קאפיטא־ליסטישער סיסטעם פאר א סאוועטען־רעגירונג אדער אירגענד אנדער פארמע, וועט איהר, מיינע פריינד, ניט זיין פון די ערשטע אין דער וויסט מייקערס יו־ניאן, אדער אין די אלע אונזערע לאקאלס, עס וועלען זיך געפינען טויזענדע און טוי־זענדע וועלכע וועלען זיך שטעלען אין די ערשטע רייהען. דערווייל זיינען דאס אבער נארישע חלומות, טא פליעז, טר־מעלט ניט, באהאלט זיך ניט אונטער א מאנטעל פון שענע אידעען. איך בעט אייך, מיינע עהרליכע בלינדע פריינד, באזינט זיך, מאכט זיך ניט נאריש. וואס איהר קענט יא פיליכט אויספיהרען איז, אז דורך אייערע אונטאקטישע האנדלונ־גען זאלט איהר צוברעכען די יוניאן, און איך בין זיכער, אז די עהרליכע פון אייך ווילען דאס ניט.

איך אפעליר צו אייך, עהרליכע אר־בייטער, איך אפעליר צו אייך אין דעם נאמען פון די טויזענדע וועלכע האבען מיט זייער שווייס און בלוט, דורך הונגער און יסורים געבויט די יוניאן, זייט חאטש אזוי טאלעראנט, אז אויב די יוניאן גע־פעלט אייך ניט, דאן טוט ווי די לינקע האבען געטאן אין דער פארטיי, האט מוט און געהט אוועק פון דער וויסט מייקערס יוניאן, איהר האט א רעכט צו טאן וואס איהר ווילט, איהר קענט איינ־פיהרען א סאוועטען רעגירונג אפילו ביי אייך אין דער היים, אבער איהר האט ניט קיין מאראלע רעכט צוצוברעכען אן אר־בייטער ארגאניזאציאן.

איהר בלינדע פארפיהרטע דארפט פארשטעהען אז אמת'ע רעוואלוציאנערען האבען ניט אנגעפאנגען קעמפען פאר זייערע אידעען דורך א קאמף מיט די ארבייטער ארגאניזאציאנען, ניין, וואס זיי האבען געטאן איז, אנגעפיהרט א קאמף געגען דער קאפיטאליסטישער פלו־טאקראטישער סיסטעם. אונזערע יוניאנס, ספעציעל די אידישע, וועלען קיין מאל ניט זיין אין וועג פון די וועלכע ווילען באפרייען די וועלט פון דער סיסטעם פון עקספלואטאציאן און פריוואט-אייגענטום.

איך האף, אז איהר האט מיך פאר־שטאנען, איך האף, אז איהר ווייסט, אז די וועלכע העלפען צוברעכען אן אר־בייטער-ארגאניזאציאן זיינען ניט קיין רעוואלוציאנערען, נאר אז זיי זיינען ער־גער פון סקעבס, זיי זיינען נידריגע פאר־רעטער וועלכע זיינען שונאים פון דער ארבייטער באוועגונג, איהר האט צייט זיך צו באזינען, איהר האט צייט זיך ריינ־וואשען פון דעם שמוץ פון פארראט צו דער ארבייטער באוועגונג אין וועלכער איהר ווערט מיטגעשלעפט. אייער יוניאן, די וויסט מייקערס יוניאן, איז א שעהנע ארגאניזאציאן. מיט אלע חסרונות וועלכע זיינען א נאטירליכער פראצעס אין דעם לעבען פון א ארגאניזאציאן, האט אייער יוניאן אויפגעטאן זעהר פיעל פאר איה־רע מעמבערס, עס איז דא נאך גענוג פלאץ צו מאכען די יוניאן שענער, עס איז דא נאך פיעלע ארבייט וואס קען געטאן ווע־רען אום די ארגאניזאציאן מאכען שטאר־קער און איינפלוסרייכער, אנשטאט צו שטערען דער ארבייט, אנשטאט פלאנ
ווערען א סאוועטען סיסטעם אין דער
ניאן וועלכע איז — א בלאף, טא זא
אלע די וועלכע האבען אין זיך ענער
פיהלען א טעטיגקייט אין זייערע נש
זאלען זיי זיך פאראייניגען מיט די
טיגע טוערס און צוזאמען טאן קאנסט
טיווע, געזונדע ארבייט פאר דער יונ
אט דאן וואלט אייער יוניאן נאך שט
גער, נאך שעהנער געווארען און איהר
טיגקייט וואלט געקענט זיך אויסברי
און זיך לאזען פיהלען שטארקער אין
לעבען פון דעם וויסט און דרעס מאכ
טא זאל זיין גענוג סאוועטניקעס
שטערען דער יוניאן און ברעכען די יונ
איהר האט צוויי ברירות, אדער זיך א
שפאנען אין דעם יאך פון טעטיגקייט
דער וויסט מייקערס יוניאן, אום זי
כען שטארקער און איינפלוסרייכער, א
אויב די יוניאן איז אייך ניט צום ה
צען, נעמט ניט אויף אייער געוויסע
שמוציגע ארבייט פון פינסטערע פאר
טער. ברעכט ניט אן ארבייטער ארג
זאציאן, נאר האנדעלט קאנסעקוועגט
די לינקע אין דער פארטיי, געהט א
פון דער וויסט מייקערס יוניאן, און
קענט איהר זיך שפיעלען מיט סאוו
אידעען אט וויפיעל אייער הארץ גל
איך בין אייער אן אלטער פריינד,
בין טאקע עלטער פון אייך, און איך
אז איהר וועט הערען די שטימע פון ר
און יושר.

דער מיטינג פון דעם עקזעקוטיוו באארד פון דער וויסט און דרעססמאכערס יוניאן לאקאל 25

דער רעגעלער מיטינג פונ'ם עקזעקו־טיוו באארד פון דער לידיעס וויסט און דרעססמייקערס יוניאן לאקאל 25 איז אפ־געהאלטען געווארען דיענסטאג אווענד, דעם 10טען דזשון, 1919.

א קאמיטע פון דער אדוויזארי באארד פון דעם טאקערס ברענטש פאר־לאנגט, אז אזוי ווי ברודער טוירק, וואס האט אויפגעפאסט אויף די טאקערס און העמסטיטשינג שעפער, האט לעצטע וואך פארלאזען דעם אפיס און דער דיסטריקט איז געבליבען אהן אימיצען, זאל דער עק־זעקוטיוו באארד דעריבער באלד אימיצען אנשטעלען אויף זיין פלאץ, כדי ניט צו פארנאכלעסיגען דאס, וואס עס האט גע־נומען דער יוניאן און די אקטיווע מעמ־בערס פון זייער ברענטש אזוי פיעל מיה און ענערגיע צו ארגאניזירען די טאקערס און העמסטיטשינג שעפער.

ברודער רייזבערג, מענעדזשער פון אינדעפענדענט דעפארטמענט, ווערט אינסטרואירט צו זעהן, דאס אימיצער פון זיין סטאף זאל אטענדען צו זייער דיסט־ריקט, ביז אימיצער וועט אנגעשטעלט ווערען פערמאנענט פאר דעם אמט.

עס ווערען פארגענומען וואהלען פאר א מעמבערשיפ-קאמיטע און די פאלגענ־דע ווערען ערוועהלט: סיידי רייך, סע־דער קאמין און פרענק אליוויא.

עס ערשיינט א קאמיטע פון א גרופע אקטיווע מעמבערס. זיי ערקלעהרען, דאס דיעזע גרופע האט זיך ארגאניזירט מיט דעם צוועק צו ווירקען געגען די שעדליכע עלעמענטען, וואס ווילען שא־דען די יוניאן.

עס ווערט באשלאסען, דאס די קא־מיטע זאל איינגעלאדען ווערען צו דער קאמיטע, וואס איז לעצטע וואך ער־וועהלט געווארען פונ'ם עקזעקוטיוו באארד פאר דעם זעלבען צוועק.

עס ווערט אויסגעהערט א באריכט פון דער אפיעל-קאמיטע און די פאלגענ־דע באשליסע זייערע ווערען גוטגעהייסען.

1) צו פארקלענערן די שטראף פון בר. הערשטיין פון גרענד וויסט קא. פון 25 דאלאר צו 15 דאלאר.

2) צו פארקלענערן די שטראף פון מיס גאסי און אנדזשעלינע אלינדזשער פון דער גרענד וויסט קא. פון 5 אויף 2 דאלאר.

3) צוריקצואוייזען דעם אפיעל פון בערטהא מאלקין, פון דער ראדנער דרעס האוי, וועלכע איז שטראפירט געווארען מיט 5 דאלאר פאר באליידיגען די טשער־לידי.

בר. נייטהען אימבער שיקט אריין זיין רעזיגנאציע אלס בעאמטער פון דער יוניאן. זיין רעזיגנאציע ווערט צוריק־געוויזען.

א צווייטע רעזיגנאציע פון בר. לאק־שינסקי ווערט איבערגעגעבען צו דער אפיס-קאמיטע אויסצוגעפינען די אורזא־כע דערפון און אריינצוברענגען א רעקא־מענדאציע צום נעקסטען מיטינג פון עק־זעקוטיוו באארד.

עס ווערען אויסגעהערט רעפארטס פון פארשיעדענע קאמיטעס. —

די ספעציעלע קאמיטע, וואס איז ער־וועהלט געווארען צום לעצטען מיטינג אויף דעם פארלאנג פון בר. רייזבערג, צו האנדלען אין דער קייס פון אלטמאן און קא. שאפ, ברענגען אריין דעם פאל־גענדען באריכט:

באלד אויף דעם צווייטען טאג ווי די קאמיטע איז ערוועהלט געווארען, האט ברודער שעהנהאלץ, דער סעקרעטער, אויף אונזערע אינסטראקשאנס ארויסגע־שיקט לעטערס צו יעדען איינציגען מעמ־בער, וואס ארבייט אין שאפ פון אלטמאן און קא., אויפפאדערענדיג זיי צו ערשיי־נען פאר דער ספעשעל קאמיטע שבת, דעם 7טען דזשון, 1919, 2 אזייגער מי־טאג-צייט צו ענטפערען אויף די קלאגען, וואס זיינען געבראכט געווארען געגען זיי פון ברודער רייזבערג, מענעדזשער פון אינדעפענדענט דעפארטמענט, פאר אי־בערטרעטען די רולס פון דער יוניאן און פאר ניט אויספאלגען די פאראדנונגען פון די יוניאן-פארטרעטער. מען האט אויך אויפמערקזאם געמאכט יעדען איי־נעם אין דעם לעטער, ווי עס ווערט אי־מער געטאן אין אזעלכע פעלע, — דאס אויב זיי וועלען פארפעהלען צו ערשיי־נען פאר דער קאמיטע, וועלען זיי אויטא־מאטיש סוספענדירט ווערען פון דער יונ־יאן און פארלירען אלע רעכטע און פרי־ווילעגיעס אלס אזעלכע.

מיר, די קאמיטע, האבען געווארט פאר זיי ביז 2 אוהר נאכמיטאג און קיי־נער פון די ארבייטער פון דעם אויבען־דערמאנטען שאפ האט זיך ניט געצייגט. אין דער צייט וואס די קאמיטע האט גע־ווארט אין אפיס האט מר. אלטמאן, דער בעל הבית פון יענער פירמע, אפגערופען בר. רייזבערג און האט איהם געלאזט ווי־סען, דאס די ארבייטער פון זיין שאפ האבען אפגעהאלטען א מיטינג און בא־שלאסען ניט צו ערשיינען פאר אירגענד וועלכער קאמיטע פון דער יוניאן.

די קאמיטע האט נאכדעם אפגעהאל־טען א מיטינג, פאר וועלכען בר. רייז־בערג האט פארגעלעגט אלע זיינע קלא־געס געגען די ארבייטער פון דעם שאפ. אויסהערענדיג זיינע ערקלעהרונגען, ווי אויך אויסהערענדיג די ערקלעהרונגען פון אלע יוניאן-פארטרעטער וואס האבען גע־האנדעלט איבער דיעזער קייס, און נעה־מענדיג אין אנבאטראכט די שווערע קלא־גען — וועלכע דער לעזער וועט געפינען אויף דער לעצטער זייט פון דיעזען נו־מער — און דאס די פארקלאגטע האבען אפילו ניט געפונען פאר נויטיג צו ערשיי־נען פאר דער קאמיטע פונ'ם עקזעקוטיוו באארד צו ענטפערען אויף די קלאגען, האט די קאמיטע באשלאסען צו רעקא־מענדירען צום עקזעקוטיוו באארד:

1) דאס אלע ארבייטער, וואס זיי־נען באשעפטיגט ביי אלטמאן און קא., זאלען אויסגעשלאסען ווערען פון דער יוניאן, און יעדער איינער זאל באזונדער אנגעזאגט ווערען וועגען דעם.

2) דאס א ליסטע פון די נעמען פון די אויסגעשלאסענע זאל פארעפענטל
ווערען אין אונזער פרעסע.

3) דאס די וויסט דרעססמאכער
יאן לאקאל 25 זאל גוטהייסען די הא
לונג פון דער קאטערס יוניאן לאקאל
וועלכע האט ערקלעהרט א סטרייק
דיעזען שאפ.

דער רעפארט און די רעקאמענ
ציאנען פון דער ספעשעל קאמיטע ווע
דיסקוטירט. ספעציעל פאדאמט
עקזעקוטיוו באארד די האנדלונג פון
ארבייטער פון דעם שאפ, וואס האבען
דרוקט און פארטיילט א ניעדערטרעכ
ען פאסקוויל געגען דער יוניאן. נא
לאנגער דיסקוסיאן ווערען די רעקאמ
דאציאנען פון דער קאמיטע איינשטי
אנגענומען.

אויף דער אויפפאדערונג פון
ספעציעלער קאמיטע, וואס איז ערווע
געווארען פאר'ן צוועק צו נעהמען
טע געגען אלע די, וואס פארשפריי
מיסטרויען צו דער יוניאן, ווערט
לאסען צו רופען א ספעשעל עקז
טיוו באארד מיטינג פאר דאנערש
אווענד, דעם 12טען דזשון, צו באשע
גען די פלענער, וואס זיי האבען פא
לעגען וועגען אננעהמען מיטלען ג
רעב.

י. שעהנהאלץ, ס

הונדערט טויזענד דאלער קא
פיין פאר די לעגיאנערען

דער קעמפיין פאר הונדערט טויז
דאלאר, וואס דער „רויטער מגן ד
האט זיך אונטערגענומען צו שאפען
די לעגיאנערען אין פאלעסטינא און
זייערע פאמיליעס דא אין אמעריקא
זיך אנגעפאנגען דיענסטאג, דעם 10
דזשון. דער קעמפיין וועט אנהאלט
גאנצען מאנאט צייט און עס איז צו
פען, אז דיעזע סומע וועט באשאפען
רען דורך דיעזען מאנאט.

עס קומען אן צעהנדליגע בריעפ
לעגיאנערען, אין וועלכע זיי באקלא
זיך, אז מען האט זיך אויף זיי איינגא
פארגעסען, דאס זיי קריגען ניט די א
מערקזאמקייט פון די אמעריקאנער
דען ווי זיי האבען ערווארטעט. און
זע קלאגען זיינען טיילווייז ריכטיג.

דער „רויטער מגן דוד" טוט א
מעגליכעס פאר די לעגיאנערען און ז
רע פאמיליעס אויף ווי ווייט זיינע
גענע כחות ערלויבען איהם. ער שט
די פאמיליעס פון די לעגיאנערען
האט אריבערגעשיקט צעהנדליגע טוי
דע פראנק צו די לעגיאנערען אין
לעסטינא. אבער דאס אלעס איז
פון צופריעדענשטעלען די פארלאנגען
נויטווענדיגקייטען פון די לעגיאנערע

דער קעמפיין פאר די הונדערט
טויזענד דאלאר האט זיך שוין אנגעפא
און עס איז צו האפען, אז די אידען
אמעריקא וועלען טאן זייער פליכט צ
מא־ערנע מאקאבעער!

דאנייישאנס זאלען געשיקט ווער
די לאקאלע טשעפטערס אדער צום
ציאנאלען אפיס, 201 סעקאנד עוו
נע יארק.

פארטשריט אין דער גארמענט אינדוסטרי אין אייראפא

פון דזשוליעס סטוארט פאינץ

True translation filed with the Postmaster at New York City on June 18, 1919, as required by the of Congress approved Oct. 6th, 1917, known as the "Trading with the Enemy Act."

א שטארקע באוועגונג געהט אן צווישען די גארמענט טריידס אין אייראפא. אין א פריהערדיגען נומער פון דער „גערעכטיגקייט“ האבען מיר געזעהן ווי דער ארגאניזאציאנס-אימפולס, וועלכער האט זיך פארשפרייט צווישען פארשידענע קלאסען פון ניט-ארגאניזירטע ארבייטער אין דער צייט פון דער מלחמה, האט ענדליך דערגרייכט די קליידער אינדוסטרי, וואו די סוועטינג סיסטעם האט נאך אלץ אנגעהאלטען. אפילו די ארבייטער אין דער פרויען-קליידער אינדוסטרי, וועלכע האבען אין דעם משך פון א האלבען יאהרהונדערט געארבייט שווער און געקראגען זעהר ווייניג באצאהלט, האבען ענדליך ערוואכט און געפאדערט זייערע רעכט.

אין ענגלאנד

אין ענגלאנד איז די זאגענאנטע „דרייפערי“ טרייד ארגאניזירט געווארען און די דרייפערס יוניאן איז איצט אזוי שטארק, אז זי איז אימשטאנד צו שטעלען פאדערונגען פון העכערע וויידזשעס און בעסערע באדינגונגען פון ארבייט, א חוץ די פאדערונגען וואס זיי האבען געוואונען פאר-א-יאהרען ווען זיי האבען זייערע בעלי הבתים בלויז געסטראשעט אז זיי וועלען זיך ארגאניזירען. די דרייפערס זיינען פארטראטען פון דער „אלגעמיינער שאפ העלפערס יוניאן“, וואס איז א שטארקע ארגאניזאציע, עטליכע יאהר אלט, און וועלכע שליסט איין סיילס-ליידיס און אנדערע ארבייטער וואס זיינען פארבונדען מיט דער ריטייל קלאדינג טרייד. די יוניאן פון שאפ-העלפערס ווערט וואס ווייטער אלץ טעטיגער און ענערגישער. א קאמף ווערט אנגעפירט געגען באסעס אסאסיאיישאנס און איינצעלנע פירמעס אום צו געווינען א העכערען סטענדארד פאר דער גאנצער אינדוסטרי. די יוניאן האט זיך גענומען צו די גרעסטע האלסייל דרייגודס פירמעס, וועלכע האבען ערקלערט אז שולדיג אין די יעצטיגע באדינגונגען אין דער אינדוסטרי איז די אססאסיאיישאנס פון וועבער-באסעס. אויף א מיטינג פון דער דאזיגער קערפערשאפט איז אויסגעארבייט געווארען א סקייל פון געהעכערטע וויידזשעס אלס אן ענטפער צו די פאדערונגען פון דער יוניאן.

אין דער לאנדאנער ריטייל קלאדינג טרייד געהען נאך אלץ אן פארהאנדלונגען וועגען א צווייטען רעיז וואס די דרעס-מאכער פאדערן. עס איז אינטערעסאנט צו באמערקען, אז אין „פיטער ראבינסאנס“, איינער פון די רייכסטע קליידער סטארס אין לאנדאן, וואס איז עהנליך צו אלטמאן'ס אדער סטויערן'ס אין ניו יארק, איז פארגעקומען א „סטאפעדזש“ וואס האט אנגעהאלטען א גאנצען טאג. א סטרייק אין אזא פירמא, וועלכע איז דורכגעזאפט מיט דעם גייסט פון סנאבעריי און פארצייטיגע טראדיציעס, אפילו ווען ער האט געדויערט בלויז איין טאג, איז דער בעסטער באווייז, אז די שטימונג פון די ענגלישע ארבייטער איז איצט גאר אנאנדערע ווי געוועזן. דער סטרייק איז דערוויילע געסעטעלט געווארען און אלע ארבייטער האבען געקראגען א העכערונג אין זייער לוין. מען ערווארטעט אז די וויידזשעס וועלען געהעכערט ווערען אין דער גאנצער אינדוסטרי, ווייל די ארבייטער פאדערען א העכערונג זעהר ענערגיש און זיי זיינען שטארק גענוג ארגאניזירט אום זייערע פאדערונגען צו געווינען.

אין סקאטלאנד

אין סקאטלאנד האט די „סקאטיש ריטייל גארמענט מייקערס ענד מילינערי טריידס פעדערייש'ן“ געשלאסען אגריימענטס מיט די פארשידענע יוניאנס אין דער אינדוסטרי, לויט וועלכע די ארבייטער קריגען א באשטימטען מינימום לוין. פאר מיידלעך אונטער אכטצעהן יאהר זיינען די וויידזשעס דיזעלבע ווי די וואס זיינען אפיציעל באשטימט געווארען פון דעם מיניסטעריום פון ארבייט. די וויידזשעס שטייגען פון 15 ביז 17 סענט א שטונדע ביז די ארבייטער דערגרייכען דעם עלטער פון 21 יאהר. אפילו העלפער, וועלכע האבען אמאל געמוזט צוצאהלען גרויסע סומען צו בעלי הבתים פאר דער פריווילעגיע צו ארבייטען אין זייערע שעפער און זיך לערנען דעם טרייד, קריגען איצט דעם מינימום לוין, עטוואס פארקלענערט.

די שטארקע באוועגונג פאר קירצערע שטונדען אין גלאזגאו, האט, ווייזט אויס, געווירקט אויף דער קליידער אינדוסטרי. די ארבייטער האבען געוואונען זייער פאדערונג פון א 48 שטונדיגע וואך, אנדערטהאלבען מאל פאר אווערטיים, און ליגעל האלידעים און זאגאר זומער וואקיישאנס, פאר וועלכע זיי קריגען באצאהלט.

איין גרויסע פירמא אין גלאזגאו האט איינגעשטימט צו צאהלען דאפעלטע וויידזשעס אין די מאנאטען פון מאי, אויגוסט און דעצעמבער צו אלע ארבייטער וואס קריגען ווייניגער פון טויזענד דאלער א יאהר, אויב די וויידזשעס וועלען ניט געענדערט ווערען פון דער טרייד באארד וואס דארף אפאינטעט ווערען.

ניט ווייניגער ענערגיש געהט אן די ארגאניזאציאנס-ארבייט אין דער מענער קליידער אינדוסטריע. די יונייטעד גארמענט וואירקערס טרייד יוניאן האט אנגענומען א נאציאנאלע פראגראם פון א 44-שטונדיגע ארבייטס-וואך, די באגרענצונג פון אווערטיים, צו קריגען באצאהלט פאר יום-טובים און וואקיישאן, און סאניטארי קאנדישאנס אין די שעפער. אויב א פירמע פארלאנגט אווערטיים, מוז זי געבען אלע ארבייטער צוויי טעג נאטיס וועגען דעם; ניט מעהר ווי זעקס שטונדען אווערטיים זאל זיין ערלויבט אין אירגענד וועלכער וואך און דאס בלויז אין ביזי-סיזאן. עקסטרא פעי פאר אווערטיים, סיי פאר וואך און סיי פאר שטיקארבייטער, טיים-און-א-האלב פאר די ערשטע צוויי שטונדען און דאפעל-פעי פאר די איבעריגע.

יעדער ארבייטער איז בארעכטיגט צו קריגען א וואך באצאהלט וואקיישאן צווישען דזשון דעם ערשטען און סעפטעמבער דעם 30טען. ניט נאר דאס, נאר אויב ער פארלאזט זיין פלאץ אין יענער צייט אהן וואקיישאן איז ער בארעכטיגט צו קריגען א טאג'ס געהאלט פאר יעדען מאנאט וואס ער האט געארבייט אין יענעם פלאץ. זיי פאדלאנגען אויך אז שטראפען זאלען אפגעשאפט ווערען און אז אלע שעפער זאלען זיין ריין און געזונט פאר דער ארבייט און אז עס זאלען אויך איינגעפיהרט ווערען דיינינג-רומס פאר די ארבייטער.

די פרייזען, וועלכע ווערען געצאהלט יעצט, זיינען פון 36 ביז 50 סענט א שטונדע לויט דער ערפאהרונג און דער באשעפטיגונג פון'ם ארבייטער. פרויען און מענער קריגען גלייכע שכירות פאר גלייכער ארבייט. דער מינימום פאר אלע אנדערע פרויען-ארבייט איז 24 סענט א שטונדע. די שטיק-ארבייטער פאדערען א העכערונג פון 33⅓ פראצענט. די צאהל פון לערנערס זאל זיין באגרענעצט צו איינעם פאר יעדע פינף ערפאהרענע ארבייטער. די פרעפערענשעל יוניאן שאפ זאל איינגעפיהרט ווערען, כדי צו זיכער מאכען די צוקונפט פון דער ארגאניזאציאן.

די יוניאן האט צוגעשטעלט די פאדערונגען צום טרייד-באארד וועלכער איז באשטימט געווארען אויסצורעגולירען א מינימום וויידזש אין דער מענער קליידער אינדוסטרי. די מאנופעקטשורערס דארפען געבען זייער ענטפער ניט שפעטער ווי דעם 28טען דזשון, און דערווייל האט די יוניאן איבערגעגעבען די פראגע פון'ם סטרייק פאר א רעפערענדום צו די מעמבערס כדי צו באשטימען ווי צו האנדלען אויב די בעלי-בתים ענטזאגען זיך נאכצוגעבען די פאדערונגען.

עס איז אינטערעסאנט פאר די קליידער-ארבייטער אין אמעריקא צו בעאבאכטען ווי זייערע וואונדערבארע זיגעס דא האבען געהאט א ווירקונג אויפ'ן צווייטען זייט ים. די קליידער אינדוסטרי אין ענגלאנד איז קיינמאל ניט געווען אזוי ענטוויקעלט ווי אין אמעריקא און אויך ניט געווען אזוי ארגאניזירט. אבער דער גרויסער אימפולס פון דער ארבייטער באוועגונג כאפט אלעס ארום אין אייראפא און מאכט גרויסע ענדערונגען אין דער לאגע פון די ארבייטער פון דער קליידער אינדוסטריע.

אין איינעגע הינזיכטען איבערשטייגען די ענגלישע ארבייטער זייערע אמעריקאנער ברידער. דער געדאנק אז דער ארבייטסגעבער זאל צאהלען פאר זומער וואקיישאן איז אן אויסגעצייכנעטער, און ניט מעהר ווי רעכט. און די דיינינג רומס אין די שעפער זיינען נויטיג פאר דעם געזונט און באקוועמליכקייט פון די ארבייטער. וואס אנבעלאנגט די וויידזשעס, קענען מיר ניט פארגלייכען אונזערע מיט זייערע, ווייל דאס ווערט פון געלט איז ניט דאס זעלבע אין ביידע לענדער. מיר קענען אבער זאגען, אז פראפארציאנעל זיינען זייערע וויידזשעס פאר דער צייט פון דער מלחמה פארמעסערט געווארען א סך מעהר ווי אין אמעריקא.

די פראנצויזישע ארבייטער

די פראנצויזישע ארבייטער מאכען אויך שנעלען און באדייטענדען פארטשריט. צוליעב דער שטרענגער צענזור ווייסען מיר גאנץ ווייניג וואס אין פראנקרייך קומט פאר. מיר ווייסען אבער, אז די פאריזער דרעסמייקערס שטעהען שוין עטליכע וואכען אין סטרייק, פאדערענדיג א 44-שטונדיגע ארבייטס-וואך, העכערע וויידזשעס און פארזיכערונג געגען ארבייטסלאזיגקייט. די דאזיגע סטרייקערס זיינען געווען די ענטוזיאסטישסטע אין דער ערשטער מאי דעמאנסטראציע. זייט דאן זיינען צו זיי צוגעשטאנען די אנדערע ארבייטער און אנדערע פרויען-ארבייטער.

איבעראל אין מעריב אייראפא האבען די ארבייטער פון די נאדעל אינדוסטריען, וואו די סוועטינג סיסטעם האט ערשט ניט לאנג געהערשט, געמאכט גרויסען פארטשריט. די נאדעל-ארבייטער פון אמעריקא דארפען פארשטארקען זייערע ארגאניזאציעס און זיין פארזיכטיג ניט צו בלייבען הינטערשטעליג געגען זייערע ברידער און שוועסטער אין אייראפא אין זייער קאמפף פאר א בעסערען לעבען.

דער שאפ טשערמאן מיטינג פון דער וועיסט מאכער יוניאן

פון ס. זיידמאן.

לעצטען מאנטאג איז אפגעהאלטען געווארען א מיטינג פון שאפ טשערלייט פון דער וועיסט און דרעס מאכער יוניאן, לאקאל 25, אין בעטהאווען האל. ביי דיזען מיטינג זיינען די אנוועזענדע אינפארמירט געווארען וועגען די העכערונג פון דיוס און אויך וועגען דעם טומעל וואס עס קומט פאר ביי די מיטינגען די לעצטע עטליכע וואכען, פאראורזאכט פון א קליינער גרופקע אונפאראנטווארטליכע מענשען וואס רופען זיך „ווארקערס קאונסיל“. דיזער מיטינג איז גערופען געווארען פון דער עקזעקוטיווע בלויז פאר שאפ טשערלייטע, אבער איידער דער מיטינג האט זיך אנגעפאנגען האבען זיך עטליכע פון די וואס רופען זיך „ווארקערס קאונסיל“ אריינגעריסען מיט געוואלד אין האל אריין אום צו שטערען דעם מיטינג. די ערקלערונגען פון דער ספעציעלער קאמיטע פון דער עקזעקוטיווע, אז דער מיטינג איז גערופען געווארען בלויז פאר טשערלייטע, און ניט פאר קיינע אנדערע, האט ניט געהאלפען.

עס איז פאר קיינעם קיין סוד ניט, אז דיזע „קאונסילניקעס“ שטייען, אז זיי דארפען ניט קיין יוניאן, אז זיי ווילען א מין „דירעקטע אקציאן שאפ-פארוואלטונג.“ היינט וואס קומען זיי שטערען די מיטינגען וואס דער עקזעקוטיוו באארד רופט איין? זיי רעדען פון „דירעקטער אקציאן“ אין די שעפער און נעהמען זיך גאר אנווענדען זייער דירעקטע אקציאן אויף דער יוניאן! דאס וועט אבער ווייטער ניט געהן. די גאנצע יוניאן וועט זיך ניט לאזען פארגעוואלטיגען פון א קליינער צאהל אונפאראנטווארטליכע פראזענשיסער, און וואס גיכער דאס וועט געטאן ווערען אלץ בעסער וועט דאס זיין.

מיר קאנען די לייטע און מיר ווייסען וואס זיי זיינען אויסען. זיי זיינען אויסען צו צוברעכען אונזער יוניאן. מיר ווייסען דאס מאנכע פון זיי, וועלכע זיינען געווען טשערלייט ביים ענדע פון אונזער פארביטערטען סטרייק, האט מען גאר געדארפט צווינגען זיי זאלען צאהלען די 10 פראצענט פאר די סטרייקער, ווי די יוניאן האט באשלאסען. מאנכע שעפער וואו יענע לייטע זיינען געווען טשערלייט, אדער טשערלידים, האט מען געמוזט ווידער אפסטאפען, איידער זיי האבען איינגעוויליגט צו צאהלען די 10 פראצענט פאר'ן סטרייק. מען קאן, אלזא, פון דעם זעהן פון וואס פאר א טויג יענע לייטע זיינען אויסגעקנאטען. זיי האבען א ביטערען טעות אויב זיי מיינען, אז מען וועט זיי לאזען צוברעכען די יוניאן, וואס האט געקאסט אזוי פיעל מיה און אפפער אויפצובויען. אויב יענע לייטע דענקען, אז פאר זיי איז לאקאל 25 צו קאנסערוואטיוו, דאן זאלען זיי געהן און זיך ארגאניזירען אדער אנשליסען אן וועמען זיי ווילען. וועלען זיי אבער פארטזעצען צו צושטערען די מיטינגען און טרייען אונטערגראבען דעם פונדאמענט פון איינעגע שעפער, דאן מוז מען נעהמען געגען זיי א שטרענגע שטעלונג, און אויב נויטיג זיי איינגאנצען אויסשליסען פון דער יוניאן.

די זעלבע חברה האט אויך געמאכט שטערונגען ווען די פראגע פון העכערען די דיוס איז אויפגענומען געווארען ביי די מעמבער מיטינגען. און אויך דאן האבען זיי געערעדט מכלומר'שט „אין נאמען פון פאלק“. ווען דיזע פראגע איז רעפארטעט געווארען צו די שאפ טשערלייטע, ם הייסט, צו די פארטרעטער פון די שעפער, אז די מאיאריטעט פון די ברענטשעס האבען באשלאסען אז די דיוס זאל געהעכערט ווערען פון 20 צו 25 סענט האט אפילו קיין איין שאפ טשערמאן ניט גערעדט געגען דעם, און דאס איז ווייטער א באוויז, אז די וועיסט און דרעס מאכער יוניאן זיינען לאיאל צו זייער יוניאן, און זיי זיינען פארטיג דורכצופיהרען אלע באשליסע און רעקאמענדיישאנס פון דער עקזעקוטיווע און די בעאמטע. דאס האט געוויזען, אז יענע לייטע וואס נעהמען זיך די פרייהייט צו ריידען אין נאמען פון די וועיסט און דרעס מאכער זיינען אפילו פאר זיך אליין נישט פאראנטווארטליך, און וואס די מעמבערס דארפען יעצט זעהן איז, צו אפצאהלען די דיוס וואס זיי זיינען ריקשטעהענד ביז דעם 23טען פון דיזען מאנאט, ווייל נאך דעם דייט וועט יעדער דארפען צאהלען 25 כ. א וואך דיוס. פיעלע טויזענדער האבען דאס געטאן נאך בעפאר דער דייט איז באשטימט געווארען און גאר פיעלע שעפער צאהלען יעצט דיוס אין פאראויס. אונזער יוניאן איז יעצט אזוי שטארק ווי קיין מאל בעפאר. די שונאים פון איינסייד וועלען נישט קענען צוברעכען די יוניאן פונקט ווי די וואס האבען דאס געוואלט טאן פון אויטסייד. די עקזעקוטיווע וועט נעמען א שטעלונג געגען יעדען איינצעלנעם ארבייטער אין א שאפ אדער געגען א גאנצען שאפ.

די לאיאלע מעמבערס פון דער יוניאן וועלען געוויס ווייכען פון דיזע פערזאנען וואס ריידען אין נאמען פון „קאונסיל“, ווייל דיזע לייטע האבען זיך נישט געשעמט צו ערקלערען אפען ביי די מיטינגען, אז זיי „ארט נישט וואס עס וועט ווערען פון דער יוניאן.“ זיי האבען זיך פארשלייערט אין א מאסקע פון ראדיקאליזם און ווילען דורך דעם פארבלענדען די אויגען. אונזערע מעמבערס קענען זיי אבער און ווייסען, אז זיי פארדינען נישט קיין צוטרויען.

מאן ווערען דירעקט פון דעם אפיס, ניט זיך פארלאזען צופיעל אויף דער טשערלידיע, ווי ביז איצט.

און דאן, ווען מיר וועלען האבען דעם פולען קאנטראל איבער דער אינדוסטריע וועט דאס שוין ממילא הייסען אז די ארבייטער קאנטראלירען זיך זעלבסט. און ווען די צייט וועט קומען אין אמעריקא פאר א נייער ארדנונג וועלען מיר אויך זיין רייף אויפ'ן פלאץ.

מאקס מאנעלים,
מיטגליעד פון לאקאל 25.

דער אינטערנעשאנאל קריעגס־דעפארטמענט

פון ל. פינקעלשטיין.

פון סטרייק צו סטרייק, פון זיעג צו זיעג! — די קאנטרי שטעדט ווילען ניט אפשטעהן פון ניו יארק.—פרעזידענט שלעזינגער'ס קורצער באזוך אין שיקאגא און באלטימאר. — קלאוקמאכער פון קליוולאנד רייסען זיך צו א סטרייק.—קלאוקמאכער פון מאנטרעאל און טאראנטא ווי־לען וואך־ארבייט.

פון סטרייק צו סטרייק און פון זיעג צו זיעג! — דאס איז די מאטא פון אונ־זער אינטערנעשיאנעל קריעגס דעפארט־מענט.

און עס איז נאך פאראנען א סך פראנ־טען וואו אונזער אינטערנעשיאנעל קריעגס דעפארטמענט דארף נאך, און טאקע באלד, באלד, זיך ווידער פארוויקלען אין נייע קעמפע פאר די אינטערעסען פון די מיט־גליעדער.

אין די לעצטע עטליכע מאנאטען האט דעם צענטער פון קאמף פארנומען ניו יארק. ביז איצט האט מען דא געשפרייזט פון קאמף צו קאמף און פון זיעג צו זיעג! גראנדיעזע קעמפע זיינען דא אויסגעפאכ־טען געווארען און עס איז איינגעפיהרט געווארען גרויסע פארבעסערונגען אין טוי־זענדער שעפער פון דער ליידיעס גאר־מענט אינדוסטרי אין ניו יארק, אין וועל־כע עס זיינען באשעפטיגט צעהנדליגע טויזענדע מיטגליעדער פון אונזער גרוי־סער ארגאניזאציאן.

די מיטגליעדער פון כמעט אלע לא־קאלס פון אונזער אינטערנעשיאנעל אין גרויס ניו יארק האבען שוין א 44־שטונ־דיגע ארבייטס וואך און ארבייטען אונ־טער א סך בעסערע ארבייטס־באדינגונ־גען, ווי מיט עטליכע מאנאטען צוריק. היינט, ווער שמועסט נאך וועגען דער גרויסער איבערקעהרעניש וואס איז פאר־געקומען אין די ניו יארקער קלאוק, סקוירט און ריפער שעפער?

טויט, באגראבען און פארשאטען אויף אייביג ליענט דארט דער אלטער, אפגע־לעבטער, אונמענשליך־שקלאפישער, קא־רופטער שטיק סיסטעם, און מיט שטאלץ, ווירדע און עהרע קעהרען זיך אום די קלאוק מאכער־סטרייקער אין די שעפער אלס וואך־ארבייטער, מיט פעסט בא־שטימטע ארבייטס־סקיילס. און ערשט איצ־טער פאנגען אן מאנכע ארבייטער צו פארשטעהן, די וועלכע האבען עס בעפאר ניט פארשטאנען, אדער ניט געוואלט פאר־שטעהן, וואס פאר א גרונטאווגע, שטילע רעוואלוציע עס איז געמאכט געווארען דורך דעם איצטיגען גרויסען קלאוק מא־כער סטרייק.

אין, נאך איידער דער קאמף איז אין ניו יארק אין גאנצען פארענדיגט, שטע־לען זיך שוין אויס, אין אנדערע שטעדט, אנדערע דיוויזיעס פון דער ליידיעס גאר־מענט ווארקערס ארמיי, וועלכע זיינען שוין אויך גרייט צו קעמפען פאר די זעל־בע פאדערונגען וואס די ניו יארקער אר־מייען האבען שוין אויסגעקעמפט. א זעהר לעבעדיגע טעטיגקייט געהט איצט אן כמעט אומעדום וואו עס ווערט געמאכט קלאוקס און סוטס. די ארבייטער פון יענע שטעדט ווילען ניט בלייבען הינ־טערשטעליג נעגען ניו יארק. ווארום, פרע־גען יענע ארבייטער, זאלען זיי ארבייטען לענגערע שטונדען, ווי מען ארבייט ביים זעלבען טרייד אין ניו יארק? און וואר־רום, פרעגען זיי ווייטער, זאלען זיי אויך ניט באקומען די זעלבינע ארבייטס באדינ־גונגען? וואך ארבייט און א 44 שטונ־דיגע ארבייטס וואך, טענה'ן זיי דארטען, איז פאר זיי אויך גוט און זיי זיינען דאר־טען גרייט דערפאר צו קעמפען, פונקט ווי זייערע ברידער און שוועסטער פון ניו יארק האבען דאס געטאן. מיט'ן גרעסטען אינטערעס, און מיט דער גרעס־טער אומגעדולד האבען יענע ארבייטער נאכגעפאלגט יעדע באוועגונג וואס אונ־זערע יוניאנס אין ניו יארק האבען גע־מאכט. זיי האבען מיט קלאפענדע הער־צער נאכגעפאלגט יעדען טריט וואס עס איז אויף דעם שלאכטפעלד געמאכט גע־ווארען און איצטער זיינען זיי גרייט צו טאן דאס זעלביגע. ווי עס שיינט זיי־נען זיי דארט פעסט ענטשלאסען, דאס אונזער אינטערנעשיאנעל קריעגס דע־פארטמענט זאל איצטער אויך זיי, די מיטגליעדער פון אונזערע קאנטרי לא־קאלס, פיהרען פון קאמף צו קאמף, און פון זיעג צו זיעג!

* * *

ווי די לעזער פון די „גערעכטיגקייט" ווייסען שוין, איז פרעזידענט שלעזינגער לעצטע וואך געפאהרען אין שיקאגא. ער איז געפאהרען אהין נאך איידער דער קלאוק מאכער סטרייק אין ניו יארק איז געווען אין גאנצען פארענדיגט, ווייל פון דארטען זיינען געקומען טעלעגראמען נאך טעלעגראמען צום אינטערנשיאנאל קריגס דעפארטמענט, אז ברודער שלעזינגער זאל למען השם וואס גיכער קומען אהין, צו יענעם „פראנט" וואו די ארמעען רייסען זיך צום קאמף פאר די זעלבינע פארבע־סערונגען, ווי עס איז דא אויסגעקעמפט געווארען.

לעצטען דאנערשטאג אבענט, דעם 5טען דזשון, האט פרעזידענט שלעזינגער, צוזאמען מיט פארטרעטער פון דעם שי־קאגאער דזשאינט באארד פון דער קלאוק מאכער יוניאן, אפגעהאלטען א קאנפע־רענץ מיט פארטרעטער פון דער מאנו־פעקטשורערס אסס'ן פון יענער שטאדט, וועגען באנייען דעם אגרימענט, אויף דעם באזיס פון די נייע פאדערונגען וואס די יוניאן שטעלט דארט ארויס. אבער דאס איז בלויז געווען וואס מען רופט אין ענגליש, „א פרעלימענערי" קאנפערענץ. ערשטענס דערפאר וואס די יוניאן איז נאך דארט ניט אין גאנצען פארטיג מיט'ן אויסארבייטען קלאר און גענוי אלע פא־דערונגען וואס וועלען צו דער געלעגנ־הייט ארויסגעשטעלט ווערען צו די מא־נופעקטשורער.

צווייטענס, ווייל עס איז געווען ערב די קאנווענשאן פון דער אמעריקאן פעדע־ריישאן אוו לייבאר, אין אטלאנטיק סיטי, און ברודער שלעזינגער מוז דאך זיין ביי דער קאנווענשאן אלס דעלעגאט פון אונ־זער אינטערנעשיאנאל. עס איז, אלזא, גע־בליבען, דאס אין א צוויי וואכען ארום, גלייך נאך דער קאנווענשאן פון די פעדע־ריישאן, זאלען זיך ווידער אנפאנגען אין שיקאגא די קאנפערענצען, מיט דער אב־זיכט, אויב מעגליך, צו באנייען דעם אג־רימענט אויף א פרידליכען אופן.

צו דער געלעגענהייט וואס פרעזי־דענט שלעזינגער איז דארט געווען, האט דער דזשאינט באארד פון דער קלאוק מא־כער יוניאן איינגערופען א מאסענפארזאמ־לונג לעצטען שבת ביי טאג אין דעם „וועסט סייד אדיטאריום", דער גרעסטער פארזאמלונגס־פלאץ וואס שיקאגא פאר־מאגט. די פארזאמלונג איז געווען איינע פון די גרעסטע וואס שיקאגא האט גע־זעהן אין א משך פון יאהרען.

ווי מען גיט אונז איבער, האט זיך יענע פארזאמלונג אויסגעצייכענט ניט בלויז אין איהר גרויס, נאר אויך אין טעמ־פעראמענט מיט'ן גרויסען ענטוזיאזם וואס האט דארט געהערשט. די פארזאמלונג איז ניט געווען בלויז גרויס אין צאהל, נאר אויך שעהן און ערהאבען אין גייסט. די מאסען האבען מיט גרויס באגייסטע־רונג, דעמאנסטרירט זייער וואונש פאר וואך ארבייט און פרעזידענט שלעזינגער, וועלכער איז געווען דער הויפט רעדנער אויף יענעם מיטינג, האט באקומען א מערקווירדיג הארציגע, ווארי־מע אויפנאהמע.

אלזא, די קלאוק מאכער אין שיקא־גא גרייטען זיך איינצופיהרען וואך־אר־בייט, ווי עס איז געטאן געווארען דא ביי אונז. די וואך, דאכט זיך, מיטוואך און דאנערשטאג קומט דארט פאר א רעפע־רענדום אפשטימונג איבער דער פראגע און עס איז קיין צווייפעל, אורטיילענדיג לויט דעם גייסט פון דעם מאססמיטינג פון לעצטען שבת, דאס א גרויסע מאיאריטעט פון די שיקאגאער קלאוק מאכער וועלען שטימען פאר וואך־ארבייט.

* * *

ברודער שלעזינגער האט פון שיקא־גא בכלל געבראכט א גאנץ גוטען גרוס. א חוץ ביי די קלאוק מאכער איז דארט אויך גאנץ לעבעדיג ביי די ווייסט מא־כער, די מיטגלידער פון לאקאל 100.

ניט אכטענדיג וואס דער לעצטער סטרייק פון דער ווייסט מאכער יוניאן האט, צוליעב די פארפאלגונגען פון די קאורטס, דעמאלט געמוזט אויפגעגעבען ווערען אין מיטען, זיינען די ווייסט מא־כער אין שיקאגא איצטער איבער 60 פרא־צענט ארגאניזירט, און ווי עס שיינט, זיי־נען די אנדערע ווייסט מאכער, וועלכע בא־לאנגען נאך איצט ניט אין דער יוניאן, גרייט זיך אנצושליסען יעדע מינוט, ווען די באוועגונג וועט זיך אביסעל מעהר צו־פלאקערען, ווען עס וועט מעהר ניט הייב־נען איבער זייערע קעפ די מורא, אפגע־זאגט צו ווערען פון דער ארבייט, דער־פאר ווייל זיי זיינען יוניאן־לייט.

רעדענדיג וועגען דער באוועגונג וואס געהט אן צווישען די אינטערנעשיא־נאל לאקאלס אין שיקאגא, דארף דא דער־מאנט ווערען, דאס ברודער האכמאן, דער אינטערנעשיאנאל ארגאנייזער אין יענער שטאט טוט זעהר גוטע ארבייט און ער האט זיכער א גרויסען חלק אין דעם, וואס די באוועגונג וואקסט זיך דארט אזוי שעהן פאנאנדער. ער ארבייט האנד־אין־האנד מיט די באאמטע פון די באזונ־דערע לאקאלס און טראגט אומעדום ארייין א גייסט פון לעבען און טעטיגקייט.

אלזא, אין א צוויי וואכען ארום, גלייך נאך דער קאנווענשאן פון דער אמע־ריקאן פעדעריישאן אוו לייבאר, וועט פרעזידענט שלעזינגער ווידער זיין אין שי־קאגא און מען קען ערווארטען אז דארט וועלען פארקומען גרויסע פאסירונגען.

* * *

נאך שיקאגא קומט קליוולאנד, באל־טימאר, מאנטרעאל און טאראנטא.

צווישען די קלאוק מאכער אין באל־טימאר געהט איצט אן א לעבעדיגע בא־וועגונג פאר נייע פאדערונגען.

פרעזידענט שלעזינגער איז געווען אין באלטימאר דעם דינסטאג, דעם 10טען דזשון, וואו ער האט אדרעסירט א גרויסע פארזאמלונג פון קלאוק מאכער. ליידער ווייסען מיר ניט גענוי די פאדערונגען וואס יענע ארבייטער זיינען גרייט ארויסצו־שטעלען צו זייערע בעלי־בתים. מיר ווייי־סען בלויז אז אויך דארט געהט איצט אן א לעבעדיגע באוועגונג, ניט צו בלייבען הינטערשטעליג נעגען די קלאוק מאכער פון אנדערע שטעדט וואו קלאוקס ווערט געמאכט.

דאסזעלביגע אויך אין מאנטרעאל און טאראנטא, קענעדע. אין די דערמאנטע צוויי שטעדט זיינען די מיטגלידער פון די אינטערנעשיאנאל לאקאלס ענטשלאסען צו באקומען וואך־ארבייט און א 44 שטונ־דיגע ארבייטס ־ וואך. און אויך פון די שטעדט מעג מען ערווארטען צו הערען אין גיכען גאר גוטע נייעס.

וואס אמבעלאנגט קליוולאנד, האבען די קלאוק מאכער דארט, נאך מיט צוויי וואכען צוריק געשטימט דורך א רעפע־רענדום וואוט וועגען א סטרייק און די פאדערונגען וואס די יוניאן זאל ארויס־שטעלען צו זייערע בעלי־בתים, וועלכע קא־נען זיך נאך אלץ ניט צוגעוואוינען צום גע־דאנק, אז זיי וועלען מוזען האנדלען מיט אן אמת'ער יוניאן.

די ארבייטער פון קליוולאנד האבען געשטימט פאר א סטרייק, און א גרויסע צאהל פון זיי ווארטען מיט אומגעדולד אז דער סטרייק זאל שוין גערופען ווערען. וויס־פרעזידענט מ. פערלשטיין איז דארט מיט דער יוניאן און אלע נויטיגע פארבע־רייטונגען ווערען פארפערטיגט.

עס פארשטעהט זיך, אז די „טשארי־טייבל" קלאוק מאנופעקטשורער פון קליוולאנד שמעקט ניט דער גאנצער עסק. זיי האבען געמיינט אז זיי וועלען קאנען אויף אייביג פארשלעפערען די ארבייטער אין זייערע שעפער מיט זייער „בענעוואר־לענס", מיט זייערע „סקימס" פון „שאפ קאונסילס", מיט דעם „פארטנערשיפ פון קאפיטאל און ארבייט" וואס ווערט „גע־פרעדיגט" פון דעם גרויסען אויסבייטער, דער יונגער ראקעפעלער. אבער די קלאוק־מאכער אין קליוולאנד ווייסען שוין צו גוט דעם טעם פון יענעם, מישטיינס געזאנטען, „יוניאניזם", און זיי זיינען ענטשלאסען צו האבען איין מאל פאר אלע מאל אן אמת'ע יוניאן, וואס זאל קאנטראלירען

אין די רייכע גאסען

פון מ. פערעלמוטער.

און ווערט מיר צופיעל ענג
פון רויך און פוסטען שטרייט,
אנטלויף איך פון דער ארעמקייט
אין רייכען טייל פון שטאדט,
און דארט,
שפאצירענדיג צוזאמען מיט'ן פיין־
געפוצטען לארד,
פארליר איך זיך אין פארביגען
געדרענג

אין בונטען קאראהאד,
אין שמעקעדיגען טאנץ
פון שוים און גלאנץ,
פון רייזען, קרוזשעוועס און סאמעט,—
און אט,
טוט מיט אמאל א בלענד מיר אין די
אויגען

וואס:
א שוואנען־האלז, אין פיאלעט און ראז
געליאמעט
איז פארבייגעפלויגען;
באלד:
א בויגיג, בלאנד געשטאלט,
געהילט אין בלויען זייד
שוועבט דורך:
„שורך, שורך, שורך",
און טראגט אקאציעס א וואלד;
און פון דער ווייט:
ווי דורך א גאלדיג־בלויען רעגען
קומט אן
א פארעל אין א פאעטאן
אנטקעגען...
און אויפדערנאכט,
ווען ס'שמעלצט די זון איהר קופער
מיט א פלאמיג־רויטען שיין,
און גיסט מיט העלען, געלען ווייך
אויף אלץ, —
מיר דאכט:
די גאנצע שטאדט, פון גאלד און זייד
און קרוזשעוועס געשטיקט,
זיך וויעגט, זיך וויעגט
און טאנצט א וואונדערליכען צויבער־
וואלץ...

— און ס'אַרא פאַרבען! רויט, געל, גרין — אַלץ, וואָס מען קען זיך נאָר פאָרשטעלען! איבערראַשענד גוט איז דאָ! און ווי דער וואַלד האָט זיך צושפּרייט אין דער טיעף און אין דער לענג! און ווי דער הימעל איז הויך! הויך, הויך! גאָט, ווי הויך איז דיין הימעל!

ער האָט געיובעלט און געפּאָכט מיט'ן הוט.

— גאָט, ווי הויך איז דיין הימעל! — האָט עס אויסגע־שריען און צושפּרייט די הענד!

פּלוצים איז אויפ'ן וועג אַרויסגעשפּרונגען אַ ווייעווערקע.

— האָסט געזעהן? — האָט ער אויסגעשריען, — ווי גיך זי איז דאָס אַרויפגעשפּרונגען אויפ'ן בוים! אָט זיצט זי דאָרט. זעהסט? אַ, ס'אַרא קלוג חיה'לע! שוין לאַנגע יאָהרען, ווי כ'האָב ניט געזעהען קיין איינע פון זיי. אָט איז זי ווידער אַרי־בערגעשפּרונגען, אַריבערגעשפּרונגען פון איין בוים אויפ'ן צווייטען.

אויף טראָט און טראָט האָט דער דאָזיגער מענש אויסגע־שריען פאַר באַגייסטערונג. ער האָט אויסגעזעהען, ווי ער וואָלט לאַנגע יאָהרען געלעגען קראַנק און ערשט היינט צום ערשטען מאָל פאַרלאָזען זיין צימער.

איז ער נישט קראַנק געווען? — האָב איך איהם געפרעגט.

יאָ, ערנסט קראַנק. אָבער איצט איז ער ווידער געזונד. קיינער קען זיך ניט פאָרשטעלען, ווי גליקליך ער איז. ניט פאַראַן אויף דער גאַנצער וועלט קיין גליקליכערען מענשען פון איהם.

— פאַר וואָס?

דער וואַנדערער האָט זיך אָפּגעשטעלט, אַ פּינטעל געטאָן מיט די אויגען און צולאַכט זיך. אַ זאָנדערבאַרע בילד האָט פאַר־געשטעלט אָט דאָס טרויעריגע, צוקנייטשטע, גרויע געזיכט, מיט די טרערענדיגע אויגען, ווען עס האָט גענומען לאַכען. ווי קליינע שטריפען האָבען אויסגעזעהען זיינע אויגען, אָבער מיט אַמאָל האָבען זיי זיך פאַרוואַנדעלט אין גרויסע, ליכטיגע רעדער.

— פריינד מיינער, גיב נאָר אַ קוק! אַ זעלטען בילד, זאָג איך דיר. און ווייסטו מיט וועמען דו געהסט? מעגליך, אַז דו האַלטסט מיך פאַר אַ נאַר. גיב נאָר אַ קוק אויף מיר: פאַר דיר שטעהט דער גליקליכסטער מענש אויף דער וועלט!

איך האָב איהם מיט דער האַנד אַ קלאַפּ געטאָן איבער דער פּלייצע; דער קליינער וואַנדערער האָט פון דעם קלאַפּ זיך שיער ניט צונעזעצט צו דער ערד.

גרויסאַרטיג, פריינד מיינער! — האָב איך אויסגעשריען און לאַכענדיג האָב איך זיך טיף פאַר איהם איינגעבויגען. — איך בין דיין ברודער. איך בין אויך דער גליקליכסטער מענש אויף דער וועלט.

— כע־כע־כע.

— כאַ־כאַ־כאַ.

מיר האָבען אַזוי געקייכט פאַר געלעכטער, אַז מען האָט גע־קענט מיינען, אַז מיר בויגען זיך טיף איינער פאַר'ן צווייטען. מיר זיינען געשטאַנען אין מיטען וועג, אין דעם הערבסטליכען וואַלד, אונטער'ן רעגען און געניינט זיך איינער צום צווייטען.

— יאָ, — האָב איך געזאָגט, — פריינד מיינער, ווען דו זאָלסט וויסען, ווי גליקליך איך בין! איך בין אַן אייזענבאַהן־וועכטער. מיט אַמאָל זעה איך, אַ הונד לויפט איבער די רעלסען. איך כאַפּ דעם הונד און פיהר אָפּ צו זיין באַלעבאָס. זעהסט דעם שלאָס דאָרט אונטען?

— יאָ, אַ הערליכער שלאָס!

— הער זיך איין ווייטער. איך ברענג צופיהרען דעם הונד. מען פרעגט מיך, וויפיעל איך פאַרלאַנג. קורץ און שאַרף האָט ער געפרעגט, ווי געוועהנליך עס פרעגען די רייכע הערען. פריינד מיינער, ס'אַרא שעהן ווייב ער האָט! אַ שלאַנקע, אַ גאָלד־לאָקיגע און מיט אַ באַצויבערנדען שמייכעל. די לאָקען פאַלען ביי איהר אויף דעם שטערען, ווי ביי קינדער. אויגען האָט זי קליינע, לעבעדיגע, הל־בלויע, ווי אַ פערגעס־מיך־ניט. אַ קול, ווי ביי אַ פויגעל. האָט זי אָנגעהויבען צו רעדען...

— וויפיעל־זשע האָסטו געבעטען?

— פינף מאַרק. צופיעל?

— די פראַגע איז, וויפיעל צייט האָסטו אַכטונג געגעבען אויפ'ן הונד.

— זעקס וואָכען.

— אויב אַזוי, איז עס ניט צופיעל.

— וואָס־זשע מיינסטו האָט פּאַסירט? דער פּריץ האָט זיך צוקייכט פאַר געלעכטער און זיין שענע פרוי האָט אויך געלאַכט. — הערסט איינגעבאָרג, ער בעט פינף מאַרק — האָט געזאָגט דער פּריץ. זיין שעהנע פרוי האָט אויף דעם געענטפערט, אַז איך מוז זיין משוגע. ביידע האָבען זיך צולאַכט. וויפיעל־זשע מיינסטו, האָבען זיי מיר געגעבען?

— צוואַנציג מאַרק?

— צוויי טויזענד!! — האָב איך אויסגעשריען אַזוי הויך, אַז דער וואַלד האָט אַזש אָנגעהויבען צו רוישען.

— שווייג־זשע! — האָט דער וואַנדערער אויסגעשריען פונקט אַזוי הויך.

— יאָ, צוויי טויזענד מאַרק! איך וועל זיי דיר ווייזען. — איך האָב אַרויסגענומען מיין בייטעל.

— זעהסט? איך לייג נים. דו קענסט דיר נאָר ניט פאָר־שטעלען וואָסער הונד דאָס איז געווען! אויף אויסשטעלונגען פלעגט ער געשיקט ווערען, פלעגט אומעטום נעמען פּרייזען. אין גיכען וועט ער געשיקט ווערען נאָך אַמעריקאַ.

— מערקווירדיג!

— יאָ, ווען אַ מענשען איז באַשערט גליק, קומט אין זיין היים צו לויפען אַ פּרעמיווירטער הונד. וואָס־זשע וועסטו איצט זאָגען, בין איך ניט דער גליקליכסטער מענש אויף דער וועלט?

— לאָמיר געהן — האָט געענטפערט דער וואַנדערער, — מען קען שמועסען געהענדיגערהייט. ווען איך זאָל אפילו גלויבען, אַז דאָס אַלץ איז אמת, איז אָבער דיין גליק נאָך אַלץ ניט אַזוי גרויס ווי מיינער. אויסערליך זעהט דיין גליק אויס גרויס, אָבער געלט ניט ניט קיין גליק. דו קענסט פאַר געלט קריגען פיעל ניצליכעס און נויטוועגדיגעס. דאָס איז אמת. אָבער מיין גליק איז טיפער, אין מיין האַרצען איז עס, איינוועניג אין מיר פלאַטערט עס. איך בין ניי־געבאָרען, איך האָב געקראַגען לעבען און פרייהייט און שפּאַן מיר דורך דער הערליכער וועלט; נאָך צוויי וואָכען איז געבליבען צו געהען און דאַמאָלט וועל איך שוין זיין ביי מיין ווייב; איך האָב צוויי קינדער, וואָס באַזוכען שוין איצט די שול. אַ איינגעל און אַ מיידעל. ניט אמת, דאָס איז שוין עפּעס אַנדערש? מעגליך, דו האָסט אויך קינדער.

— געוויס, געוויס. אָבער מיינע קינדער געהען נאָך ניט אין שול. הם... איך פאַרשטעה דיך, דו ביזט געזונט געוואָרען, נאָך אַ לאַנגער קראַנקהייט און האָסט ווידער די מעגליכקייט צו זעהען דיינע אייגענע, אָבער פאַרט בין איך זעהר גליקליך, זעהר גליקליך. זאָג, פּאַסירט אויך מיט דיר דאָס זעלבע: ווען איך בין גליקליך, פיהל איך אַ נויטווענדיגקייט צו פאַרשאַפען פרייד אַנדערע?

— דאָס איז אַן אַלמענשליכע נויטווענדיגקייט.

— הער זיך איין. נאָמיר אָננעמען, אַז איך האָב נאָר וואָס געקראַגען טויזענד מאַרק. וואָס זאָל זיין, ווען מיר זאָלען זיך צוטיילען? איך דאַרף נישט דאָס געלד.

דער וואַנדערער האָט אַ פּינטעל געטאָן מיט די אויגען און צולאַכט זיך. ער האָט מיט דער האַנד אַ שאָקעל געטאָן די קעשענע, און אַ קלאַנג פון אַביסעל געלד האָט זיך געהערט.

ער האָט אַ קנאַק געטאָן מיט דער צונג. — אָט זעהסטו, איך האָב געלד און נויטיג זיך ניט. — האָט ער געזאָגט, — איך בין אַזוי גליקליך, מיין פריינד, אַז געלד שפּילט פאַר מיר קיין ראָלע ניט. אַלץ איז ביי מיר אין בעסטען אָרדנונג, מיין ווייב האָט זיך פאַרשאַפט אַ מאַשין צו שטריקען, זי איז זעהר אַרבייטס־זאַם און פעהיג.

אויב ער איז אַזאַ שטאָלצער, איז עפּעס אַנדערש...

לאָמיר זיך ניט קאַליע מאַכען די שטימונג, — האָט ער גע־זאָגט, — ווייל סוף כל סוף זיינען מיר די גליקליכסטע מענשען אויף דער וועלט. דו האָסט אַ גוט האַרץ, דו ביזט גליקליך, אַז ניט וואָלסטו ניט געקענט אַזוי שמייכלען. איך קען גוט דאָס געלעכטער און דעם שמייכעל פון מענשען; איך בין [illegible] געווען דאָרט, וואו מען שמייכעלט זעלטען, פאַרשטעהסט? דו ביזט אַזוי גליקליך, אַז דו קענסט דיר ערלויבען צו וויצלען זיך. הער זיך איין, ברודער, איך קוק אויף דיינע הענד. דו ביזט דאָך ניט קיין אייזענבאַהן וועכטער, אמת?

— כאַ־כאַ!

— ניין! האָט דען אַן אייזענבאַהן וועכטער אַ טייסטער? אויסער דעם, רעדט אַ וועכטער גאָר אַנדערש. איך האָב אַ סך געוואַנדערט און קען אייזענבאַהן וועכטער בעסער פון דיר. וואו געפינט זיך אַזאַ נאַר, וואָס זאָל געבען צוויי טויזענד מאַרק, ווען מען ברענגט איהם צוריק אַ הונד? מיר זענען דאָך ניט אין אַמעריקאַ! איך בין זיכער, אַז דו ביזט פון דעם שלאָס, אפשר דער פּריץ אַליין?

איך האָב זיך צולאַכט.

ס'אַרא חכם דו ביזט! דאַרף איך דען זאָגען יעדען איינעם ווארום איך בין גליקליך?

אָבער דיר וועל איך זיך מודה זיין, אַז וואָס אַנבעלאַנגט דעם הונד, איז עס, פאַרשטעהסט זיך, אַ ליגען. אָבער איך וויל דיר זאָגען דעם אמת. איך האָב היינט געקראַגען אַ בריעף פון מיין פרוי. זי איז איצט אין אַ קור־אָרט. אַ קינד איז ביי איהר געבאָרען געוואָרען, אַ איינגעל.

— אַ, דאָס זיינען שוין ערנסטערע רייד, אָט דאָס הייסט גליק! איך באַגריס דיך!

— אַ דאַנק, אַ דאַנק!

איך האָב געמוזט אָוועקדרעהען דעם קאָפּ. טרערען האָבען זיך מיט אַמאָל באַוויזען אין מיינע אויגען. ווי נאַריש איז דאָס געווען!

דער וואַנדערער האָט אַ וואונק געטאָן. ער האָט עפּעס אַזאַ שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ. — וואָס איז מיט דיר? — האָט ער געפרעגט. דו ביזט עפּעס אַזאַ זאָנדערבאַרער.

— דאָס איז גאָר נישט! — האָב איך אויסגעשריען, איך האָב זיך צולאַכט און אָוועקגעדרעהט דעם קאָפּ.

— איז אודאי גוט. מיר האָט זיך אַזוי אויסגעוויזען, — און דיין שמייכעל איז עפּעס אויך אַזאַ זאָנדערבאַרער. נו, זיי געזונד. נאָך איין וואָרט — אָפּגעהערציגקייט פאַר אָפּגעהער־ציגקייט! גיב אַ קוק אויף מיר, אויף מיין פּנים, אויף מיינע אָפּגעגאָלטע האָר. אויב דו ביזט ניט בלינד, וועסט זעהן פון וואָסער האָספּיטאַל איך קום. פיער יאָהר! דאָס איז געווען אַ שלעכטע און לייכטזיניגע האַנדלונג. איצט, פאַרשטעהסט זיך, איז שוין אַלץ געענדיגט — זיי געזונד!

מיר האָבען זיך דערלאַנגט די הענד.

דער וואַנדערער האָט מיט גיכע טריט זיך גענומען אַרונטער־לאָזען אין טאָל. ער האָט זיך אומגעקוקט פון וועג און פייערליך געפאָכט מיט'ן הוט. אַלס ענטפער האָב איך פייערליך געפאָכט מיט'ן שטעקען.

אין גיכען איז ער פאַרשוואונדען פון מיינע אויגען. ער האָט זיך פאַרלאָרען אין דער דעמערונג.

(פאָרטזעצונג פאָלגט)

די עקזאַמינערס יוניאָן לאָק. 82 אין אַ נייעם אַגרימענט

מיט דער זיעגרייכער ענדע פון דזשענעראַל סטרייק וועט זיך אויך האָבען זיעגרייך געענדיגט דער ערשטער קאַפּי־טעל פון דעם קאַמף פאַר דער עקזיס־טענץ פון דער עקזאַמינערס, באַנדאַרערס און בושלערס יוניאָן. שווער איז געווען דיזער קאַמף וועלכער איז געפיהרט גע־וואָרען סיי פון אינעווייניג, סיי פון אוי־סענווייניג.

דער כאַראַקטער פון דעם קאַמף איז גאַנץ פאַרשידען פון די געוועהנליכע קעמ־פע וואָס אירגענד וועלכע יוניאָן האָט, כדי צו אָרגאַניזירען דעם פאַך. עס איז געווען דער ספּעציעלער קאַמף פון אַ ספּעציעלען ברענטש אין אַן אינדוסטריע, וועלכע איז שוין אָרגאַניזירט פאַר יאָה־רען, אָבער וועלכע האָט זיך ניט געגעבען די מיהע דיזען ברענטש צו העלפען זיך אָרגאַניזירען, ווייל זיי האָבען געדיינקט, אַז זיי זיינען ניט קיין פּראָלעטאַריער.

שולדיג פאַר דיזען געדאַנק זיינען די ספּעציעלע אומשטענדען וועלכע מאַ־כען אַז דער עקזאַמינער פונקציאָנירט אונטער פאַרשידענע מלאכות, וועלכע זיי־נען פאַרשידען אין יעדען שאַפּ. וועהרענד אין איין שאַפּ ווערט אַן עקזאַמינער פאַר־שטאַנען צו זיין דער מאַן וואָס עקזאַמי־נירט די פאַרטיגע אַרבייט בעפאָר מען ליפערט עס, פאַרשטעהט מען אין אַ צוויי־טען שאַפּ אַז דער עקזאַמינער איז דער וואָס פינט די וויסטלאַך און דעם בעלט, וואָס דרייפט אויס די וויסט, וואָס מאַרקט אָן די טרימינגס, פּאַקעטס און באַטענהאָלס, אין אַ דריטען שאַפּ דאַרף ער זיין דער אַלטריישאַן מאַן צוצופּיק־סען אַלע קלייניגקייטען וואָס דער אָפּריי־טאָר און פינישער האָבען אַמאָל פאַרגע־סען. פאַראַן אַ סך שעפּער וואו דער עק־זאַמינער דאַרף אויך נאָכקוקען יעדען באַנדעל וואָס דער אָפּרייטאָר מאַכט פאַר־טיג בעפאָר עס געהט צום פּרעסער.

דיזע אַלע אַרבייט וועלכע עס קומט אויס דעם עקזאַמינער צו טאָן אין די פאַרשידענע שעפּער, ווערט אָבער אין אַנ־דערע שעפּער געטאָן פון פאָרמאַן, פון דעזיינער און מאַנכעס מאָל פון באָס אַליין, וועהרענד קיינער פון די אויבענדערמאָנ־טע וועט זיך ניט אָוועקזעצען אָפּרייטען אָדער פּרעסען. דאָס האָט שטאַרק פאַר־פּלאָנטערט די פראַגע און געמאַכט אַז מען זאָל אויפ'ן עקזאַמינער קוקען ווי אויף אַ חצי פאָרמאַן — ווי אַזאַ וואָס טוט די אַרבייט וואָס געהערט צום עקזעקוטיוו סטעף פון שאַפּ. דערפאַר כאָטש עס וואָלט געווען גאָר ניט שווער צו אָרגאַניזירען די עקזאַמינערס, האָט אָבער קיינער ניט געפונען פאַר נויטיג דיזע אַרבייט אונ־טערצונעמען און מען איז אַנפאַנגס געבלי־בען גלייכגילטיג ווען די עקזאַמינערס אַליין האָבען גענומען אָרגאַניזירען זייער פאַך.

* * *

דער גייסט פון סאָלידאַריטעט האָט אָבער גובר געווען. די אָרגאַניזירטע יו־ניאָן אַרבייטער האָבען לאַנג גלייכגילטיג ניט געקאָנט בלייבען און אַזוי איז ביס־לעכווייז נאָך אייניגע ענערגישע קעמפּע אַנערקענט געוואָרען, אַז דער עקזאַמי־נער איז אַ פּראָלעטאַריער — אַן אַרבי־טער וואָס האָט צו ערפילען געוויסע פי־זישע אַרבייט אין דעם פּראָצעס פון מאַ־נופעקטשורען קלאָוקס. אונזער יוניאָן איז אַנערקענט געוואָרען אין די אַרבייטער קרייזען. דאָ אָבער פאַנגט זיך אָן דער צווייטער האַלבער קאַפּיטעל, נעמליך, די אַנערקענונג פון אונזער יוניאָן ביי די בעלי הבתים. דאָ האָט עס זיך שוין ניט געהאַנדעלט אום אַרגומענטען, אום יושר, דאָ האָבען זיך שוין געפאָדערט קעמפּע.

דאָס ערשטע וואָס עס פאָדערט זיך אום אַז אַן אָרגאַניזאַציאָן פון אַרבייטער זאָל קענען געבוירען ווערען, איז די מעג־ליכקייט צוזאַמענצוריידען זיך. דאָ וואו עס אַרבייטען מעהרערע מענשען צוזאַמען און זיי אַלע ווערען אונטערדריקט, וועלען זיי שנעלער זיך אָרגאַניזירען און אַרויס־טרעטען אין קאַמף, ווי דאָרט וואו עס אַרבייט איין איינציגער מענש אָדער צוויי. דערפאַר איז אין אונזער יוניאָן פאַרגע־קומען אַ זאָנדערבאַרע ערשיינונג. פון איין זייט אַ קליינע צאָהל גרויסע שעפּער, וואו עס האָבען געאַרבייט עטליכע עקזאַ־מינערס און אין אייניגע שעפּער זאָגאַר צו אייניגע צעהנדליג עקזאַמינערס. דיזע זיינען געווען גוט אָרגאַניזירט, די יוניאָן אַנערקענט און האָבען געאַרבייט יוניאָן

(שלוס אויף זייטע 17).

דעם סטרייק, ווי עס האָבען דאָס די קלאָוק מאַכער אין ניו יאָרק און אין א סך אַנדערע שטעדט אין אמעריקא און קענעדע.

אז די קליוולענדער קלאָוק באָסעס ארבייטען דאָרטען מעשים צוצושטערען די אייניגקייט פון די קלאָוק מאַכער, מיינענדיג אזוי נאָך ניט צו דערלאָזען עס זאָל קומען צו א סטרייק, קאָן מען זעהן פון די פּאַסקווילען וואָס זיי לאָזען דאָרט ארויס אין נאָמען פון די ארבייטער. זיי ווילען מאַכען דעם איינדרוק אז די פּאַסקווילען לאָזען ארויס ארבייטער, עס זאָל אויסזעהן אז איין טייל ארבייטער שטרייט געגען א צווייטען טייל.

מיר האָבען דאָ פאַר זיך איינעם פון די פּאַסקווילען וואָס מען האָט אונז צוגעשיקט פון קליוולאַנד, א לאַנגע מגילה אין אידיש און ענגליש. דאָס ענגלישע איז נאָך צו דערליידען. דאָס אידישע אָבער, וואָס איז אַן איבערזעצונג פון'ם ענגלישען איז געשריבען אין אזא טאַטערשען אידיש, אז מען קאָן פּלאַצען פאַר געלעכטער דאָס לעזענדיג. די שפּראַך און די אויסלענעכץ פון די ווערטער איז העכסט טאַטעריש, שרעקליך עם הארציש, אָהן א ברעקעל זין, און מען קאָן זיך מיט דעם גוט אמוזירען כאָטש יענע פּאַרטאַטשעס זיינען אויסען מיט דעם צו ברענגען דער יוניאָן שאַדען.

מיר ווילען דאָ איבערגעבען א פּאָר שטיקלעך פון פּאַסקוויל, אין דערזעלבער „ספּעלינג", און איהר וועט שוין זעהן וואָס דאָס איז פאַר א מאַכענאַציע.

דער קאָפּ פון פּאַסקוויל הייסט: „ערנסטע ווערטער צו די קליוולאַנד קלאָוק מייקערס" און אונטערגעשריבען איז „איין קלאָוק מייקער". אויף אידיש הייסט עס, איין קלאָוק מאַכער, דאָס הייסט, ניט קיין סך קלאָוק מאַכער... געמיינט האָבען זיי, פאַרשטעהט זיך, אונטערצושרייבען: א ק ל אָ ו ק מ אַ כ ע ר, עס זאָל אויסזעהען אז דאָס האָט געשריבען אַן ארבייטער.

אָט איז איין שטיקעלע סעמפּעל:

„קלאָוקמייקער אויף קליוולאַנד בענוצט אייער פאַרשטאַנד לאָזט אייך ניט פירפיהרען, עס איז זעהר לייכט ארויסגעהען אויף א שטרייק, אָבער די פראַגע איז אויב מיר האָבען רעכטע ריזענס... מיר דאַרפען בערעכענען ווי מיר זיינען געבליבען אין 1911, מיר מוזען ניט פאַרגעסען אז יעצטיגע צייט איז שווער איין וואָך גיין אַן ארבאַייט, און מיר ווייסען דאָס וואָס עס הייסט איין שטרייק, אונזערע לידערס זאָגען אז די באָסעס וועלען באַלד צעטלען, אזוי זאָגען די לידערס און די באָכעס זאָגען פאַרקערט און אויב פאַרקערט וואָס וועלען מיר עשען. די גראַשערי וועט ניט באָרגען, דער לענדלאָרד וועט ניט וואַרטען, יא, איך האָב פערגעשען. נעלט וועט זיין פּלענטי, אזוי זאָגען די לידערס, איר גידיינקט דאָך די עקספּרעסען מיט געלט וואָס מען האָט אייך געבראַכט אין 1911... פאַרגעשען?... קלאָק מייקער אויף קליוולאַנד, באַטראַכט אייער לאַגע, און לאָזט זיך ניט פאַרפירען", און אזוי ווייטער.

ווען דער פּאַסקוויל איז געדרוקט געוואָרען איז דער קלאָוק מאַכער סטרייק אין ניו יאָרק געווען אין פולען גאַנג, און די פּאַסקוויל-שרייבער האָבען געוואָלט איינשרעקען די קליוולאַנדער קלאָוק מאַכער, דאָס ווי באַלד זיי וועלען ארויסגעהן סטרייקען וועלען די קלאָוק מאַכער אין ניו יאָרק זיך צואיילען צו סעטלען דעם סטרייק כדי צו קאָנען אויפמאַכען די סקעב-ארבייט פאַר די קליוולאַנדער באָסעס, און אָט וואָס די פּאַסקוויל שרייבער זאָגען וועגען דעם:

„איך בין זיכער זאָ שנעל ווי אין קליוולאַנד וועט ווערען איין שטרייט וועט ניו יאָרק באַלד שעטלען ווי אזוי שעטלען? דאָס איז שוין קיין פראַגע, ווייל ארבייט וועלען זיי האָבען, וועלען זיי ווי ריכטיגע יוניאָן ברידער אונז ארויסהעלפען און פּאַרטיג מאַכען דאָס בישעל ארבייט און אונז וועלען זיי העלפען מיט געלט, מיר זאָלען קענען אַנהאַלטען דעם שטרייק, ווייל אַנזער שטרייק וועט אַנהאַלטען אביסעל לייננער..."

ווי געפעלט אייך אזא געמיינע אינסינואַציע געגען אונזערע בראַווע קלאָוק מאַכער-קעמפּער פון ניו יאָרק?!

ארימע פּאַסקוויל שרייבער! נידעריגע פאַרלוימדער! זיי האָבען נעבעך געטראָפען מיט'ן פינגער אין הימעל. דער גרויסער סטרייק אין ניו יאָרק האָט זיך סיי ווי גיך געענדיגט און די ארימע נפשות וועלען יעצט מעהר ניט קאָנען בלאָפען מיט דעם ניו יאָרקער סטרייק.

אינגעבאָרג

א ראמאן פון ב. קעללערמאן

(פאָרטזעצונג).

— הערט זיך איין, מיין פריינד, — האָב איך איהם געזאָגט, — פאַר מיר איז די סומע ניט צו גרויס, נאָר צו קליין. איך וואָלט אייך אָפּגענאַרט, ווען איך זאָל אייך געבען פינף מאַרק, און איהר וואָלט נאָך געבליבען צופרידען. דאָס וואָלט געווען אַן אָפּנאַרעריי, ווייל אַט דער הונד איז ניט קיין געוועהנליכער, אַ, ניין! — און איך האָב איהם דערצעהלט, דעם שטאַם פון הונד און אז ער האָט שוין פאַרדינט מעהר ווי פופציג טויזענד מאַרק אויף אויסשטעלונגען און אז אין גיכען דאַרף ער אוועקגעשיקט ווערען נאָך אמעריקא אויף אַן אינטערנאַציאָנאַלע אויסשטעלונג פון הינד.

מיר איז שווער אנגעקומען זיך איינצוהאַלטען פון לאַכען, ווייל דאָס פּנים פון דעם באַהן-וועכטער האָט זיך אַלץ מעהר אויסגעצויגען, וואָס מעהר איך האָב דערצעהלט פון די פּרייזען, וואָס פּאַצאַ האָט גענומען, — געוויס, ער איז שוין אביסעל צו אַלט, — האָב איך געענדיגט, — אָבער ער קען נאָך אַלץ קריגען א פּאָר פּרעמיען; אַלענפאַלס, וואָלט איך איהם פאַר פופציג טויזענד מאַרק ניט פאַרקויפט.

אז עקספּערט וואָלט דעם הונד אָפּגעשאַצט אין א דרייסיג, לאָמיר זאָגען, צוואַנציג טויזענד מאַרק. אזוי ווי נאָך'ן געזעץ האָט איהר א רעכט צו פאָדערן צעהן פּראָצענט פון דאָס געפונענע, בין איך צופרידען, אייך צו געבען צוויי טויזענד מאַרק. זייט איהר צופרידען?

— וואָס רעדט איהר? . . .

איך וויצעל זיך ניט, איך קען אייך ווייזען דעם הונד'ס אַטעסטאַטען. אַלץ, וואָס איך וויל, איז אייך ניט נענאַרען. — איך האָב גערעדט מיט א קלאָרער און איבערצייגטער שטימע.

דער וועכטער האָט זיך צולאַכט, ווי א משוגע'נער, ער האָט זיך מיליטעריש אויסגעצויגען, צוגעלייגט די האַנד צום הוט און געשיקט מיר פון דער ווייטען א קוש. ווי אַן אונטערגעצונדענער איז ער אַנטלאָפען אונטער'ן באַרג; דריי מאָל איז איהם דער הוט אראָפּגעפאַלען.

ווי ער האָט זיך דאָס דערפרעהט? צוויי טויזענד מאַרק! פאַראַנען מענשען, וועלכע זאָלסט אונטערטראָגען גאַנץ אינדיען מיט א צוגאָב דעם גן-עדן און זיי וועלען זיך אזוי ניט דערפרעהען.

איך האָב די טיר פאַרריגעלט.

— פּאַצאַ! פּאַצאַ!

איך האָב זיך געוואָרפען אויף דער ערד, געיאָמערט, געלאַכט פאַר פרייד!

— דו, מיין גוטער פּאַצאַ!

פּאַצאַ האָט א לעק געטאָן מיין האַנד, מיין פּנים, האָט א דרעה געטאָן מיט'ן עק און צובילט זיך. איך האָב איהם געקוקט אין די אויגען. ער האָט אַלץ פאַרשטאַנען. א, ווען ער זאָל קענען רעדען!

ער איז ניט געווען אין גאַנצען געזונד, שיער ניט אויסגעגאַנגען פון הונגער.

איצט איז שוין אַלץ געוואָרען ווידער גוט. כאַ-כאַ-כאַ!

פּאַצאַ, פּאַצאַ איז צוריקגעקומען!

שענק א מענשען אוועק גאַנץ אינדיען מיט א צולאַג דעם גן עדן און טויזענד שענסטע פרויען פון דער וועלט, — אזעלכע, פון וועלכע דאָס האַרץ הויבט אַן קלאַפּען, ווען זיי ריהרען זיך נאָר צו, און יעדער אָדעריל נעמט ציטערען — און דער מענש וועט ניט רויט ווערען! גיב איהם אָבער, איין שורה, איין וואָרט פון זיין געליעבטער, — און ער וועט בלייך ווערען פאַר פרייד.

יא, ס'איז געקומען א בריעף פון אינגעבאָרג. איך בין געזעסען אין מיין צימער און ארומגעגאַנגען ארום פּאַצאַ. פּאַצאַ איז כסדר געשלאָפען און ער האָט אוועקגעדרעהט דעם קאָפּ, ווען איך האָב איהם געוואָלט געבען וויין אָדער געהאַקט פלייש. מיט בלוט זיינען געווען זיינע אויגען אנגעגאָסען. אָבער ער וועט אין גיכען געזונט ווערען, און דאַמאָלס וועט זיין א הערליכע צייט. מיר וועלען צוזאַמען אריבערשטופּען דעם ווינטער, טעג און נעכט זיין צוזאַמען.

און אָט איז אנגעקומען א בריעף. די אַלטע מאַרי האָט מיר דעם בריעף דערלאַנגט מיט אזא מינע, ווי דאָס וואָלט גאָרנישט ניט געווען עפּעס אויסערגעוועהנליכעס. איך האָב איבערגעלעזען דעם אַדרעס: עס איז געווען פון אינגעבאָרג. ניט אומזיסט האָט דער בריעף-טרעגער געבראַכט דעם בריעף.

פריינד, פריינד, פריינד און ליעבע מענשען! — אַלע אויף דער וועלט! — ניין, שטילער, שטילער!

איז דאָס אינגעבאָרגס האַנדשריפט? יא, דאָס איז איהר, מעגליך, אז דאָ איז געלעגען אינגעבאָרגס האַנד? יא, יא, אינגעבאָרגס ליפּען האָבען פאַרקלעפּט דעם קאָנווערט.

ווייסטו וואָס עס באַדייט ווען מען גיט אַן אומגליקליכען אביסעל גליק? דאָס איז די זון אין מיטען-נאַכט, דאָס איז דאָסזעלבע, ווי גאָט אַליין וואָלט זיך צו איהם באַוויזען, דאָס איז... ניין, שטילער!

איך האָב גענומען דעם הוט און אוועק אין וואַלד. פּאַצאַ! אָבער פּאַצאַ האָט בלויז צוזאַמענגעצויגען די אויגען און לייכט א דרעה געטאָן מיט'ן עק. אין וואַלד אריין! האָט דאָך דער בריעף געדאַרפט דורכגעלעזען ווערען אין וואַלד. ער איז נאָך אַלץ ניט גענוג געדיכט. ער איז נאָך אַלץ ניט גענוג שעהן. גיכער!

איך בין אַלץ טיעפער אוועק אין וואַלד אריין מיט'ן בריעף אין דער האַנד. מיט אַמאָל האָבען גלאָקען גענומען קלינגען אין גאַנצען וואַלד. די ערד האָט געקלונגען, די בוימער האָבען געקלונגען.

זייערע שפּיצען האָבען זיך געוויגט פון איין זייט אויף דער צווייטער און געקלונגען.

איך בין געגאַנגען געיאָגט פון דעם הילך פון די פייערליכע גלאָקען; און זיי האָבען געקלונגען, געקלונגען, איך האָב זיך געלייגט אויפ'ן גראָז און גענומען זיך איינהערען צו דעם זאַנדערבאַרען, פייערליכען קלאַנג, וואָס האָט זיך געטראָגען ארום מיר.

ווי גוט איז געווען צו ליגען דאָ, הערען און קוקען אויף אינגעבאָרג'ס בריעף.

וואָר-זשע ביזטו, אינגעבאָרג?

בלויז א פּאָר ווערטער האָט אינגעבאָרג געשריבען. איך מוז איהר מוחל זיין, — איהר הערט? — דאָס שרייבט אינגעבאָרג! — זי האָט ניט געוואָגט שרייבען צו מיר — איהר הערט? — קאַרל גריסט מיך. זי בעט מיך אום א פּאָר קליינינקייטען; קען איך איהר ניט צושיקען דעם מעדאַליאָן מיט איהר מוטערס בילד? זי קען ניט לעבען אָהן דעם מעדאַליאָן.

זי איז זעהר פאַרנומען. לערנט זיך זינגען. קאַרל איז שטענדיג פאַרנומען מיט זיין ארבייט, און בלויז אין אָווענט קענען זיי זיין אביסעל צוזאַמען, אָבער זי איז גליקליך.

דעם מעדאַליאָן וועט זי קריגען מיט דער נעקסטער פּאָסט. איך האָב איהם געטראָגען אויפ'ן האַלז. אָבער זי וועט איהם באַקומען. אַלץ, וואָס זי וויל, אַלץ.

„ענטפער גיכער, אקסעל!"

יא, נאָך היינט דאַרף מען איהר שרייבען.

איך האָב זיך פאַרקליבען טיעף אין וואַלד אריין, אינגעבאָרג, און גענומען שרייבען דיר א בריעף, אָבער דער וואַלד האָט גענומען קלינגען. זאַנדערבאַר און אמוזאַנט איז דאָס אַלץ געווען. איך האָב זיך זעהר דערפרעהט, אַ, ווי איך האָב זיך דערפרעהט!

יא, דאָס איז געווען א שעהנער בריעף.

אין אַלע זייטען פון וואַלד האָב איך זיך ארומגעשלעפּט. האָט דען היינטיגען טאָג עקזיסטירט א גליקליכערער מענש אויף דער וועלט? ניין, ניין!

איך בין ארומגעגאַנגען אין וואַלד און געטומעלט ווי א אינגעל. הונדערט מאָל איבערגעלעזען אינגעבאָרגס בריעף. דער וואַלד האָט נאָך אַלץ געקלונגען. דאָס איז געווען א הערליכער טאָג און אין א צאַרטען דעמערונג האָט ער דערברענט.

עס האָט גענומען טריפען, ווי עס וואָלט געגאַנגען א רעגען.

איך בין ארויס אויפ'ן באַרג-וועג. פון א געלען גרויסען וואָלקען איז געגאַנגען א רעגען, וואָס האָט מיט דינע שטרייפען דורכגעשטאָכען די גרויע דעמערונג. בלויע אָדערען האָבען געפלאָסען איבער'ן שטענעל. די בלעטער אויפ'ן וועג און צווישען די בוימער האָבען אויסגעזעהען ווי א שעהנער טעפּיך.

עס האָבען זיך דערהערט טריט אויפ'ן וועג און איך האָב זיך אומגעקוקט. אויפ'ן וועג איז געגאַנגען א מענש מיט קורץ אָפּגעשאָרענע האָר און מיט א פּנים פון ערד-קאָליר. זיינע גרויסע אויגען האָבען ווי פייער געברענט. ער האָט געפּאַכט מיט'ן הוט און געגאַנגען פאַמעליך, ווי עס וואָלט מיט איהם פּאַסירט א גרויס אומגליק. נאָר ווען ער איז אנגעקומען אביסעל נעהנטער, האָב איך באַמערקט, אז ער איז געגאַנגען פאַמעליך דערפאַר, אום אביסעל זיך אָפּצורוהען ער איז, ווי עס האָט אויסגעזעהן, געגאַנגען פון גאַנץ ווייט. זיינע שיך זיינען געווען אין גאַנצען ווייס פון שטויב, מיט שוואַרצע שטרענדלעך פון'ם רעגען. ער האָט געהאַט א טרויעריג געזיכט, ווי א מאָנאַך, און גלאַנצענדיגע אויגען, וואָס האָבען אָפּען געקוקט אויף גאָטס וועלט.

— גאָט-העלף! — האָט אויסגעשריען דער מאָנאַך און א מאַך געטאָן מיט'ן הוט.

— גאָט-העלף! — האָב איך געענטפערט.

דער וואַנדערער האָט זיך אָפּגעשטעלט.

— יא! — האָט ער אויסגעשריען, — א וואונדערבאַרער רעגען! א, און ס'אַרא לופט! אָט דער רעגען איז דאָך אמת'ער חיין! — ער האָט א פינטעל געטאָן מיט די אויגען, א וויג געטאָן דעם קאָפּ און נעדרעהט זיין גאָלען שאַרבען אויף רעכטס און אויף לינקס און ווידער אַמאָל א פינטעל געטאָן מיט די אויגען.

— א, ס'אַרא בליק! וואָסער בליק איז דאָס? נאָט מיינער, איין גרויסער וואונדער וואונדער איז די דאָזיגע וועלט!

יא, א וואונדער איז די דאָזיגע וועלט!

איך האָב זיך צעלאַכט.

דער וואַנדערער האָט זיך געלאָזען אין וועג אריין, איך בין געגאַנגען צוזאַמען מיט איהם.

מאלציים א זאטען פאר זיך און זיין פאר-מיליע, מעהר וויל ער ניט.

אבער, ווען דער נעבראטענער אביון איז צוגעקומען צו דער גאלד-גרוב און אנגעהויבען אריינשארען דאס פינקלענדע גאלד אין זאק, האט ער פארגעסען אן זיין צוזאג, זיינע אויגען האבען אנגעהויבען ברענען מיט א מורא'דיגען גאלד-דורשט, א קליינינקייט עפעס גאלד! און וויפיעל ער האט נאר געקענט, האט ער אנגעהויבען שפארען אין זאק אריין. גע-שפארט און געשפארט, ביז ענדליך דער זאק האט געפלאצט, און דאס גאנצע גאלד איז געווארען צו שטויב...

אונז דאכט זיך, אז אין דער מעשה-לע איז דא א טיפערער מוסר-השכל פאר אונזערע קלאוקמאכער. זיי וועלען שוין פארשטעהן וואס מיר מיינען. ווייסען זיי דאך אליין, ווי זיי האנדלען איצט, ווען זיי האבען פאר זיך דערזעהן א גאלד-גרוב, און ווי זיי האבען פארגעסען, דאס יעדער זאך מוז האבען א מאס און א גרע-נעץ. אפשר וועט די דאזיגע מעשה'לע דערמאנען זיי, אז צוליעב זייערע אייגע-נע אינטערעסען טארען זיי עס ניט טריי-בען צו ווייט...

נאר אנגענומען, אז זיי קענען יא אויספיהרען צו קריגען דעם מאקסימום-וואכען-לוין, וואס יעדער איינער פון זיי פאדערט. אנגענומען, אז דאס, וואס האט פאסירט אין אונזער קורצער געשיכ-טע מיט יענעם קבצן, וועט מיט זיי ניט פאסירען, און די באסעס וועלען איינווי-ליגען זיי צו צאהלען דעם העכסטען וואָ-כען-לוין, וואס זיי האבען פאר זיך אליין באשטימט.

אנגענומען, אז יא, טויג עס ערשט ניט.

מיר האבען אין לעצטען נומער „גע-רעכטיגקייט" געזאגט, אז דער באס קען ניט פארלאנגען פון ארבייטער עטוואס פאר גארניט; אז אויב ער פארלאנגט פון ארבייטער דעם בענעפיט פון זיין נא-טירליכער ארבייטס-שנעלקייט, מוז ער זיין בארייט צו באצאהלען דערפאר. אז ניט, וועט ער עס ניט קריגען. פונקט דאס זעלבע איז אויך ריכטיג וועגען דעם ארבייטער: אויב דער ארבייטער פאר-לאנגט פון באס א פיעל, פיעל העכערען לוין, ווי דעם באשטימטען מינימום, מוז ער איהם דערפאר געבען די נויטיגע צאהל און מעהר ארבייט. אז ניט, קען עס לאנג ניט אנגעהן. וואס-זשע וועט דער אר-בייטער דערביי געווינען?

זאל זיך דער קלאוקמאכער דערמאנען איצט, אז דער זיעג איז שוין זיינער, פאר וואס ער האט אייגענטליך דאס מאל גע-סטרייקט. ער איז ארויס אין סטרייק, ערשטענס, אום צו קענען ארבייטען מעהר מענשליך, אום ניט צו מוזען ארויסיאגען פון זיך די נשמה. דערפאר האט ער פאר-לאנגט וואך-ארבייט. צווייטענס, איז ער ארויס אין סטרייק, אום צו האבען אלץ לענגערע ארבייט-סיזאנס און אלץ קירצע-רע סלעק-סיזאנס. אט די צוויי פאר-לאנגען זיינען דער סאמע תוך, דער סאמע פונדאמענט פון דעם איצטיגען סטרייק. און דאך מיט דעם, ווי דער קלאוקמאכער האנדעלט איצט, נאך דעם, ווי ער האט שוין געזיעגט, גראבט ער אליין אונטער דעם פונדאמענט.

אויב ער וועט דורך דעם העכסטען מאקסימום, וואס ער וועט קריגען, אויך ארבייטען איבער די כחות זיינע, פונקט ווי פריהער, פאר דעם סטרייק, האט ער דאך גארניט געוואונען מיט דעם, וואס ער האט אפגעשאפט די סיסטעם פון שטיק-ארבייט. די סיסטעם איז דאך נאר שלעכט געווען דערפאר, ווייל זי האט גע-מאכט פיעלע ארבייטער ארבייטען א י-ב ע ר די כחות, און מען האט דארום געקעמפפט פאר דער סיסטעם פון וואך-ארבייט און פאר א מינימום וויידזש-סקייל, וועלכער איז, אין פארגלייך מיט די אנדערע ארבייטס-לוינען, איינער פון די בעסטע, כדי דער קלאוקמאכער זאל קענען ארבייטען מ ע נ ש ל י ך, נעמט דער קלאוקמאכער און שמידט זיך ווידער אליין צו צו דער קאטארזשנער טאטש-קע. האט עס עפעס א זין?

און דאן, וואס וועט ער געווינען סוף כל סוף? ווידער גארניט. ארבייטענדיג אזוי איבער די כחות אין דעם ברען פון סיזאן, וועט ער ווידער אמאל האבען אויסגעפיהרט ארומצוגעהן מאנאטען-לאנג לעדיג, און די זיבען מאגערע יאהר וועלען פארשלינגען אלעס און נאך מעהר, וואס ער האט געהאט אין די זיבען פעטע יאהר. טו וואו איז דא דער גאנצער גע-ווינס פון סטרייק?

פארשטעהט זיך, מיינען מיר ניט, אז אלע קלאוקמאכער זאלען זיך צופרידענ-שטעלען מיט'ן מינימום. נאה, ווען זיי וואלטען געפאלגט אונזער עצה, וואלטען זיי געהאנדעלט פיעל גליכער, ווען זיי געהען א ל ע צוריק אין זייערע שע-פער ארבייטען אויף דעם פעסטגעשטעל-טען מינימום-פרייז און ליפערן ניט מעהר און ניט ווייניגער ארבייט, וויפיעל עס קען ליפערן דער דורכשניטליכער ארבייטער און, ווען דער באס וועט קומען צו זיי, צו אט די שנעלע, און זאגען: היתכן? איך ווייס דאך, אז איהר קענט ארבייטען שנע-לער? אט דאן קענען זיי שטעלען זייער מאקסימום, און אלץ, אזעלכען, לויט וועל-כען זיי זאלען ניט דארפען בשום אופן אר-בייטען איבער די כוחות.

נאר די עצה וועלען אונזערע ברידער קלאוק מאכער ניט פאלגען, חאטש מיר ווייסען ניט פארוואס: עס איז דאך אזא גלייכע זאך. זיי ווילען איצט זיך פארזי-כערען פאראיים מיט א געהאלט העכער, ווי דער מינימום, זעהען מיר אין דעם קיין עולה ניט. אבער עס איז פשוט אן עולה נעגען זיך זעלבסט, ווען זיי פאדערען אזא געהאלט, וועלכער, ווען ער זאל זיי בא-וויליגט ווערען, וועט זיי פשוט צווינגען צו ארבייטען אזוי אונמענשליך שווער, ווי זיי האבען געארבייט אונטער דעם שטיק-סיסטעם. דערמיט פארניכטען זיי אליין מיט זייערע אייגענע הענד דעם גאנצען גלענצענדען זיעג וואס זיי האבען גע-וואונען.

זייט-זשע געווארענט, קלאוק מאכער! אין צייט, נעהמט דאס געלד, אבער זעהט, אז דאס געלד דורך אייער געלד-גייץ זאל ניט ווערען ווידער צו אש און צו שטויב.

די ארבייטער יוניאנס און די באמבעס

פון ב. מיימאן.

True translation filed with the Postmaster at New York City on June 13. 1919, as required by the of Congress approved Oct. 6th, 1917, known as the "Trading with the Enemy Act."

האט געטראפען א געשיכטע מיט באמ-בעס, נו, וואס זשע האט דאס צו טאן מיט ארבייטער יוניאנס? ווייזט אבער אויס, אז די שונאים פון די יוניאנס דענקען, אז דאס האט יא עפעס א שייכות מיט דעם. נאך מעהר, די נארישע האלטונג פון איי-ניגע ארבייטער פיהרער מאכט דעם איינ-דרוק, אז זיי האבען ווירקליך עפעס א שייכות מיט דעם. די ארבייטער פיהרער האבען זיך גלייך אנגעהויבען פארענטפע-רען און די שונאים האבען אנגעהויבען צו מאכען באשולדיגונגען. די ארבייטער וואס פארענטפערען זיך קענען נאטירליך בלויז באשולדיגט ווערען אין נארישקייט, אבער ביי דעם אנדערען צד איז דאס פיעל ערגער ווי נארישקייט... ע ס א י ז א פ א ר ב ר ע כ ע ר ש ע א ב ז י כ ט צו דיסקרעדיטירען די א ר ב י י-ט ע ר א ר ג א נ י ז א צ י א נ ע ן. ווען אזא זאך ווערט געטאן ערגעץ אונטער'ן אויוון, פון עפעס אן אבגעריסענעם נאר, קוקט זיך קיינער ניט אום אויף דעם, אבער ווען דאס ווערט געטאן אין דעם אמעריקא-נעם קאנגרעס — מעג דאס אפילו זיין פון אן אבגעריסענעם נאר — איז די געשיכטע מעהר ערנסט און זי טאר ניט פארשוויגען ווערען.

אין דער נאכט פון מאנטאג, דעם 2טען יוני, האבען געפלאצט באמבעס אין זיבען פארשידענע שטעט און איינע אויך אין וואשינגטאן, ביים הויז פון דעם אטורני דזשענעראל, אהער, ווי ער ווערט אין אנ-דערע לענדער אנגערופען, דער יוסטיץ מיניסטער. דער מיניסטער אליין, מר. מ י ט ש ע ל פ א ל מ ע ר, איז טאקע ניט באשעדיגט געווארען, אבער א רושם האט דיזע באמבע אנגעמאכט מעהר ווי אלע אנדערע. ערשטענס, איז אלעס וואס פאסירט אין וואשינגטאן פון גרעסערער וויכטיגקייט פאר'ן גאנצען לאנד איבער דעם וואס דאס איז די קעפיטאל; און, צווייטענס, איז דער אטורני דזשענעראל דער וויכטיגסטער בעאמטער וואס איז ביז איצטער נאך אטאקירט געווארען. א קליי-ניגקייט עפעס א מיטגליעד פון דעם פרע-זידענט'ס קאבינעט!

מילא, אז נאך אזא פאל זאלען ווערען ביזי די פאליציי און די דעטעקטיוום איז גאנץ פארשטענדליך. די פאליציי און די דעטעקטיוום דארפען זעהן אויסצוגעפינען די פארברעכער און זעהן אז אזעלכעס זאל וויטער ניט געשעהן. דער יוסטיץ דע-פארטמענט אליין פון וועלכער דער אטויר-ני דזשענעראל איז דער הויפט, האט אונ-טער זיך א גאנצע מחנה מיט דעטעקטיוום וואס זוכען בסדר פארברעכענס און פאר-ברעכער; היינט אז די פארברעכער האבען געוואגט צו אטאקירען זייער „טשיעף" אליין, איז דאך אודאי און אודאי נאטיר-ליך אז זיי זאלען זיך נעהמען פלייסיג צו דער ארבייט. אבער וואס האט דאס צו טאן מיט דעם קאנגרעס? קאנגרעס דארף זיך נאר פאראינטערעסירען מיט א זאך וואס נויטיגט זיך אין נייע געזעצע. זיינען איצטער פאראנען ווייניג געזעצע צו בא-שטראפען פארברעכער? זיינען דען אויף אונזערע געזעצע ביכער ניטא קיין באשטרא-פונג פאר ווארפען באמבעס? און איבער-הויפט וואס האט דאס צו טאן מיט ארביי-טער יוניאנס? איז דען פאראנען איין מענש מיט א גלייכען פארשטאנד, וואס וועט גלויבען אז די ארגאניזירטע ארביי-טער האבען עפעס געהאט צו טון מיט דעם ווארפען די באמבעס? וואס-זשע טרייבט מען דאס צוזוטשעפען איינגם צום צווייטען אויף דעם פלאר פון קאנגרעס?

גלייך אויף מארגען, נאכדעם ווי די באמבע איז געווארפען געווארען, האבען זיך אונזערע ארבייטער פיהרער, סיי פון דער נאציאנאלער און סיי פון דער לאקא-לער ארגאניזאציע, צולאזט מיט „סטייט-מענטס" צו דער פרעסע, אז די ארגאני-זירטע ארבייטער באדויערען דאס ווארפען די באמבעס, אז זיי זיינען אבסאלוט ניט איינפערשטאנען מיט דעם, אז זיי פאר-שפרעכען צו קעמפפען געגען אנארכיזמוס, באלשעוויזמוס, א א. וו. פון דער נאציא-נאלער ארגאניזאציע איז גלייך געקומען פ ר ע נ ק מ א ר י ס א ן, דער סעקרע-טער פון דער אמעריקאן פעדערייישאן אוו לייבאר, מיט א סטייטמענט, אז די ארבייטער פארדאמען דאס ווארפען די באמבעס. פון דער לאקאלער סענטראל לייבאר יוניאן, אמעריקאן פעד. אוו ליי-באר, האט געמאכט א סטייטמענט דער פרעזידענט, דער סעקרעטער, דער אר-גאנייזער, דער רעדאקטאר פון דער יוניאן ציימונג, און דער גוטער יאהר ווייסט זיי ווער נאך. ווער עס האט נאר אין הארצען געהט „פארטיידיגען" די ארבייטער. איך זאג אייך דעם אמת, אז דאס צופיעל פאר-ענטפערען זיך האט געקאנט מאכען דעם איינדרוק, אז זיי האבען ווירקליך פאר עפעס צו פארענטפערען זיך... האט איהר געהערט אמאל, אז דער „טשיימבער אוו קאמערץ" זאל ארויסקומען מיט אן ער-קלערונג, אז זייערע מיטגלידער זיינען ניט איינפערשטאנען מיט דיזע באמבען ווער-פעריי? האט אמאל די מאנופעקטשורערס אסאסיאיישאן געפונען פאר נויטיג זיך צו פארענטפערען פאר אזא זאך? האט די ביינקערס אסאסיאיישאן געדארפט מאכען סטייטמענטס אז זיי זיינען אונשולדיג? פאר וואס זאלען די ארבייטער יוניאנס זיך דארפען פארענטפערען פאר אזא זאך מיט וועלכער זיי האבען אלע מאל געהאט אזוי ווייניג צו טאן ווי די אנדערע ארגא-ניזאציעס?

ווייסט איהר וואס דער פועל יוצא איז געווען פון דיזען פארענטפערען זיך מצד די ארבייטער יוניאנס? אט הערט וואס עס איז פארגעקומען אין קאנגרעס, גלייך אויף דעם צווייטען טאג נאך דעם.

ק א נ ג ר ע ס מ א ן ב ל ע נ ט א ן, פון טעקסאס, קריגט פינף און צוואנציג מינוט צייט און באנוצט דיזע גאנצע צייט צו פארלוימדען די ארבייטער ארגאניזא-ציאנען פאר דעם גאנצען לאנד. נאך זיינע רייד קומט אויס, אז די אמעריקאן פעדע-ריישאן אוו לייבאר איז אן אנארכיסטישע אדער באלשעוויסטישע ארגאניזאציאן; אז גאמפערס אליין איז איינער פון די מיטשולדיגע אין די באמבען ווארפעריי; אז די אמעריקאנער ארבייטער זיינען ניט נאר שולדיג אין דיזער פארברעכען, נאר אז זיי זיינען אויך ניט געווען לאיאל אין דער גאנצער צייט פון דער מלחמה; אז זיי זיינען דירעקט שולדיג אין דעם טויט פון קאנגרעסמאן בוירנעט, און אז זיי סטראשען מיט א פאליטישען טויט יעדען איינעם פון קאנגרעס וואס האט דעם מוט זיך צו שטעלען געגען זיי. נאך דיזער רעדע אין קאנגרעס קומט אויס, אז די אמעריקאן פעדערייישאן אוו לייבאר איז פשוט א מין „קאמארילא", עפעס א רוי-בער באנדע וואס אינטימידירט די גאנצע אמעריקאנער רעגירונג. אט זיינען א פאר אויסציגע פון דיזען קאנגרעסמאנס רעדע:

„איינינע מאל האב איך שוין אויף דעם פלאר פון דיזען הויז (דאס רעפרעזענטאנטען הויז) געווארענט דעם קאנגרעס אז גרופען מענשען אין ארגאניזאציאנען ב א ש י צ ע ן פאר דיזער רעגירונג פארברעכערישע אנארכיסטישע טענדענצען. איך זעה אין די ציימונגען אז דיזע ארגא-ניזאציאנען וועלכע איך מיין דא האָ-בען אפגעלייקענט גלייך דאס זיי האָ-בען געהאט צו טאן מיט דער טויט-ליכער באמבע אויף דער שוועל פון א קאבינעט מיטגליעד פון די פאר-איינינגטע שטאאטען אין די טויטע שטונדען פון דער נאכט. קענט איהר ערווארטען א מערדער אז ער זאל זיך מודה זיין אויף זיין פארברעכען?

„... איך האב דיזען קאנגרעס געווארענט פריהער, אז אהנע אונ-טערשיעד וויפיעל פיינע מענשען עס זיינען דא אין די יוניאנס, דער פאקט איז היינט אז עס איז אין די יוניאנס פון דיזען לאנד, עס איז צווישען אר-גאניזירטע ארבייטער פון דיזער מדינה, אז אנארכיסטען געפינען באשיצונג און הילפע און פראטעק-ציע".

און אט איז די אטאקע פון דעם זעל-בען קאנגרעסמאן אויף סעמועל גאמפערס פערזענליך. ער באשולדיגט גאמפערס'ן, אז ער לאזט סאציאליסטען און באלשעווי-קעס באהערשען זיין ארגאניזאציע, און ניט אויך אנצוהערען אז גאמפערס איז ניט געווען לאיאל אין דער מלחמה.

„ביי דער ענדע פון דעם 65טען קאנגרעס האב איך אויפמערקזאם געמאכט אויף דעם פאקט אז אונזע-רע לייבאר יוניאנס האבען ערלויבט סאציאליזמוס און באלשעוויזמוס צו באהערשען זיי און צו באנוצען זיי אלס א קעצענע פיסעל, און, ניט אכ-טענדיג וויפיעל מאל גאמפערס האט געפריידיגט דעם געגענזאץ, האט ער אבער ערלויבט דיזע הערשאפט (פון די סאציאליסטען און באלשעוויקעס) צו פארבלייבען, און ער האט גע-טריעט צו רייניגען די ארגאניזא-ציאנען פון דיזע פארברעכענס. איך האב אויפמערקזאם געמאכט אויף א טייל פון די ארגאניזירטע ארביי-טער'ס מלחמה רעקארד, און געזאגט אז די צייט איז שוין געקומען ווען דער קאנגרעס דארף באשטימען צי דיזע רעגירונג זאל געפיהרט ווערען אין די אינטערעסען פון אלע 110,000,000 מיליאן מענשען פון דיזער רעפובליק, אדער מר. גאמ-פערס זאל דאס פיהרען זעלבסטזיכ-טיג פאר די קלאסען אינטערעסען פון די 3,0000,000 מיטגלידער פון ליי-באר יוניאנס?"

מיינט איהר אפשר אז דיזער קאנ-גרעסמאן בלענטאן איז א שונא פון ארביי-טער יוניאנס? חלילה. ער פארזיכערט אז ניין. ער אליין זאגט אז ער איז זייער בעסטער פריינד, נאר וואס זשע דען, איין קלייניגקייט פאדערט ער פון זיי: „אויב יוניאנס וועלען אפשאפען סטרייקס, פי-קעטס, באיקאטס, מאכט, געזעצלאזיגקייט און אנארכי, וועל איך ווערען זייער וואר-רימסטער פריינד, אבער אהן דיזער רע-פארמע בלייב איך זייער א געגנער פאר אייביג און אייביג". ווי איהר זעהט איז דיזער קלוגער געזעצמאכער אן אמת'ער פריינד פון יוניאנס, ער וויל נאר זיי זאלען מאכען א גאנץ קליינע „ר ע פ א ר מ ע"...

מיט וואס די ארבייטער זיינען ניט גע-ווען לאיאל אין דער מלחמה, רעכענט אויס דיזע באריהמטע רעדע אין קאנגרעס א לאנגע ליסטע מיט חטאים אויף די ארביי-טער אין דער צייט וואס מיר האבען אנגע-פיהרט דעם קריעג געגען דייטשלאנד. אלע חטאים באשטעהען אין דעם וואס די אר-בייטער האבען געבעטען מעהר שכירות. עס ווערט געגעבען א סטאטיסטיק פון מי-ליאנען וואס די „פארברעכערישע" ארביי-טער יוניאנס האבען אוועקגע'גזל'ט פון אונזער לאנד אין דער צייט פון דער מלחמה דורך דעם וואס זיי האבען באנוצט זייער מאכט „ארויסצורייסען" דיזע גרע-סערע וויידזשעס. דער קלוגער קאנגרעס-מאן ארגומענטירט אזוי: „לאמיר אפילו צוגעבען אז די ארבייטער זיינען געווען בארעכטיגט צו די העכערונג אין שכירות, אבער האבען זיי ניט געקענט ווארטען מיט דעם ביז די מלחמה וועט זיין פארבאי-בער?" איהם פאלט נאר ניט איין דיזעל-ביגע פראגע צו פרעגען אויף די וואס האָ-בען געהעכערט די לעבענס קאסטען. אלעס ווערט טייערער נאר דער ארבייטער זאל דער ארבייטער זאל ווארטען מיט'ן בעטען מעהר פאר זיין ארבייט ביז נאך דער מלחמה. נו, איז ער ניט קיין גוטער פאטריאט!

נאר אט ניט שוין דיזער אנקלאגער

GERECHTIGKEIT

A Jewish Labor Weekly.

Published every Friday by the International Ladies Garment Workers Union office, 31 Union Square, New York, N. Y.

B. SCHLESINGER, President — S. YANOFSKY, Editor
A. BAROFF, Sec'y-Treas. — E. LIEBERMAN, Business Mgr.

Subscription price paid in advance, $1 per year.

Vol. I. No. 22. Friday, June 13, 1919

Entered as Second Class matter January 25, 1919, at the Postoffice at New York, N. Y., under the Act of March 3, 1879.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in Section 1103 Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919

פון רעדאקטאר'ס נאטיץ־ביכעל

ערשטער איינדרוק פון דער קאנווענשאן פון דער א. פ. אוו ל.

איבער 500 דעלעגאטען, פארזאמעלט ביי דער 39טער קאנווענשאן פון דער א. פ. אוו ל., רעפרעזענטירען מיט זיך איבער 3 און א פערטעל מיליאן ארגאניזירטע ארבייטער פון פערשיעדענע פאכען און אינדוסטריען. עס איז קלאר, אז וועגען אזא מיליאניגער, ארגאניזירטער מענשען־מאסע קען מען ניט ריידען, ווי וועגען אן ארבייטער־אריסטאקראטיע. מיר געהען נאך ווייטער און דענקען, אז אט די 3 און א פערטעל מיליאן ארגאניזירטע ארבייטער רעפרעזענטירען ווירקליך ניט בלויז זיך, ניט בלויז די אויסערוועהלטע פון די אמעריקאנער ארבייטער, נאר טאקע די גאנצע אמעריקאנער ארבייטערשאפט, אפילו די, וועלכע איז נאך דערוויל ניט ארגאניזירט.

און אט אין דעם איז די גרויסע באדייטונג פון דער קאנווענשאן. מיר ווייסען נאך ניט, וואס די קאנווענשאן וועט אונז ברענגען. מעגליך, אז זי וועט, געגען אלעמענס ערווארטונגען, אננעהמען אין פיעלע הינזיכטען א שטארק־ראדיקאלע ווענדונג. מעגליך, אז זי וועט ערפילען די ערגסטע ערווארטונגען פון מאנכע פעסימיסטישע ראדיקאלען, און וועט זיך א קעהר געבען שטארק אויף רעכטס, אזוי אז עס וועט זיך ארויסווייזען „ניט צו האבען גארניט געלערענט און גאר ניט פארגעסען". די קאנווענשאן, וועהרענד מיר שרייבען די דאזיגע שורות, איז אין גאנצען עטליכע שטונדען יונג, און קיינער קען ניט שוין איצט אנדייטען מיט באשטימטהייט אויף איהר ריכטונג. איין זאך אבער איז פאר אונז קלאר, אז די איצטיגע קאנווענשאן וועט רעפרעזענטירען די גרויסע עפענטליכע ארבייטער־מיינונג, און ווי זי זאל ניט אויספאלען, ראדיקאל אדער קאנסערוואטיוו, אבער דאס וועט ניט זיין א מיינונגס־אויסדרוק פון א פאר אויסערוועהלטע גייסטער, פון א קאנסערוואטיווען אדער ראדיקאלען כאראקטער, נאר ווירקליך פון אונזער גאנצער ארבייטערשאפט, ווי זי איז.

מיר האלטען פאר נויטיג צו באטאנען אט דעם פאקט אין דעם איצטיגען מאמענט, ווייל אין גאר פיעלע ראדיקאלע קרייזען איז שטארק פארשפרייט די מיינונג, אז עס איז גאמפערס און זיינע לייטענאנטען, וועלכע קירעווען דעם שיקזאל פון אונזער גאנצער ארבייטער־באוועגונג; אז ווען ניט זיי, וואלט אונזער באוועגונג אויסזעהען גאנץ אנדערש; וואלט אנגענומען א שנעלערען טעמפא, און — מיר וואלטען געווען מיט לייטען גלייך.

דאס איז, לויט אונזער מיינונג, א גרייזער טעות. דער אמת איז פונקט פארקעהרט: גאמפערס איז אזוי לאנג אן דער שפיצע פון דער ארבייטער־באוועגונג, ווייל ער, בעסער ווי אלע אנדערע, דריקט אוים די געפיהלען, די געדאנקען, די שטרעבונגען פון דעם אמעריקאנער ארבייטער. און דא איז ניט די פראגע, צי די געדאנקען און שטרעבונגען פון די אמעריקאנער ארבייטער זיינען ריכטיגע און אויב עס וואלט ניט געווען פיעל בעסער, ווען זיי וואלטען געווען מעהר פארגעשריטען, מעהר ראדיקאל. וואס העלפט דאס רעדען פון דעם, וואס עס וואלט געווען בעסער, ווען מיר האבען פאר זיך א פאקט, וועלכער איז קלאר, וועלכער ווארפט זיך אין די אויגען דורך זיין פעסטקייט? אזוי פיהלט, אזוי דענקט דער אמעריקאנער ארבייטער איצט, און נאר דער, וואס קען מאמענטאן אם בעסטען אויסדריקען די געדאנקען און געפיהלען, דער קען איהם פיהרען, כאטש עס קען פאר מאנכע אויסזעהן, אז ער באהערשט איהם און מיט א שטארקער האנד נאך דערצו.

מיט א שטארקער האנד! ווי שלעכט עס פאסט זיך איצט דער אויסדרוק פאר סעמיועל גאמפערס, דעם טשערמאן פון דער קאנווענשאן! צו שוואך איז ער אין אלע הינזיכטען, אז מען זאל קענען רעדען וועגען זיין געוועלטיגונג, אלס א דעספאטישע, אלס אן אויטאקראטישע! דער איינדרוק, וואס ער מאכט, איז ווי פון א מענשען, וועמעס אלע כחות זיינען ערשעפט און וועמעס ראלע איז יעדענפאלס ניט פון א פיהרער מיט א שטארקער האנד. און דאך איז עס אויסער יעדען צווייפעל, דאס גאמפערס וועט ווידער א מאל ערוועהלט ווערען אלס פרעזידענט פון דער א. פ. אוו ל. פארוואס? ווייל ער, מיט אלע זיינע מעלות און חסרונות, רעפרעזענטירט בעסער ווי יעדער אנדערער דעם ווילען, דעם גייסט, די שטרעבונגען פון דער גרויסער אמעריקאנער ארבייטערשאפט. ער איז אזוי ראדיקאל, אדער אזוי קאנסערוואטיוו, אזוי פריינזאגען אדער אזוי אבערגלויביג, אזוי פאטריאטיש אדער ניט, ווי עס איז די גרויסע אמעריקאנער ארבייטער־מאסע. און זיין מאכט און איינפלוס נעהמען זיך טאקע פון דעם, וואס, כאטש לויט דעם אויסזעהן איז ער דער פיהרער, דער טאןגעבער אין דער אמעריקאנער ארבייטער־באוועגונג, אבער אין דער אמת'ען איז זיין טאן, זיין ארבייט, זיין גאנצע לעבענס־טעטיגקייט אין פולען איינקלאנג מיט דעם פיהלען און דענקען פון די מיליאנען.

אט אין דעם, דענקען מיר, איז די גרעסטע באדייטונג פון דער איצטיגער קאנווענשאן. איהרע באשליסע, איהרע האנדלונגען אין באצוג צו פערשיעדענע פראגען וועלען ניט זיין, ווי מאנכע גלויבען, דער רעזולטאט פון איין שטארקען ווילען, אדער פון די קאפריזען און אינטערעסען פון עטליכע איינצעלנע, נאר פון דעם מאסען־ווילען אדער, אויב איהר ווילט ניט אנדערש, פון דער ווילענלאזיגקייט פון די גרויסע מאסען, וועלכע שטעלען צוזאמען די אמעריקאנער ארבייטערשאפט. די באדייטונג פון דער קאנווענשאן באשטעהט אין דעם, וואס פאר דעם דענקענדען מענשען וועט זי גאנץ באשטימט ווייזען, וואו מיר האלטען אין דער וועלט, און אז עס וועט זיין איינפאך נאריש פאר מאנכע מענשען ווייטער אנצוגעהן מיט זייער געפילדער, מיט זייערע ראדיקאלע פראזען, אין זייער בלינדען גלויבען, אז מיט די געפילדערס און פראזען קענען זיי איבערקעהרען די וועלט, ניט רעכענענדיג זיך דערמיט, וואס די וועלט דענקט און פיהלט גאנץ אנדערש.

באמונות, עס וואלט געווען גוט, ווען די מייסטע מענשען, וועלכע זעהען אין דער אמעריקען פעדערייישאן אוו לייבאר די גרעסטע שטערונג צום ווייטערען פראגרעס, וואלטען געקענט אנוועזענד זיין ביי דער קאנווענשאן פון דער א. פ. און ל.

צום אלעם ערשטען וואלטען זיי זיך איבערצייגט, אז אין א געוויסען זין איז עס א ווירקליך דעמאקראטישע פארזאמלונג. ניטא קיין סימן פון הויך און נידריג, גרויס און קליין. אלע זיינען גלייכע פארטרעטער פון זייערע רעספעקטיווע קערפערשאפטען, און אלע זיצען צוזאמען ביי איין טיש, דער פארשטעהער פון די שוסטערס צוזאמען מיט דעם פון די פאטא־ענגרייווערס, פון די אקטיארען, פון די באילער־מייקערס און פון אלע אנדערע ארבייטער פון „מינע, פעקטארי און סטאר".

דער פרעזידענט, דער שוואכער, דער מידער, דער מיט די שוין באלד אויסגעלאשענע אויגען, איז ניט דער סימבאל פון הערשאפט, ווי מאנכע קענען עס גלויבען, נאר ניכער מעהר פון אלץ, דער סימבאל פון ארדנונג, פון א זאכטעסינער באהאנדלונג פון די פארקומענדע פראגען און פון רוהיגער איבערלעגונג. עס קומט ארויף אויף דער פלאטפארמע דער פרעזידענט פון דער א. פ. אוו ל., וועלכען די גאנצע וועלט באטראכט שיער ניט אלס אויטאקראט, און עס הויבט זיך ניט אויף א האנד, וואס זאל איהם אפלאדירען; מיט א שוואכער שטימע רופט ער די פארזאמלונג צו ארדנונג, און אנשטאט אליין האלטען אן ערעפנונגס־רעדע, גיט ער דאס ווארט די פארשיעדענע געסט, וואס זיינען געקומען באגריסען די קאנווענשאן מיט זייערע געשאטענע פראזען, מיט זייערע איבערטריבענע לויב־געזאנגען. דער פרעזידענט ענטפערט אויף דעם מיט עטליכע איינפאכע ווערטער און מען געהט איבער ווידער צו דער טאגעס־ארדנונג, צו דער ליסטע פון די דעלעגאטען, צו די פארשיעדענע קאמיטעס איבער די פארשיעדענע פראגען, וואס דער פרעזידענט האט באשטימט, איינפאך אוים נויטווענדיגקייט, ווייל ווען מען זאל זיי אלע דארפען אויסוועהלען דורך אן אפשטימונג, וואלט דאס אליין פארנומען עטליכע טעג. דאן ווערען די באשטימטע קאמיטעס איבערגעגעבען צו דער קאנווענשאן אז זי זאל מסכים זיין דערצו: אפשר געפינט זי, אז א געוויסער מענש פאסט זיך בעסער אין דער אדער יענער קאמיטע, קען די קאנווענשאן עס באשטימען. און אזוי כסדר, מיט דער זעלבער איינפאכקייט און רוהיגקייט, אבער אהן א סימן פון א „שטארקער האנד". און איהר פיהלט, אז איהר זיינט ווירקליך אויף א פארזאמלונג פון ארבייטער, מיט אלע זייערע גוטע און שלעכטע אייגענשאפטען.

נאטירליך, דאס איז אפשר, וועט דער לעזער דענקען, דער ערשטער איינדרוק. יע, מיר גיבען עס צו, און מיר וועלען ניט קאווירען, אז די ווייטערע איינדריקע וועלען ניט פארווישען אט דעם ערשטען גינסטיגען איינדרוק. עס קען זיין, אז די „שטארקע האנד" איז דא, נאר מיר האבען איהר ניט באמערקט, אדער עס איז נאך ניט געקומען קיין נויטווענדיגקייט פאר איהר. אבער דאך שיינט אונז, אז מיר האבען קיין טעות ניט געמאכט. דער דעספאט, וואס איז געוואוינט צו דעספאטעווען, ווייזט עס ארוים ביי יעדער געלעגענהייט, קליינער ווי גרויסער, אין יעדען ריהר, אין יעדער באוועגונג זיינער. דערפון אבער איז ניט געווען צו זעהן קיין סימן אפילו דורך א שטארקער פארגרעסערונגס־גלאז, און מיר דענקען ניט, אז אין דער הינזיכט זאלען מיר האבען געמאכט א טעות.

הייסט עס, אז דערווייל האבען מיר נאר גוטעס צו זאגען וועגען דער א. פ. אוו ל. און איהר קאנווענשאן? ניין. שוין איצט האבען מיר באמערקט פיעלעס, אויף וואס עס איז ווערט זיך אפצושטעלען און צו טאדלען. פארשטעהט זיך, אז מיט דעם גאנג פון דער קאנווענשאן, און עס איז זעהר מעגליך, אז ווען די ארבייט וועט זיך באמת אנפאנגען, וועט זיין גאר פיעלעס, וואס מיר וועלען געפינען פאר זעהר ניט ריכטיג, אויף וואס מיר וועלען זיכער ניט פארפעהלען אנצואווייזען. אבער דאס, וואס עס קומט דער קאנווענשאן און די מיליאנען, וועמען זי רעפרעזענטירט, דאס מוז זיי געגעבען ווערען. דאס פאדערט דאס איינפאכע געפיהל פון גערעכטיגקייט.

נאך אן איינדרוק, וואס ווארפט זיך אין די אויגען, און וועלכער איז כאראקטעריסטיש פאר דער א. פ. אוו ל., איז דאס, וואס די, וועלכע שטעהען אן דער שפיצע פון דער פעדערייישאן, זיינען אלע מעהר אדער ווייניגער עלטערע מענשען. דער פרעזידענט אליין איז שוין א זקן פון 70 יאהר, אבער אויך די מייסטע אנדערע, וועלכע העלפען איהם, זיינען אלע שוין מענשען אין די עלטערע יאהרען. עס פיהלט זיך שטארק דער מאנגעל פון יונגע בלוט.

געוויס איז עס א גרויסער אונגליק פאר אן ארגאניזאציאן, וואס האט ניט אין איהר מיטע קיין עלטערע מענשען, וועמעס לעבענס־ערפאהרונג איז ברייט און טיעף, און וועלכע קענען אין דעם נויטיגען מאמענט צורופען די איבעריגע צו געלאסענקייט, צו איבערלעגונג. אזעלכע מענשען, אויב זיי זיינען נאר ניט פארשטיינערט געווארען דורך דאס שווערע לעבען, זיינען אן אונשעצבארער אוצר פאר יעדער ארגאניזאציאן. אבער פונקט אזא אונגליק איז פאר אן ארגאניזאציאן, אין וועלכער די יונגענד קען ניט קומען צו איהר ווארט, אין וועלכער די יונגע בלוט קען זיך ניט „אויסברויזען", אין וועלכער די יונגע מיט זייערע געפיהלען און געדאנקען קענען ניט געפינען קיין אויסדרוק און קיין אנווענדונג פאר זייער שטורעמדיגער און פרישער ענערגיע.

און אט די יונגענד מערקט זיך ניט שטארק אויף דער קאנווענשאן. אלע מענשען מיט גרויז־גרויע קעפ. נאר וואר־ניט־וואו אין דעם גרויסען זאל זעהט זיך א יונגער קאפ מיט לעבעדיגע אויגען...

דערצו נאך זיינען די מייסטע דעלעגאטען אזעלכע, וועלכע קומען אימער צו די קאנווענשאנס, אזוי ווי זיי וואלטען געהאט שוין אויף דעם א חזקה, אזוי ווי דאס וואלט געווען זייער יעהרליכער דזשאב. און דאס איז איינע פון די זאכען, וועלכע מאכען אונמעגליך, אז עס זאל געשעהן עטוואס אונערווארטעטעס. מען קען דאך שוין די אלע הונדערטע דעלעגאטען, מען ווייס שוין זייערע מיינונגען איבער די פארשיעדענע פראגען, און די אלע האבען גארניט וואס נייעס פארצושלאגען...

פארשטעהט זיך, אז דאס קומט פון דעם, וואס די מייסטע ארבייטער־קערפערשאפטען קענען שוין זייערע אלטע איינפראבירטע פארשטעהער, האבען צו זיי דעם נויטיגען צוטרוי און שיקען זיי יעדעס מאל אלס זייערע פארטרעטער; דערצו נאך ווייסען זיי, אז זיי, די עלטערע, די געניטערע, ווייסען בעסער וואס צו טאן און וואס ניט, און זיי ווילען ניט ריזיקירען מיט א גרינעם, א נייעם. אביר דאך איז עס לויט אונזער מיינונג, א פעהלער. יעדער יוניאן וואלט באדארפט מיט יעדער שטענדיגער אלטער דעלעגאציע שיקען צו יעדער קאנווענשאן כאטש א פאר נייע: זאלען זיי זיך לערנען, זאלען זיי זיך „איינברעכען". מענשען לעבען דאך ניט אייביג. די ארבייטער־ארגאניזאציע לעבט אבער איהר אייביגען לעבען, און ווי קען זי עס אנדערש, אויב נישט אלע מאל דורך דאס צופליסען פון יונגע בלוט, פון פרישער ענערגיע?

* * *

ווי געזאגט, זיינען עס אונזערע ערשטע איינדריקע פון א קאנווענשאן, וועלכע האט זיך ערשט אנגעפאנגען. מיר וועלען געוויס אין די פאלגענדע נומערען „גערעכטיגקייט" טיילען זיך מיט די לעזער מיט אלץ, וואס מיר וועלען דענקען און פיהלען און באטראכטען פאר וויכטיג. נאר דאס ווילען מיר נאך א מאל באטאנען, אז די וויכטיגקייט און די באדייטונג פון דער היי־יאהריגער קאנווענשאן איז ווירקליך ניט איבערצושעצען. ערשטענס, צוליעב די גרויסע וויכטיגע פראגען, וועלכע די גרויסע צייט אליין האט ארויסגערוקט צום סאמע פראנט, און צו וועלכע די ארבייטער באוועגונג, רעפרעזענטירט דורך דער א. פ. אוו ל., מוז נעהמען א שטעלונג; און, צווייטענס, דאס די שטעלונג, וועלכע זי וועט אננעהמען, פון וועלכען כאראקטער זי זאל ניט זיין, וועט זיין די שטעלונג ניט פון די ווייניגע אויסערוועהלטע גייסטער, נאר פון דעם דורכשניטליכען אמעריקאנער ארבייטער, ווייל אויף דער קאנווענשאן הערשט ניט קיין אנדער גייסט.

א קליינע, אבער שעהנע געשיכטע צום בענעפיט פון די קלאוקמאכער.

א קליינע אבער זעהר לעהררייכע געשיכטע טומעלט זיך אין אונזער מוח זייט די לעצטע טעג, וועלכע מיר דענקען וועט זיין פון גרויסען נוצען פאר אונזערע זיעגרייכע קלאוקמאכער. און אט איז אט די קורצע געשיכטע. עס האט געלעבט ערגעץ־וואו א איד, א ביטערער אביון, וועלכער האט קיינמאל ניט געהאט א זאטען, אן אנשטענדיגען מאלצייט, קיינמאל ניט קיין גאנצען בגד אויפ'ן לייב, קיינמאל ניט א דאך איבער זיין קאפ, בקיצור — אן אביון שבאביונים. האט אבער איינמאל פאסירט אזעלכעס, וואס טרעפט קיינמאל ניט אין לעבען, אבער אלס א מעשה קען עס גילטען. ווען ער איז געווען שטארק הונגעריג, ווען זיין פרוי און קינדער זיינען אין ערגעץ אין א חורבה אויסגעגאנגען פון הונגער, אויסקוקענדיג אויף זייער מאן און שפייזער, טאמער וועט ער עפעס ברענגען, האט איהם באגעגענט אן אלטער מאן און איהם געזאגט: איך ווייס פון א פלאץ, וואו דו קענסט אנפילען דיין גאנצען זאק מיט גאלד, און קענסט ווערען דער רייכסטער מענש אין שטאדט; אבער געדענק, דו טארסט ניט נעהמען מעהר גאלד, וויפיעל דיין זאק קען גראם אריינעהמען. וועסטו אבער זיין גאלד־גייציג און וועלען אנשטאפען מעהר גאלד, וויפיעל עס קען גראם אריין אין זאק, וועלען די נעט פון זאק פלאצען, דאס גאלד וועט זיך אויסשיטען און וועט פארוואנדעלט ווערען אין פראסטע זאמד.

דער געבראטענער אביון האט זיך אנגעכאפט אן דעם. אודאי וועט ער נאר נעהמען אזוי פיעל, וויפיעל עס קען אריין אין זאק, און נאך ווייניגער. ער דארף דען זיך אנשיטען מיט גאלד? ער וויל דאך נאר האבען א בגד אויפ'ן לייב, א

ספעציעל ביי די, וואס האבען זיך ער-
צויגען אלס אסימילאטארען, קען אפילו
זיין א פראגע, צו וואס מען דארף עס
אייננאנצען? איך וועל זיך דא נים אריי-
לאזען אין קיין חקירה וועגען דער נויטי-
קייט פון א נאציאנאל-קולטורעל זעלבסט-
שטענדיג לעבען פון דעם אידישען פאלק.
פאר מיר איז דאס א זעלבסטפארשטענד-
ליכע זאך.

איך וועל בלויז אנווייזען אויף עט-
ליכע ארגומענטען, וועלכע, גלויב איך,
עס קענען און מוזען אנערקענען אויך
נים-נאציאנאליסטען.

קודם כל די פראגע פון פשוטער,
עלעמענטארער גערעכטיגקייט. ווייבאלד,
למשל, פוילען מוז אנערקענען, אז ביי
איהר אין לאנד זיינען דא חוץ די ריינע
פאליאקען אויך אנדערע פעלקערשאפ-
טען, ווי אוקראינער, דייטשען, ליטווינער
א. א. פארוואס זאל זי נים אנערקענען
אויך די אידען? נים אנערקענען מיינט
דאך, אז מיר אידען זאלען זיין פארער-
כענט אדער אלס פאליאקען, אדער אלס
אוקראינער, אדער אלס דייטשען, אדער
אלס ליטווינער. פאר וואס זשע איז בע-
סער צו פיגורירען אלס א מיטגליעד פון
איינער פון די אויסגערעכענטע פעלקער-
שאפטען, איידער אלס מיטגליעד פון דעם
אייגענעם פאלק? אויב עס זיינען דא
מענשען אדער אזוינע אידען, וואס קע-
נען געבען צ ו ו י י ענטפערס אויף אט
די פשוט'ע פראגען, וואלט מען זיי זי-
כער געדארפט ארייגשטעלען אין א מו-
זעאום. איך האף, אז אזוינע זיינען פא-
ראן ווייניגער ווי למשל עלעפאנטען אין
ניו יארק...

חוץ דער גערעכטיגקייטס - פראגע
קומט אבער צו נאך אן אנדער זאך, וואס
האט שוין צו טאן מיט פשוט'ע לעבענס-
אינטערעסען.

אין אזוינע לענדער, ווי פוילען, רו-
מעניען. א. א. מיינט דאס ענטזאגען זיך
פון אנערקענען די אידען אלס באזונדערע
נאציאנאלע מינדערהייט אויך א פארלע-
צונג פון זייערע מענשליכע און בירגער-
ליכע רעכט. רומעניען, ווייסען מיר,
קוקט אויף די אידען שוין פערציג יאהר
אלס פ ר ע מ ד ע. אלס אזוינע האבען
זיי קיין שום פאליטישע רעכט. מען קען
זיי צו יעדער צייט ארויסטרייבען. מען
קען צו יעדער צייט מאכען אויסנאהם-
געזעצען געגען זיי. די איצטיגע פוילי-
שע רעגירונג האט אויך א שטארקען חשק
נאכצוטאן רומעניען. ווען אבער אט די
לענדער וועלען מוזען אנערקענען די אי-
דען אלס באזונדערע נאציאנאלע גרופע,
מיט באזונדערע גרופען-רעכט, ווי א נ-
ד ע ר ע נאציאנאלע מינדערהייטען,
וועט קיין ווילקיר און אויסנאהם-פאלי-
טיק אין באצוג צו אידען נים קענען מעג-
ליך זיין.

אפילו די ריין-עקאנאמישע אינטע-
רעסען פון דער אידישער באפעלקערונג
קענען אומגעהויער ליידען, אויב מען זאל
די אידען נים געבען די זעלבע רעכט,
וואס אנדערע פעלקערשאפטען. פוילען
פיהרט אן א באיקאט געגען אידען. אויב
זיי זאלען אין פוילען האבען בלויז ביר-
גערליכע און פאליטישע רעכט, וועלען די
אידען גארנים קענען קעמפפען געגען
אזא אויסראטונגס-פאליטיק. אויב אבער
די אידען אין פוילען זאלען זיין ארגא-
ניזירט אלס א באזונדערע נאציאנאלע
גרופע, מיט אינערליכע אנשטאלטען, ווע-
לען די אידען קענען איינארדנען זייער
לעבען אזוי, אז זיי וועלען זיך ערשטענס
א סך בעסער קענען אנטקעגענשטעלען
געגען א באיקאט, צווייטענס — וועלען
זיי קענען אנפיהרען (אין ערנסטען פאל) א
מין אינערליכע ווירטשאפט, וואס זאל ווע-
ניג וואס באריהרט ווערען פון א באי-
קאט. ניכער אבער ווי אלץ איז זיכער,
אז דאן וועלען די פאליאקען אליין נים
וואגען גאר צו אונטערנעהמען א באי-
קאט-פאליטיק.

די דאזיגע באטראכטונגען זיינען
אזוי אויבענאויף, אז זיי האבען איבער-
צייגט אזא אסימילאטארישען איד, ווי
לואי מארשאל, וועלכער האט יאהרען-
לאנג געקעמפט געגען דער פאדערונג פון
אידישע נאציאנאלע רעכט, אז אהן דער
אנערקענונג פון די דאזיגע נאציאנאלע
רעכט פאר די אידען אין פוילען, רומע-
ניען, אדער טשעכא-סלאוואקיא, קענען
אויך די אידישע ב י ר ג ע ר ל י כ ע
און פ א ל י ט י ש ע רעכט קיין האפט
נים האבען.

אט פאר וואס מיר שיינט, אז אהן
אונטערשיעד, צו מען איז א אידישער
נאציאנאליסט, צו נים, דארף מען באגרי-
סען און זיך פרעהען מיט דער אויסזיכט
פון אידישער נאציאנאל-קולטורעלער אוי-
טאנאמיע אין פוילען, רוסלאנד, אוקראי-
ניע, רומעניען, טשעכיען, דייטשלאנד,
עסטרייך, אויף די באלקאנען א. אז. וו.

די נאציאנאלע רעכט, די רעכט זיך
צו באנוצען מיט דער אייגענער שפראך,
צו ענטוויקלען די אייגענע קולטור, איינ-
צוארדנען דאס אינערליכע לעבען לויט
דעם אייגענעם פארלאנג און לויט דער
אייגענער נייגונג, איז איצט א טייל פון
די עלעמענטארע מענשליכע רעכט, און
נעהמט מען צו בלויז איין טייל פון עפעס,
מוז ממילא ליידען דאס גאנצע.

זאל עס נאר געלינגען צו מאכען פאר
א פאקט די אנערקענונג פון די רעכט
פון די נאציאנאלע מינאריטעטען, די אי-
דישע אריינגערעכענט, און די פארשיע-
דענע לענדער — וועט דאס זיין איינער
פון די גרעסטע נצחונות פאר דער גאנ-
צער מענשהייט, און באזונדערס פאר
דעם אידישען פאלק, פאר וועלכען דאס
וועט באמת מיינען דער אנפאנג פון א
נייער עפאכע אין זיין געשיכטע.

געשטערט אין דער ארבייט

פון יענטע סערדאצקי.

קומט ארויף מיין פריינד צו מיר א
שבת נאכמיטאג. ער איז שטארק מיעד,
אבער זיינע אויגען גלאנצען, ווי אלעמאל,
ווען ער קלייבט זיך טאן א גוטע זאך.

— איך האב געקויפט צוויי טיקעטס
פאר היינט ביינאכט אין אידישען טעא-
טער, — איז ער מיר מודיע. דאס איז
א צווייטער קלאס טעאטער; אהין קומט
דאס פאלק און עס וועט פאר אייך איינ-
טערעסאנט זיין איהם אנצוקוקען און
זעהן, פון וואס ער שעפט נחת.

איך בין אפילו מעהר גערן צו געהן
אין אן ערשטען קלאס טעאטער און שטו-
דירען די רייכערע באפעלקערונג אויך.
איך וויל איהם אבער נים אפעסען דאס
הארץ. איך שטים איין צו געהן און
דאנק איהם.

ער לעגט אוועק זיין אויבער-מאנטעל
און הוט אויפ'ן וועגטעל פון שטול, אליין
זעצט ער זיך און רוהט אפ. דער שטול,
וואו ער זיצט, געפינט זיך ביי א פענס-
טער. נעבען צווייטען פענסטער, אין
מיין צימער, שטעהט א טישעל מיט א
גרינעם איבערדעק מיט א סך ווייסע פא-
פיר אויף דעם, מיט שווארצען טינט דער-
ביי, מיט א „בלאטער" פון א באקאנטען
מוזיקער. ער איז אויפ'ן פאפיר א שעה-
נער יונג מיט א וואונדערבארע קאפ האר.
ער שפארט אומעטום אריין זיין אדווער-
טייזמענט, נים אזוי צוליעב ביזנעס
(מ'שטיינס געזאגט, וואס ער קען שוין
מאכען ביי מיר ביזנעס), ווי מען זאל
זעהן זיין פנים און זיין קאפ האר. איך
קוק טאקע אפט אויף דעם, און אז איך
קוק, גים איך איבעריגע טינט אויפ'ן פא-
פיר און איך מוז דאס אפווישען מיט דעם
שעהנעם מאן'ס בילד. ביים טיש
שטעהט א שטול, איך זיץ אויף איהם
און שרייב.

— וואס שרייבסטו עפעס היינט?—
פרעגט מיין פריינד. ער הויבט זיך אויף,
נעהמט דעם דריטען שטול (מעהר ווי
דריי זיינען נים דא), שטעלט אוועק נעבען
מיינעם און זעצט זיך מיט מיר ביים
טיש.

איך לעג אוועק די פעדער, דרעה מיך
אום צו איהם, עס גלוסט זיך מיר ריידען
וועגען דעם וואס איך שרייב און צו-
לעגען מיינע ליטעראַרישע פלענער. פון
דעם האט דער שרייבער מעהר הנאה ווי
פון שרייבען אליין.

— אך, שרייב איך דאס היינט א
זאך! — באגייסטער איך זיך פון מיין
אייגענער ארבייט. — דאס איז די פסי-
כאלאגיע (דאס ווארט פסיכאלאגיע צו
באנוצען האב איך זיך שוין אנגענומען
פון מיין פריינד) פון א שעהנער געראַ-
טענער ווייבעל, וואס האט געלעבט א
גוטען טאג צווישען רייכע לייט און פלוצ-
לונג פארבענקט זי זיך נאך אידישקייט
און נאכ'ן קווארטאל.

— דו שרייבסט אלץ וועגען אזעלכע
זאכען! — זאגט מיין פריינד ערנסט
און רוקט צו זיין שטול נעהנטער צו מיי-
נעם. — איך מיין דיך, חלילה, נים צו
מאכען פאר אויס שאפערין, פאר אויס
קינסטלערין, אבער עס איז א צו גרויסער
לוקסוס אויסצוברענגען אויף דעם דיין
טאלאנט.

— איך פארשטעה נים, — ווער איך
א ביסעל אומגעדולדיג.

און ער ערקלעהרט מיט א ווייכען
קול:

— פארשטעהסט, אלערליי געפיהלען
און עמפפינדונגען מאטערען טאקע דעם
מענשליכען גייסט און מען דארף זיי טאַ-
קע צוגליעדערען און באשרייבען, אבער
מען ווערט אין דעם אריינגעטאן און מען
פארגעסט דעם סאמע עיקר.

— אבער — לאזט ער מיך נים ריי-
דען און רעדט ווייטער. — דאס איז א
לוקסוס! אז מען וועט נים וויסען די
נעמען און די אלע שאטירונגען פון ליע-
בע, ראכע, בענקשאפט, אייפערזוכט און
נאך אזעלכע זאכען, וועט מען דאס סיי
ווי פיהלען. דער עיקר איז, אנצוואווענ-
דען און צו שילדערען דורך בילדער די
איבלען וואס קומען פאר אין דער וועלט,
איבערהויפט אין דער וועלט פון די אר-
בייטער.

— וואס, אשטייגער, קען איך שריי-
בען וועגען דעם? — פרעג איך ער-
שטוינט.

— וואס? אט זאלען מיר, למשל,
נעהמען די פאלעמיק וועגען שטיק-אר-
בייט און וואך-ארבייט. פאר וואס זאל-
סטו נים זאגען וועגען דעם דיין ווארט,
אויף דיין שטייגער?

— יא, אבער, מיין ליעבער פריינד,
אזעלכע זאכען זיינען דאך נים אין מיין
„ליין"! און איך רעכען איהם אויס א
צעטעל פון באוואוסטע פובליציסטען,
סאציאליסטישע פיהרער, יוניאן-פיהרער,
אלץ אזעלכע וואס זיינען קאמפעטענט
צו זאגען וועגען דעם ענין זייער ווארט.

אבער מיין פריינד לאזט נים נאך.

— אלץ אמת, — זאגט ער, — אבער
וואס האט עס דערצו? זיי האבען די
ציפערען מיט די חשבונות, זיי האבען די
אייזערנע וואג, מיט וואס מען וועגט גוטס
און שלעכטס. דו אבער דארפסט נוצען
צו דעם דיין ווארעם הארץ, אויב דו
האסט עס, אין דיין קראפט צו מאהלען.

— אט וועל איך פאר דיר שילדערען
דעם איינפאכסטען בילד פון מיין שאפ,
אן אמת'ען בילד. שרייב דאס אן, וועס-
טו זעהן צו דאס וועט נים זיין וויכ-
טיגער פאר אייערע אמת'ע, האלב-אויס-
געטראכטע מעשות.

ער דערצעהלט מיר און איך הער זיך
איין.

— ביי דעמזעלבען פענסטער אין
שאפ, וואו איך ארבייט, שטעהען צוויי
מאשינען. ביי ביידע זיצען צוויי אפריי-

צו אלע די, וואס שלאפען נים קיין נעכט
און האלטען זיך אין איין זארגען וועגען
איהם.

———

און מיט פרייד באצאהל איך דאס דירה-
געלט, וואס מען האט מיר שוין צום אוי-
פיעלטען מאל געהעכערט און איך זאג
אזוי:

ווייסט איהר, קינדער, ווער עס איז היינ-
טיגע צייטען דער גליקליכסטער מענש אויף
דער וועלט? דער „טענענט".

עס איז אמת: ער איז ווייך ווי פוינ,
לאזט זיך מעלקען ווי א קוה, שטומט ווי א
מצרים-הונט און ווערט באהאנדעלט ווי א
ווארים. ביי אלעם דעם אבער צאהלט ער ווי
א קעניג און איז גליקליך ווי א נאר.

יא, ער איז גליקליך. יעדער אנהויב
חודש איז ביי איהם א יום טוב און יעדען
ערשטען טאג פון יעדען חודש איז ער א בעל-
שמחה.

ווארים ממה-נפשך: העכערט מען איהם
צופעליגערווייזע נ י ט דאס דירה-געלט, איז
ער דאך אויפ'ן זיבענטען הימעל; העכערט
מען איהם ווי-עדער, י א דאס דירה-געלט,
פרעהט ער זיך נאך אלץ, ווייל ער האט גע-
קענט ערווארטען, אז מען וועט העכערען נאך
מעהר, און ער האט שטענדיג א טרייסט, אז
זיינעם א באקאנטען אדער פריינד אדער קרוב
האט מען דאס דירה-געלט געהעכערט צוויי
מאל אזוי פיעל.

איז ער תמיד א בעל שמחה.

ווער איז גליקליך? — פרעגט יענער חכם
און ער ענטפערט: דער, וואס איז צופריע-
דען דערמיט, וואס ער פארמאגט. ווער איז
א גבור? — פרעגט דער זעלבער חכם און
זיין ענטפער איז: דער, וואס האלט איין זיין
כעס. און דער „טענענט" איז היינטיגע
צייטען אי א גבור, אי דאס גליקליכסטע באַ-
שעפעניש אויף דער וועלט.

און ער זיצט אין א הויז מיט אפגעקאלי-
פעטע ווענט, מיט א פארשטאפטען „סינק",
אהן קאלטען און אהן הייסען וואסער, מיט
אן אראפגעפאלענער סטעליע, מיט אויסגע-
האקטע שויבען, האט מורא צו עפענען א
מויל, ציטערט זיך צו באקלאגען, צאהלט ווי-
פיעל מען הייסט און טראכט ביי זיך: גם
זו לטובה!

און ער באקומט לונגען-אנצינדונג פון
די אויסגעשלאגענע שויבען, באקומט אן אנ-
דער קראנקהייט פון דעם פארשטאפטען „טאי-
לעט", ווערט דער'הרג'עט פון די שטיקער
סטעליע, וואס פאלען איהם אויפ'ן קאפ, אבער
ער שווייגט און איז צופרידען. אן אמת'ער
באנטשע שווייג, לדים פריץ'ס שנים, וואס וועט
פאר זיין פרומקייט און גוטסקייט אויף יע-
נער וועלט באקומען פון דעם אויבערשטען
א באלוינונג: יעדען פריטאג א פרישע
בולקע מיט פוטער.

אזא מענש איז היינטיגע צייטען דער
„טענענט".

און טאמער טרעפט זיך, אז א טענענט
לאזט זיך אנריידען פון שטן און געהט אראפ
פון דרך הישר און רעבעלירט, קומט ער
צוריק צום שכל און טוט תשובה און ווערט
צוריק גוט און פרום, נאכדעם ווי ער שלעפט
זיך אין געריכט, טענה'ט זיך אויס מיט'ן
ריכטער, ווערט ארויסגעשטעלט אין גאס און
שלאפט איבער א פאר נעכט אונטער'ן פרייען
הימעל. נאך אזעלכע פאר נעכט ווערט דער
לענדלארד ביי איהם א משיח, די הינטישע
קאנורעס זעהען אין זיינע אויגען אויס ווי
פאלאצען. און וויפיעל מען זאל איהם נאכ-
דעם נים רעכענען קיין דירה-געלט, וועט זיך
איהם אלץ אויסווייזען, אז מען גיט איהם
א נדבה.

אט אזוי ווירקט עס.

און וואויל איז דעם טענענט! און טא-
פעלט וואויל איז איהם, ווייל ער האט א
וועלט מיט פריינד און אלע זארגען זיך פאר
איהם.

קומט און זעהט:

גלחים האבען ברייט געעפענט די טירען
פון זייערע קלויסטערס און זיי האבען גע-
זאגט: קומט, איהר מענשען אהן א דאך איי-
בער'ן קאפ און שפארט אן אייערע קעפ אויף
די הארטע סטענדערס פון דעם ווייכהארציגען
קריסטוס!

און מעיאר הײלאן האט תיכף אויפגע-
הויבען די פאהן פון מענשען-ליעבע און ער
האט געזאגט: קומט, איהר פרומע, פיעל-
געדולדיגע נשמות און געפינט רוה אין די
סאלדאטסקע ביידלעך, וועלכע מען דארף שוין
במילא אויף כפרות!

און אנדערע בעל-טובה'ניקעס האבען זיך
לאנג גע'עצה'ט און זיי האבען באשלאסען:
מען מוז צונויפלעגען א פאר מיליאן דאלאר
פאר די ארימע לענדלארדס, כדי זיי זאלען
קענען בויען נייע הייזער.

און צולעצט הערט זיך, אז מען וועט גאַ-
לעזען די פראגע דערמיט, וואס מען וועט
באזעצען די ניו יארקער איינוואוינער אין
טראנשעען. און די מעלה פון טראנשעען,
זאגט מען, איז: מען וועט נים מורא האַ-
בען ארויסגעשטעלט צו ווערען אין דרויסען,
ווייל פאקטיש וועט מען זיין אזוי נאהענט
צום דרויסען, אז מען וועט זיך אויפהערען
שרעקען פאר איהם.

און א צווייטע מעלה פון די טראנשעען
וועט זיין, וואס מען וועט קיין דירה-געלט
נים דארפען צאהלען... און צוריק גערעדט,
אפשר וועט מען יא דארפען צאהלען. עס
וועלען זיך שוין מסתמא געפינען אידען,
וואס וועלען קומען און קאלעקטען. און אז
איהר וועט פאלען אונטער דער לאסט פון
„קאלעקשאנס", וועט איהר אפשר ווי אלע גע-
פאלענע אין טראנשעען האבען די זכיה נאכ'ן
טויט צו באקומען א מעדאל און פארעכענט
ווערען פאר א העלד.

אבער דאס איז אגב אורחא. די הויפט
זאך איז, וואס א וועלט מיט מענשען זארגען
זיך וועגען „טענענט".

אלע באדויערען איהם און אלע שרעקען
אויס די הענט איהם צו העלפען. און דער-
פון אליין ווערט דעם „טענענט" אזוי גוט
אויפ'ן הארצען. און דאס לעבען באקומט א
טאפעלטען ווערטה. און די שווערע לאסט
פון דעם געהעכערטען דירה-געלט ווערט ליכט
ווי א פעדער.

און — ווי פריהער געזאגט — ער איז
ווייך ווי פוינ, לאזט זיך מעלקען ווי א קוה,
שטומט ווי א מצרים-הונט, לאזט זיך צו-
טרעטען ווי א ווארים, צאהלט ווי א קעניג,
קרעכצט ווי א ראקעפעלער און ציהט זיך שפעט
אויס אונטער די פרייע הימלען ווי ביי זיין
מאמען אין וויינגארטען.

פון די ארבייטער איינינע קאנקרעטע ביי־שפיעלע פון די ארבייטער׳ס באלשעוויזם, אנארכיזם, א. א. וו. ער זאגט:

„דער באלשעוויק לענין האט גע־סטראשעט מיט׳ן טויט אמעריקאנער געפאנגענע אויב מיר וועלען ניט בא־פרייען מוני׳ן. יוניאנס סטראשען מיט געפעהרליכע סטרייקס אויב מיר וועלען ניט נאכגעבען.

„מיט אנדערע טויט סטראשונ־קעס פאדערט לענין פון רוסלאנד די באפרייאונג פון יודזשין דעבס. אונ־זערע יוניאנס סטראשען מיט רואיני־רענדע סטרייקס סיידען מיר וועלען נאכגעבען".

„עס קען ניט אפגעלייקענט ווע־רען אז דעם זעלבען אבענד וואס די מערדערישע האנט האט צושמע־טערט איינינע הייזער אין וואשינג־טאן ביים פלאצען א באמבע אין דעם וואהנונג פון דעם אטורני דזשענע־ראל פון די פאראייניגטע שטאאטען האבען די לייבאר יוניאנס פון וואַ־שינגטאן, וועלכע נעהמען אין זיך אריין א סך רעגיערונג׳ס באשעפטיג־טע, יענעם אבענד אונטערהאלטען מרס. מוני, די ווייב פון דעם פאראור־טיילטען באמבען ווארפער, וועלכער דיענט איצטער זיין פארדיענטע שטראפע. וואס איז געווען איהר מיסיאן? צוליעב וואס איז זי אהער־צו געקומען?"

אלזא, האט איהר שוין דירעקטע בא־ווייזע, אז אין די יוניאנס זיינען פראַן סאציאליסטען, אנארכיסטען און באלשע־וויקעס. און איצטער הערט א שעהנעם מענה לשון וואס דיזער קאנגרעסמאן לייגט אוועק:

„איך האף אז ווען איהר וועט נאך אמאל עפענען דעם מויל וועט איהר זאגען דיזע אנארכיסטען — מיך ארט ניט צו זיי זיינען לייבאר יוני־אניסטען אדער ניט — דאס אויב זיי וועלען ניט אויפהערען זייער פראַק־טיקע וועלען מיר זיי אויפהייגנען אזוי הויך ווי המן׳ען. און איך האף אז איהר וועט זאגען מר. גאמפערס׳ן אז אויב ער וועט ניט אויסרייניגען זיי־נע יוניאנס פון אנארכי און געזעצ־לאזיגקייט וועט דער קאנגרעס, פאר־טרעטענדיג דאס גאנצע פאלק, דאס טאן פאר איהם".

צוליעב וואס איז דיזע רעדע געהאל־טען געווארען אין קאנגרעס? מיינט איהר טאקע ווירקליך אז אונזערע קאנגרעס לײ־טע זיינען אזעלכע גרויסע נאראנים אז זיי זאלען ניט פארשטעהן די נארישקייט פון אזעלכע באהויפטונגען? ווען זיי זאלען ווירקליך זיין אזוי נאריש וואלטען זיי גע־ווען פיעל וועניגער געפעהרליך פאר אונז. מיר האבען זעהר שטארק מורא, אז אין דיזער אטאקע גראדע איצטער, ביי דיזען מאמענט, ליעגט א פיעל ערגערע זאך בא־האלטען ווי איינפאכע אידיאטסטווע. מען טרייעט אין דעם פסיכאלאגישען מאמענט צו דיסקרעדיטירען די יוניאנס כדי מען זאל דערנאך קענען מאכען געזעצע געגען זיי. אין דער אונטערדריקונגס פראגראם וואס פיעלע רעאקציאנערען האפען אז דער קאנגרעס וועט דורכפיהרען גאר אין קור־צען, ווילען זיי זאלען פארבלייבען אלע פונקטען פון דעם עספיאנאזש געזעץ, פארבאטענדיג פרייע פרעסע, פרייע רעדע און פרייעס פארזאמלען זיך. חוץ דעם ווילען א סך אויך, אז דער קאנגרעס זאלען מאכען אזעלכע געזעצע וואס וועט צונעה־מען ביי די ארגאניזירטע ארבייטער א סך פון זייערע רעכטע, וועלכע האבען זיך ארויסגעוויזען צו זיין א ביסעלע צו גע־פעהרליך פאר אונזערע בעלי בתים. אט צוליעב דעם נעהמט מען דאס בעארבייטען דעם עולם...

מיט פארענטפערונגען, אז די יוניאנס זיינען „גוד באיעס" וועט די ארבייטער־שאפט פון אמעריקא גאר ניט אויספיהרען. מאכען סטייטמענטס אז די יוניאנס הא־בען גאר ניט צו טאן מיט די באמבעס איז אבסאלוט איבעריג. אלע ווייסען דאס אליין. ווען יענע טרייען צו ווארפען די שולד אויף די יוניאנס איז דאס מיט שלעכטע אבזיכטען און ניט דורך אונווי־סענהייט. עס איז דארום נויטיג פאר די ארבייטער צו נעהמען א שטעלונג וואס זאל דיזע לייטע ציינען אז זיי וועלען איצ־טער ניט קענען טאן וואס זיי ווילען. א שטארקע שטעלונג פאדערט זיך איצטער מצד די ארבייטער. א מאנהאפטע שטע־לונג! נאר דאס קען אונז איצטער רעטען פון נייע גזרות.

וואס איז אזוינס נאציאנאלע מינאריטעטרעכט?

פון א. גלאנץ

(א אידישע פראגע וואס איז איצט אין צענטער פון די פארהאנדלונגען ביים פריעדענס־קאנגרעס).

True translation filed with the Postmaster at New York City on June 13, 1919, as required by the of Congress approved Oct. 6th, 1917, known as the "Trading with the Enemy Act."

צווישען די פארשיעדענע פראגען, וואס זיינען לעצטענס ארויסגערוקט גע־ווארען אין פראנט ביים פריעדענס־קאנ־גרעס אין פאריז און פארנעהמען איצט די צענטראלע אויפמערקזאמקייט, איז אויך די פראגע וועגען די רעכט פון די אזוי גערופענע נאציאנאלע מינאריטע־טען. דאס איז א זאך, וואס ריהרט שטארק אן דאס אידישע פאלק, און איך וועל דא פרואווען צו ערקלעהרען וואס זי מיינט אזוינס.

ארויפגעקומען איז די פראגע צו־ליעב דעם פריעדענס־אפמאך מיט עסט־רייך. עסטרייך איז איצט ניט מעהר ווי א קליינע רעפובליק. אמאל אבער, ד. ה. איינענטליך ערשט מיט א יאהר צוריק, איז זי געווען די הויפט־שותפ׳טע אין דער דאפעלטער מדינה עסטרייך־אונ־גארן. די עסטרייך־אונגארישע אימפער־יע איז געווען א לאנד, וואס האט ארומ־גענומען א סך נאציאנאליטעטען. די וויכטיגסטע פון אט די פארשיעדענע פעלקערשאפטען זיינען איצט געווארען פאלשטענדיג אונאפהענגיג מיט באזונ־דערע שטאאטען. דער פוילישער טייל (גאליציע) איז געווארען א טייל פון דער נייער פוילישער רעפובליק. אונגארן האט זיך איינגאנצען אפגעריסען און גע־ווארען א זעלבסטשטענדיגע סאוויעטען־רעפובליק. טשעכא־סלאוואקיא, וואס האט פריהער אויך באלאנגט צו עסטרייך, איז געווארען א באזונדערע רעפובליק, און די פראווינצען קראאציע, באסניען און הערצעגאווינא זיינען געווארען טיי־לען פון דעם נייעם יונגא־סלאווישען שטאט, וועלכער שליסט אויך איין סער־ביען און מאנטענעגרא.

ניט קוקענדיג אבער אויף אט דער אפטיילונג, און טראץ דעם פאקט, וואס עסטרייך, ד. ה. דער פריהעריגער ריין־דייטשער טייל פון דער עסטרייך־אונגא־רישער אימפעריע, איז איצט א גאנץ קליין מדינה׳לע מיט בלויז א 6—7 מי־ליאן באפעלקערונג, געפינען זיך אין איהרע גרעניצען נאך אלץ פרעמדע פעל־קערשאפטען. עס זיינען נאך אלץ דא ביי איהר א פארהעלטניסמעסיג היבשע צאהל פאליאקען, טשעכען, קראאטען, רו־טענער (אוקראינער) א. א. אזוי ווי דער פריעדענס־קאנגרעס איז איצט באזונ־דערס פריינדליך צו אט די אלע נאציא־נאליטעטען, און אזוי ווי ער וויל ניט, אז דער עכט־דייטשער עלעמענט אין עסטרייך זאל פארשטארקט ווערען אויפ׳ן חשבון פון די אנדערע נאציאנאלע מינ־דערהייטען, האט ער אויסגעארבייט א פונקט אין דעם פריעדענס־אפמאך, וועל־כער פאדערט, אז יעדע נאציאנאלע גרו־פע זאל האבען א רעכט צו באנוצען די אייגענע שפראך, ענטוויקלען די אייגע־נע קולטור, און די מלוכה זאל פון די אל־געמיינע מלוכה־געלדער אויפהאלטען די פארשיעדענע שולען און אנדערע אנ־שטאלטען, וואס די דאזיגע נאציאנאלע גרופען וועלען געפינען פאר נויטיג צו שאפען.

אבער אויב מען פאדערט ביי עסט־רייך, אז זי זאל געבען קולטורעלע אוי־טאנאמיע די פארשיעדענע טשעכישע, די פוילישע און אנדערע פעלקערשאפטען, וואס געפינען זיך ביי איהר, איז ניט מעהר ווי לאגיש, אז די טשעכישע, פוילי־שע און די יוגא־סלאווישע מדינות זאלען געבען די זעלבע רעכט די דייטשען, וועל־כע געפינען זיך אין ז י י ע ר ע גרעניצען. און דער אפמאך ענט־האלט טאקע אזא פונקט וועגען א ג ע ג ע נ ז י י ט י ג ע ר אנער־קענונג פון די רעכט פון די נאציאנאלע מינאריטעטען אין עסטרייך, פוילען, טשעכא־סלאוואקיא, יוגא־סלאוויא און אויך רומעניען.

אין אט די לענדער זיינען אבער דא א סך א י ד ע ן. די אידען בילדען אין פוילען, טשעכיען, עסטרייך און רומע־ניען באדייטענדע נאציאנאלע גרופען, גאנץ היבשע נאציאנאלע מינדערהייטען. ממילא איז קלאר, אז וויבאלד מען גיט א ל ע פעלקערשאפטען דאס רעכט אויף נאציאנאלער זעלבסט־באשטימונג, אויף אינוועניגסטער אויטאנאמיע, קען מען מיט אידען ניט מאכען קיין אויסנאהם. באזונדערס, ווען אין אט די אלע לענדער פ א ד ע ר ע ן די אידען נאציאנאלע אויטאנאמיע.

איז טאקע אט דער פונקט אן אמת׳ער געווינס פאר די אידען.

די ליעבהארציגע רומענישע און פוי־לישע פארטרעטער ווילען דאס, נאטיר־ליך, ניט ליידען. זיי וואלט זיך וועלען האבען א פרייע האנד און דערשטיקען די אידען. עס איז כמעט קאמיש — ווען עס וואלט ניט געווען אזוי טראגיש — צו זעהן, אז אויך די טשעכישע און יוגא־סלאווישע פארטרעטער, וועלכע האבען ערשט מיט א יאהר צוריק אליין געלי־טען פון אונטערדריקונג און פרעמדען יאך, שטיצען אויך די פאליאקען און רו־מעניער אין דעם ניט וועלען אנערקענען די נאציאנאלע רעכט פון די אידען. דאס באווייזט ווי ווענינ אמת׳ע גערעכטיג־קייט עס איז דא ביי מענשען און פעל־קער.

עס איז אבער צו האפען, אז ניט די פוילישע און רומענישע צוררים, ניט זייערע טשעכישע און יוגא־סלאווישע ארויסהעלפער וועט עס געלינגען אויסצו־פיהרען. ניט ווייל עס האנדעלט זיך וועגען אידען. וואלט עס געווען א בלויז אידישע אנגעלעגענהייט, וואלטען אפשר אונזערע שאנסען ניט געווען זעהר גרויס. גערעכטיגקייט צו אידען בלויז איז נאך אלעמען ניט אזא וויכטיגע זאך. צו אונ־זער גליק איז אבער אט דער פרינציפ פון אנערקענען די רעכט פון די נאציאנאלע מינדערהייטען דער איינציג־מעגליכער וועג צו לעזען די פארפלאנטערטע נא־ציאנאלע פראבלעם, וואס איז שארף ניט בלויז אין עסטרייך און אין די פראווינ־צען, וואס האבען זיך אפגעריסען פון דער עסטרייך־אונגארישער אימפעריע, נאר אויך אויף דעם באלקאנישען האלב־אינזעל. דארט זיינען דא עטליכע לענ־דער. אבער אין יעדען לאנד וואוינען פרעמדע פעלקערשאפטען. אין סערביען וועלען זיין בולגארען. אין בולגאריען — סערבען און רומעניער; אין רומעניען — בולגארען און טערקען; אין גריכענ־לאנד — אלבאניער, בולגארען. ווי מען זאל ניט צוטיילען די פאליטישע גרעני־צען אויף די באלקאנען, וועט מען ניט קענען אויסמיידען דאס צוזאמענלעבען פון עטליכע, געמישטע פעלקערשאפטען אין איין און דעם זעלבען לאנד.

וואס זשע טוט מען דערמיט? ער־לויבען, אז איין לאנד זאל באהערשען די פרעמדע פעלקערשאפטען, וואס לעבען אויף דעם דאזיגען לאנד׳ס טעריטאריע, וואלט געמיינט אויפצוהאלטען אן אייבי־גע שנאה, אייביגע אומצופרידענהייט און אייביגע אורזאכען פאר רייסערייען און מלחמות. ווען אבער די פארשיעדענע פרעמדע נאציאנאליטעטען זאלען האבען דאס רעכט צו לעבען לויט ווי זיי ווילען, לויט זייער אייגענער שפראך און מנהגים; ווען זיי זאלען פון קיינעם ניט זיין אונטערדריקט, וועט ניט זיין קיין אורזאך פאר רייסערייען און אינטריגעס.

אט פארוואס אמעריקא און ענגלאנד באשטעהען אויף דעם פונקט וועגען דעם רעכט פון די נאציאנאלע מינאריטעטען. זיי טוען עס פשוט אלס מיטעל אויפ־צוהאלטען דעם שלום אויף דער ערד.

ווי די מעשה זאל ניט זיין — די אידען געווינען דערפון, און צום ערשטען מאל וועלען מיר קענען לעבען אין די פארשיעדענע לענדער, ווי אן אנערקענטע נאציאנאליטעט, מיט אינוועניגסטער אוי־טאנאמיע, מיט דער אנערקענונג פון דער אידישער שפראך און פון אונזערע אנ־דערע נאציאנאלע אייגענטימליכקייטען.

ביי פיעלע אידישע סאציאליסטען,

דער „טענענט“

(פעליעטאן)

פון א. וואהלינער

True translation filed with the Postmaster at New York City on June 13, 1919, as required by the of Congress approved Oct. 6th, 1917, known as the "Trading with the Enemy Act."

איך ווייס, איך ווייס, וואס מען זאגט... איך ווייס, אז מען זאגט: באלשעוויזם איז א פארשווערונג פון דעמאקראטיע און פון אמת׳ען סאציאליזם. און איך ווייס, וואס גוטע און פרומע לייט הייסען מיר צו טאן: אפטרייסלען זיך פון זינדיגע באלשעוויסטי־שע געדאנקען, זיך לאזען אפשרעקען א גוט־אויג און געהן רוהיג שלאפען. איך ווייס עס גלייך מיט אייך.

פונדעסטוועגען טרעפט עס אמאל: איך באקום צום וויפיעלטען מאל א ידיעה פון מיין לענדלארד, אז ער העכערט מיר שוין ווידער אמאל דאס דירה־געלט. און עס מאלט זיך מיר לעבעדיג דאס בילד, ווי איך ליעג מיט די בעבעכעס אין דרויסען. און פאר מיין גייסטיגען בליק שוועבען פאר־ביי רייכע פאלאצען. און דעמאלט — טרעפט עס — פארגעס איך אן אלץ און איך הויב דראהענד אויף דעם קאפ און פאודריק די הענט אין פויסטען און סטראשע אומיצען: ווארט, דער באלשעוויזם וועט קומען!

און אויב איך פיהר דאך ניט איין דעם באלשעוויזם אין אמעריקא, איז עס ניט דער־פאר, ווייל מען האט נאך ניט אפגעשאפט דעם שפיאנאזש־געזעץ, און אפילו ניט דער־פאר, ווייל מען שיקט איצט ארויס באלשע־וויקעס פון אמעריקא, נאר צוליעב גאר אן אנדער טעם.

איך דערמאן זיך אן דעם, וואס עס האט זיך אפגעטאן אין די קיעווער פאלאצען, ווען די באלשעוויקעס האבען פארכאפט יענע שטאדט.

שרייבט מיר מיינער א פריינד וועגען דעם:

„ווען די באלשעוויקעס האבען פארכאפט די שטאדט, האבען זיי פון די פאלאצען פאר־יאגט די גבירים און האבען דארט באזעצט די קבצנים.

„טוט עס זיך אביסעל אין די קיעווער פאלאצען!

„וואוינען א פאלאץ נעבען א פאלאץ אי־וואן דער שוסטער און משה דער שניידער.

„געהט איוואן ארום איבער זיין פאלאץ און די רציחה ברענט אין איהם: אזוי פיעל גוטס פאראן אויף דער וועלט און ער האט עס ביז איצט ניט פארזוכט. קוקט ער אין די גרויסע, רייכע שפיעגלען און דערזעהט ערשט איצט, ווי פארפינסטערט ער איז. ברענט ער מיט כעס די שפיעגלען. זעהט ער דאס זיידענס, דאס זילבער און דאס גאלד און ער דערמאנט זיך מיט שנידער אן זיין ארימקייט און עלענד. שטעכט ער און ברעכט אלץ.

„איוואן איז אין כעס... איוואן איז אין כעס, וואס מען האט צובראכען זיין לעבען, איהם געהאלטען אין שמוץ און אין פינ־סטערניש, באהאנדעלט ווי א הונט און גע־שפייזט מיט קדחת. און ער לויפט ארויס פון זיין פאלאץ מיט בלוט־פארגאסענע אוי־גען און מיט א העלישען פייער אין הארצען. און אז ער לויפט ארויס מיט רציחה פון זיין פאלאץ און שטויסט זיך צונויף מיט משה׳ן, וואס איז נאר־וואס ארויס פון זיין פאלאץ, דערמאנט זיך איוואן, אז די זשידעס פארכאפען אלע פאלאצען און אפשר אויך, אז זיי האבען געקרייציגט זיין יעזוס׳ען.

„און איוואן שלאגט משה׳ן — שלאגט איהם דערפאר, ווייל זיין לעבען איז צו־בראכען, ווייל ער איז אין כעס און ווייל משה איז א זשיד און א בורזשוי, און לעבט אין פאלאצען.

„אט־דאס קומט פאר אין די קיעווער פא־לאצען — שרייבט מיר מיין פריינד — מען שלאגט משה׳ן."

און ער גיט מיר נאך צו א טרייסט:

„און אז גאט וועט העלפען, מען וועט פאר־יאגען די באלשעוויקעס, וועט אונזער משה, מיט גאט׳ס הילף, כאפען טאפעלטע קלעפ".

אזוי שרייבט מיר מיין פריינד פון קיעוו.

און ווען איך דערמאן זיך אן דעם, הער איך אויף צו סטראשען מיט באלשעוויזם און איך דרינג זיך דורך מיט ליעבע צו מיין לענדלארד און מיט באוואונדערונג צום פיעל־געדולדיגען אמעריקאנער „טענענט". און איך זינג לויב־געזאנגען צו איהם און

...טאַרס, איינער אקעגען דעם אנדערען, און יאָגען זיך ביי דער ארבייט. ביידע אַרבייטען פון שטיק.

די צוויי אָפּרייטאָרס קען איך צופעליג. זיי זיינען צוויי שוואָגערס. איינעם רופט מען חיים, דעם אנדערען חאצקעל. זיי זיינען פאמיליען־לייט, האָבען צו דריי קינדער, זיינען אין עלטער פון עטליכע און דרייסיג יאָהר, זיינען היימישע אָרגאַניזירטע ארבייטער און דאָ זיינען זיי יוניאָן־לייט און באַלאַנגען צו דער פּאַרטיי.

די ערשטע צייט, אַז עס האָט זיך אָנגעהויבען דער סיזאָן און אין שאַפּ איז געוואָרען ביזי, האָבען זיך די צוויי אָפּרייטאָרס אַ וואָרף געטאָן אויף די באַנדלעך ארבייט, ווי הונגעריגע וועלף. איך האָב מיך צוגעקוקט, געגרוילט, אָבער געוואונדערט האָב איך זיך נים. בשעת מען ארבייט פון שטיק איז נאָך אַ שטיקעל ארבייט נאָך עטליכע סענט, און ביי פאַמיליען־לייט, נאָך אַזאַ גרויסער סלעק, קומען עטליכע סענט גאַנץ גוט צוניץ.

אַז דו שטעהסט אין שאַפּ, צו דו ווילסט צו דו ווילסט נים, מוזטו זיין מיט אַלעמען גלייך. אויך איך בין געקומען אין שאַפּ פריהער ווי געוועהנליך און געאַרבייט „אָווערטיים", וויפיעל דער באָס האָט נאָר געוואָלט. אָבער ווי פריה איך בין נים געקומען, האָב איך שוין אימער געטראָפען די צוויי אָפּרייטאָרס „האָסטלענדיג". איך בין אוועק פאַר דינער, האָב איך זיי איבערגעלאָזט ביים מאַשין. אַז איך בין געקומען צוריק, האָב איך זיי שוין געפונען ביים מאַשין, און אַז איך האָב פאַרלאָזט דעם שאַפּ, זיינען זיי נאָך אַלץ געזעסען ווי צוגעשמידעטע צום אָרט.

איך האָב זיי אָנגעהויבען שטודירען. די צוויי מענער האָבען מיר אויסגעקוקט ווי ווילדע רויב־פויגעל. „וואָס טרייבט זיי אַזוי?" האָב איך מיך געפרעגט. אמת טאַקע, די נויט. אָבער ווער שאַפט די נויט? צו וואָס דאַרף זיין אַזאַ ווילדע יאָגעניש, אַזעלכע שווערע סיזאָנען און אַזאַ לאַנגע סלעק? קען מען דען נים איינאָרדנען די ארבייט ווי עס פּאַסט זיך פאַר לעבעדיגע מענשען, נים נאָר ווי עס לוינט זיך פאַר'ן באָס? און ווי איך טראַכט אַזוי, הער איך ווי חיים זאָגט צו חאצקלען:

— ווען איך כאַפּ אַריין מאָרגען נאָך עטליכע פּעטינקע באַנדעלאַך, וואָלט איך געמאַכט ביי הונדערט שמאַליאַרקעס (דאָלאַר) היינטיגע וואָך. כאַ־כאַ־כאַ, חיים דער שניידער מאַכט הונדערט דאָלאַר אַ וואָך. אוי, וואָס פאַר אַ העלד איך בין דאָס, כאַ־כאַ. זיינע אויגען טוען אַ גלאַנץ ווי ביי אַ רויב־חיה און ער ווייזט אַ מויל פרעמדע צייהן.

דער אינגערער חאצקעל איז שוין נים אַזוי פרעהליך און ער איז מעהר אויפגעקלעהרט; איהם לאַכט זיך נים. ער זאָגט:

— איז וואָס קומט אַרויס דערפון, אַז עס סטאַיעט סיי ווי סיי נים. עס הויבט זיך אָן אַ סדרה פון שיכלעך מיט קליידלעך מיט הויכע רענט מיט'ן יקרות אויף עסענוואַרג, אַזוי גיך ווי עס ענדיגט זיך דער סיזאָן, בלייבט מען אָהן געלד, אָהן כח, און אַז עס קומט די סלעק, איז אָנשטאַט זיך אויסצורוהען, צו לערנען עפּעס, צו לעזען, צו ערציהען די קינדער, ווערט מען גאָר צומאַטערט און אויפגעגעסען פון זאָרג פאַר'ן מאָרגענדיגען טאָג.

חאצקעל שאָקעלט זיך ביי דער מאַשין און רעדט ווייטער:

— אַ גאַנצע וואָך נים גענומען קיין שייוו, נים רעכט אָפּגעגעסען, נים רעכט אויסגעשלאָפען, נים רעכט אָנגעקוקט דאָס ווייב מיט די קינדער, אַרבייט ווי אַ פערד, פאַרדיען הונדערט דאָלאַר אַ וואָך, און נאָכ'ן סיזאָן איז נישטאָ קיין סענט ביי דער נשמה.

— הער אויף, קלאָג־מוטער, — שרייט אויף איהם חיים, — געה גנב'ע אויס אַ קלויסטער, וועסטו ווערען אַ גביר. וואָס פאַרשטעהסטו דו וואָס עס מיינט הונדערט דאָלאַר אַ וואָך? אַך, נאָר נאָך עטליכע פּעטינקע, גוטינקע באַנדעלאַך פאַר מאָרגען, און דער הונדערטער וועט זיין פאַרפול! — זיין קול ציטערט ווי ביי אַ שכור'ן, ער וואַרפט אַ בליק אין דער לופט, אַזוי ווי ער וואָלט זעהן ערגעץ פליהען זיין רויב.

— און אָט, ווי דו זעהסט, — ענדיגט מיין פריינד מאָלען זיין בילד פון שאַפּ, — האָט עפּעס אַ בייזע קראַפט פאַר'שיכור'ט חיים'ס מוח מיט'ן דאַרשט נאָך געלד און דעם שוואַכען חאצקעל'ס קול ווערט פאַרשטיקט אין גערויש פון די מאַשינען.

מיין פריינד הויבט זיך אויף, שפּאַנט צוזאַמען איבער'ן צימער. איך פאַרטיף זיך ווידער אין מיין שרייבען. אַ ווילע שפּעטער הער איך זיין קול:

— האָסט זיך ווידער גענומען צו דיינע ליעבעס־געשיכטען? איהר ברענגט אונטער מיט דעם די וועלט. („איהר" מיינט ער דאָס מיר און אַלע שעהן־שרייבער).

— באַרוהיג זיך, פריינד, — זאָג איך איהם ווייך. — די וועלט וועט נים אונטערגעהן. האָב געדולד נאָך אַ ווילע און נאָך אַ ווילע. מען וועט שוין אויסקלעהרען עפּעס אַ מיטעל, וואָס וועט אָפּשאַפען די שיכרות און דאָס יאָגען זיך נאָכ'ן געלד. און אויב דאָ וועט זיך נים געפינען אַזאַ חכם, וועט מען לערנען שכל פון יענער זייט ים. זאָרג זיך נים, די קליידער־אינדוסטריע און אנדערע אינדוסטריען וועלען זיך „אויספּרעסען". שווער איז נאָר מיט די ליעבעס און אַנדערע געפיהלען, וואָס מוטשען און מאַטערען דעם מענשליכען גייסט. זיי וועלען זיך נאָך קנייטשען און קאַרטשען לאַנג, לאַנג, און ווער ווייס צו עס וועט געהמען ווען עס איז אַ סוף...

— אַה, די לעצטע דאגה זאָל דאָס נאָר זיין! — ווערט פרעהליך מיין פריינד, — זעהסט דו, דאָס אַרט מיך שוין גראָד נים. איצט מאַך פאַרטיג דיין „לאַוו סטאָרי" פאַר דיינע לעזער און איך וועל זיך אַריינכאַפּען נעהמען אַ שייוו.

ער נעהמט אוועק. איך לעהן זיך אָן אָן ווענטעל פון שטול און טראַכט וועגען אַלערליי זאַכען, אָבער פון ענדיגען אויפשרייבען די „לאַוו־סטאָרי" האָב איך שוין יענעם וואָכענד נים געטראַכט.

דוד המלך'ס ווייבער

פון דר. אסתר לוריע.

דוד המלך געהערט צו די ליעבלינגס־געשטאַלטען פון דער אידישער געשיכטע. די נאַטור האָט איהם בעשאָנקען מיט דער פולער האַנד. ער איז שעהן, קלוג, מוזיקאַליש, העלדיש. די פאָלקס־פאַנטאַזיע האָט זיך זעהר פיעל באַשעפטיגט מיט איהרע געליעבטע העלדען. און זעלטען ווער פון די ביבלישע געשטאַלטען איז געשילדערט געוואָרען מיט אַזאַ אויספיהרליכקייט, ווי דוד. ער איז פּרימיטיוו, ער איז נאַטירליך. פיעלע האַנדלונגען זיינע וואָלטען אונז אויסגעקוקט היינט גרויזאַם, אפשר אונמאָראַליש. מיט טויזענדער יאָהרען צוריק אָבער איז דער מענש געווען אַנדערש — איינפאַכער, ער איז געווען אָהן קונצען. אין דיזער באַציהונג זיינען די ביבלישע געשטאַלטען ענליך צו די העלדען פון גריכישען פּאָעט, האָמער. אויך ביי האָמער'ן זיינען די געטער אין מענשליכער געשטאַלט פּרימיטיוו, נאַטירליך און גרויזאַם אין די אויגען פון אַ מאָדערנעם מענשען. די ביבלישע געשטאַלטען אָבער אונטערשיידען זיך אין איין פונקט פון די גריכישע געטער. די לעצטע טוען, וואָס זיי ווילען, און וואָס זיי טוען איז גוט. די ביבלישע העלדען אָבער געפינען זיך אונטער דער אויפזיכט פון דעם איין איינציגען גאָט. דער גאָט איז גערעכט, מאָראַליש און וויל זיינע קינדער, דאָס אידישע פאָלק, דערנעהנטערען צו זיך, אויפהויבען מאָראַליש. דאָס טוט ער אויך מיט זיין געליעבטען זוהן, מיט דוד'ן. די פאָלקס־פאַנטאַזיע האָט אויף אַ וואונדערבאַרען אופן צונויפגעגאָסען אין אַן איינהייטליכער האַרמאָניע דוד'ס זינד מיט זיין שטרעבען צו אַ העכערער מאָראַל. ער, דאָס נאַטור־קינד, באַהאַנדעלט די פרויען אַזוי, ווי זיין אינסטינקט דיקטירט איהם. די גערעכטיגקייט ליידעט אָפט דערפון. גאָט באַשטראָפט איהם פאַר זיינע שוואַכקייטען. דוד אָבער בעסערט אויס זיינע פעהלערען, און גאָט איז איהם מוחל. די פאָלקס־פאַנטאַזיע שילדערט גאָט אַלס אַ ליעבענדען, שטרענגען פאָטער, וועלכער ערציהט זיינע קינדער און פאַרלאָזט זיי נים אין נויט.

דער אידישער קעניג שאול האָט פאַרלאָרען דעם ריכטיגען וועג, גאָט'ס וועג. דער אַלמעכטיגער פאָטער באַשטראָפט איהם און מאַכט איהם צו פאַרלירען די שלאַכטען מיט'ן פיינד. ער ווערט מעלאַנכאָליש, אונצופריעדען. זיינע ראַטגעבער זוכען מיטלען, ווי צו מאַכען איהם לעבעדיג. מען שלאָגט איהם פאָר צו שיקען נאָך דוד'ן, וועלכער שפּיעלט און זינגט אַזוי וואונדערבאַר. דער יונגער דוד באַצויבערט שאול'ן. ער לאָזט איהם נים אָפּ פון זיך, ער שיקט איהם געגען פיינד. דוד געווינט די שלאַכט. דאָס אידישע פאָלק איז צופריעדען. מיט שמחה באַגעגענט מען דעם קעניג, — מען זינגט און מען שפּיעלט, די פרויען טאַנצען און זינגען. זיי זינגען: „שאול האָט טויזענד גע'הרג'עט, דוד אָבער האָט צעהן טויזענד גע'הרג'עט". פון דעם מאָמענט אָן האָט שאול מורא פאַר דוד'ן און פאַרפאָלגט איהם. מיט'ן לעצטען איז אָבער גאָט און דאָס גאַנצע אידישע פאָלק, וועלכעס האָט איהם אַזוי שטאַרק ליעב.

שאול האָט געוואָלט פּטור ווערען פון דוד'ן און האָט איהם געשיקט געגען דעם שונא, האָפענדיג אַז מען וועט איהם דער־הרג'ענען אין שלאַכט. ער האָט איהם צוגעזאָגט זיין עלטערע טאָכטער פאַר אַ פרוי. שאול האָט בלויז געהאַלטען איין טייל פון זיין וואָרט — ער האָט געשיקט דוד'ן אין שלאַכט; זיין טאָכטער אָבער האָט ער חתונה געמאַכט מיט אַן אַנדערען. אָבער מיכל, שאול'ס אַן אַנדער טאָכטער, האָט ליעב געהאַט דוד'ן. שאול האָט זיך דערפרעהט, ווען ער האָט דערהערט די בשורה. ער האָט פאָרגעלעגט דוד'ן זיך צו שלאָגען מיט די פלשתים און ער זאָל איהם ברענגען 100 קעפּ פון פיינד'ס לאַגער, דאַן וועט ער איהם אָוועקגעבען זיין טאָכטער. שאול האָט געהאָפט, אַז דוד וועט פאַלען אין אַ שלאַכט. גאָט איז אָבער געווען אויף דוד'ס זייט און ער איז אַרויס אַ גאַנצער פון פייער. נאָך מעהר — ער האָט געבראַכט 200 קעפּ, מעהר ווי שאול האָט פון איהם פאַרלאַנגט. שאול האָט איהם אַלזאָ אָוועקגעגעבען זיין טאָכטער, וועלכע האָט שטאַרק ליעב געהאַט דעם העלדישען דוד.

שאול האָט זיך אָבער אַלץ נים באַרוהיגט. ער האָט זיך געמוזט באַפרייען פון דוד'ן: אין איהם האָט ער געזעהן די אורזאַכע פון זיינע נידערלאַגעס, אין איהם האָט ער געזעהן זיין אונטערגאַנג. ער האָט אַלזאָ געהייסען זיין זוהן צו הרג'ענען דוד'ן. שאול'ס זוהן איז אָבער געווען דוד'ס פערזענליכער פריינד. ער האָט זיין שוואָגער זעהר ליעב געהאַט. ער האָט אַלזאָ דערצעהלט דוד'ן וועגען דער געפאַהר און דער לעצטער האָט געמאַכט „פּיס". זיינע פריינד האָבען געווירקט אויף שאול'ן, אַז ער זאָל דוד'ן באַגנאַדיגען. ער איז געקומען אַהיים. שאול'ן האָבען ווידער פאַרפאַלגט אונרוהיגע געדאַנקען, און ער האָט זיך ווידער גענומען צו דוד'ן. זיין ווייב אָבער האָט איהם געראַטעוועט. זי האָט דוד'ן געזאָגט: „אויב דו וועסט היינט נים אַנטלויפען, וועסטו מאָרגען מוזען שטאַרבען". מיכל האָט איהם אַרויסגעלאָזען פון פענסטער און ער איז אַנטלאָפען. דאַן האָט זי גענומען אַ געטשקע, דאָס אָוועקגעלעגט אויף אַ קישען און עס צוגעדעקט מיט אַ קאָלדרע. שאול האָט געשיקט נאָך דוד'ן. מיכל האָט געהייסען זאָגען, אַז דוד איז קראַנק. דאַן האָט דער קעניג איהם געהייסען ברענגען מיט'ן בעט און איהם דער־הרג'ענען. ערשט דאַן האָט מען ענטדעקט דעם אמת. שאול האָט געפרעגט ביי זיין טאָכטער, פאַר וואָס זי האָט געהאָלפען אַנטלויפען איהר פאָטער'ס שונא, האָט זי זיך פאַרענטפערט, זאָגענדיג אַז דוד האָט זי געסטראַשעט צו דער־הרג'ענען, אויב זי וועט איהם נים אָפּלאָזען.

דוד מיט זיינע מענשען האָט זיך אויסבאַהאַלטען אין מעון. דאָ האָט זיך געפינען זעהר אַ רייכער מאַן נבל, וועלכער האָט געהאַט גרויסע געשעפטען אין כרמל. דער מאַן איז געווען שלעכט און קאַרג. זיין ווייב אביגיל איז אָבער געווען קלוג און זעהר שעהן. דוד האָט געהערט, אַז נבל האָט געשאָרען זיינע באַראַנען אין כרמל און האָט געשיקט צו איהם 10 מענער. ער האָט געהייסען זאָגען נבל'ן, אַז דוד מיט זיינע מענער האָבען געזעהן, אַז זיינע פּאַסטוכער זאָלען נים ווערען געקריוודעט, אַז זיין פיה זאָל ווערען גוט געפּאַשעט. ער האָט געבעטען פאַר זיך און זיינע מענער עסענוואַרג. דער קאַרגער מאַן אָבער האָט גאָר נים געגעבען, זאָגענדיג, אַז ער ווייס נים ווער דוד און זיינע לייט זיינען, און אַז ער קען נים קאָרמענען אַלעמען, וועלכע לויפען פון זייערע בעלי בתים. דאַן האָט דוד צו איהם געשיקט 400 מאַן מיט געוועהר. נבל'ס אַ הירט האָט אָבער דערצעהלט זיין פרוי, אַז דוד האָט געוואָלט נבל'ן בענשען, און ווייל דער לעצטער איז אַ גראָבער יונג, וועט ער איהם אָנטאָן צרות. ער האָט אויך צוגעגעבען, אַז דוד און זיין פאָלק זיינען זיי געווען זעהר ניצליך אין די פעלדער, וואו זיי האָבען געפּאַשעט די פיה. דאַן האָט אביגיל גענומען 200 לעבלאַך ברויט, צוויי קרוגען וויין, 5 אויסגעקאָכטע באַראַנען, 5 מעסטלאַך מעהל, 100 ראָזינקעס־קוכען, 200 פייגען־קוכען, און האָט דאָס געלעגט אויף'ן עזעל. זי האָט זיך אויך אַליין אָוועקגעזעצט אויף'ן עזעל און איז אָוועקגעפאָהרען, נים זאָגענדיג איהר מאַן קיין וואָרט וועגען דעם. אויף'ן וועג האָט זי אָנגעטראָפען דוד'ן. זי האָט זיך פאַרבוגט פאַר איהם און האָט געזאָגט:

„מיין הערר! עס איז מיין שולד. לאָז דיין מאַגד רעדען פאַר דיינע אויערען, און הער די ווערטער פון דיין מאַגד. דו זאָלסט נים פּאַראיבעל האָבען אויף דיזען נידערטרעכטיגען מאַן, נבל'ן, ווייל ער איז אַ נאַר. איך אָבער האָב נים געזעהן די מענשען, וועלכע דו האָסט געשיקט. אָבער, מיין הערר, גאָט האָט דיך פאַרהינדערט צו פאַרגיסען בלוט און דו וועסט זיך העלפען מיט דיין איינענער האַנד"...

אביגיל האָט איהם איבערגעגעבען דאָס עסענוואַרג און האָט איהם געבענשט. דוד איז געווען זעהר צופרידען, וואָס ער איז נים געווען געצוואונגען צו פאַרגיסען בלוט. ער האָט צו אביגיל'ן געזאָגט: „געה מיט שלום אין דיין הויז; זעה — איך האָב זיך צו דיין שטימע צוגעהערט און איך האָב דיך געזעהן". ווען אביגיל איז געקומען אַהיים, האָט זי געפונען איהר מאַן ביי אַ גרויסער שמחה. ער האָט געפרעסען און געטרונקען. אויף מאָרגען האָט זי איהם אַלעס דערצעהלט. דאָך האָט איהם אַזוי שטאַרק פאַרדראָסען דאָס ער איז קראַנק געוואָרען און אין צעהן טעג איז ער געשטאָרבען. ווען דוד האָט דאָס דערהערט, האָט ער געשיקט צו אביגיל זיינע לייטע און האָט איהר פאָרגעלעגט מיט איהם חתונה צו האָבען. זי האָט איינגעוויליגט „און אביגיל האָט זיך געאיילט, זי האָט זיך אָוועקגעזעצט אויף'ן עזעל, זי האָט מיטגענומען מיט זיך 5 מיידלאַך און זיי זיינען אַלע נאָכגעפאָהרען דוד'ן".

דוד איז שוין געווען אַ לאַנגע צייט דער קעניג. איין מאָל ביינאַכט איז ער אַרויף אויפ'ן דאַך פון זיין פּאַלאַץ. ער האָט דערזעהן ווי אַ פרוי באָדט זיך. זי איז געווען זעהר שעהן. דוד האָט אויסגעפונען, אַז זי איז בת־שבע, די פרוי פון אוריה החתי. דוד האָט נאָך איהר געשיקט און איז מיט איהר געשלאָפען. זי האָט זיך אָבער געריינינט און האָט זיך צוריקגעקעהרט אַהיים. דוד האָט אָבער געוואָלט נעהמען בת־שבע'ן פאַר אַ פרוי. ער האָט דערפאַר געשיקט איהר מאַן צום שלאַכטפעלד און האָט געגעבען אַ באַפעהל איהם צו שטעלען אין די געפעהרליכסטע פלעצער. ער איז געפאַלען. בת־שבע האָט באַוויינט איהר מאַן. ווען זי האָט זיך באַרוהיגט, האָט דוד זי גענומען פאַר אַ פרוי. גאָט האָט נים געפעלען דיזע האַנדלונג.

גאָט האָט געשיקט צו דוד'ן דעם נביא נתן, וועלכער האָט איהם דערצעהלט אַזאַ געשיכטע. אין איין שטאָדט האָבען געוואוינט צוויי מענער, איינער איז געווען זעהר רייך, דער צווייטער זעהר אָרעם. ווען צום רייכען זיינען געקומען געסט, האָט ער געזשאַלעוועט צו קוילען זיין פיה און האָט צוגענומען ביים אָרעמען מאַן זיין איין־איינציגעם שאַף. דוד איז געוואָרען אויסער זיך און האָט געזאָגט, אַז דער רייכער מאַן מוז שטאַרבען דערפאַר. דאַן האָט איהם נתן הנביא געזאָגט, אַז ער, דוד, איז דאָס דער רייכער מאַן. ער איז רייך, האָט פיעל פאַרמעגען, איז אַ קעניג, האָט שעהנע ווייבער. און דאָס אַלעס איז איהם ווייניג, ער דער'הרג'עט בת־שבע'ס מאַן אום צו קריגען זיין ווייב. גאָט וועט איהם שטראָפען דערפאַר.

דוד אנערקענט, אַז ער איז געווען אונגערעכט. גאָט פאַרצייהט איהם. זיין ערשטעס קינד פון בת־שבע'ן שטאַרבט אין עלטער פון 7 טעג. דוד איז געווען אויסער זיך, ווען דאָס קינד איז געוואָרען קראַנק, ער האָט געהאַלטען אין איין פאַסטען, האָט זיך קיינעם נים געוויזען אויף די אויגען. ווען דאָס קינד איז געשטאָרבען, האָט ער אָנגעהויבען עסען און זיך טרעפען מיט מענשען. מיט פאַסטען האָט ער געמיינט צו בעטען רחמים ביי גאָט.

דוד האָט באַרוהיגט בת־שבע'ן. מיט אַ שמיקעל צייט שפּעטער האָט זי געבאָרען אַ זוהן, וועלכער האָט געהייסען שלמה. גאָט האָט איהם ליעב געהאַט. ער איז געווען דער קינפטיגער שלמה המלך.

דער שקלאף מיט צוויי פנים'ער

(אן אלעגאריע אין איין אקט) פון מערי ק. דייווים

איבערזעצט פון ענגלישען
פון לעאן גאטליעב *)

(ש ל ו ס).

ל ע ב ע ן. דו הונד! נעהם וואס איך גיב דיר! ניט דורך בעטלען קענסטו עפעס ביי מיר געווינען!

א ש ט י מ ע. גיב מיר א חלום! א חלום וואס זאל שטארקען מיינע הענד!

א ן א נ ד ע ר ש ט י מ ע. א ביסעל ליעבע אום צו מאכען דעם טאג א ביסעל וועניגער שרעקליך!

א ד ר י ט ע ש ט י מ ע. בלויז א ביסעלע רוה, כאטש א ביסעל מנוחה! א ביסעל צייט צו טראכטען וועגען דעם ים און וועגען גראז וואס ווערט געטראגען פון ווינד!

א פ ר ו י. הארר!

(לעבען שלאגט זי מיט זיין קאנטשיק. די פרוי שרייט. לעבען ציהט זיך צוריק פון זיי, און הויבט אן טאנצען א שפאנישען טאנץ. זיין טאנץ ווערט אלץ ווילדער. לאכענדיג בייז און ווילד, שלאגט ער מיט דעם ראפניק די מענשען. אייניגע פאלען טויט. ער דערשטיקט א קאליקע מיט זיינע הענד. ענדליך פאטרייבט ער זיי פון דער ביהנע, יאגענדיג זיי פאראויס. אייניגע שלעפען מיט זייערע לעצטע קרעפטען די טויטע קערפערס מיט זיך).

צ ו ו י י ט ע מ י י ד ע ל (ווען זיי באווייזען זיך ביידע פון זייער באהעלטעניס). אה, איך וויל קיינמאל ניט זעהן ביי איהם דאס זעלבע פנים, וואס זיי האבען געזעהן!

ע ר ש ט ע מ י י ד ע ל. דו וועסט עס ניט זעהן סיידען דו וועסט פאר איהם קניען. זאלסט קיינמאל ניט פאלען אויף די קניע, דו קליינע קעניגין!

צ ו ו י י ט ע מ י י ד ע ל. איך וועל פאר לעבען קיינמאל ניט קניען. גלייך, אויסגעצויגען און פעסט וועל איך פאר איהם שטעהן, פונקט אזוי ווי דו האסט מיר געלערענט, און איך וועל זאגען צו איהם: „ברענג מיר נאך א האלז־באנד, לעבען" —

ע ר ש ט ע מ י י ד ע ל. איך מוז איצט אוועקגעהן אויף א ווייל. איך וועל צוריק קומען. פארגעס ניט, וואס איך האב דיר אנגעזאגט. (געהט אב.)

צ ו ו י י ט ע מ י י ד ע ל. איך וועל צו איהם זאגען — (פון דער ביהנע הערט זיך לעבען'ס שטימע. די צווייטע מיידעל פארשטעלט דאס געזיכט מיט די הענד. לעבען קומט אן).

צ ו ו י י ט ע מ י י ד ע ל. שקלאף! איך וויל האבען די קייט מיט דעם רויטען שטיין! (ווען לעבען קומט צו צו איהר הכנעה'דיג, באפט זי ארונטער די קייט פון זיין האלז). און דאס! (באפט אן זיין האנד און שלעפט אראפ א רינגעל פון א פינגער. דער שקלאף בוקט זיך פאר איהר. איהר בליק פאלט אויף דעם ארט, וואו עס זיינען געלעגען די טויטע קערפערס און זי ציטערט).

ל ע ב ע ן (הויבט אויף דעם קאפ און דערזעהט איהר דערשראקענעם בליק. פון דיזען מאמענט אן בייט זיך שטופענווייז זיין באנעהמונג צו איהר ביז ער ווערט פון א שקלאף א טיראן). האסטו מורא פאר מיר?

צ ו ו י י ט ע מ י י ד ע ל. ניין.

ל ע ב ע ן. עס זיינען פאראן פיעלע וואס האבען פאר מיר מורא.

צ ו ו י י ט ע מ י י ד ע ל. עס זיינען פאראן פיעלע וואס שרעקען זיך.

צ ו ו י י ט ע מ י י ד ע ל. דו ביזט ניט מעהר ווי א שקלאף.

ל ע ב ע ן. א שקלאף קען אמאל ווערען א הארר.

צ ו ו י י ט ע מ י י ד ע ל. ניין.

ל ע ב ע ן. איך קען נאך ווערען —

צ ו ו י י ט ע מ י י ד ע ל. דו ביזט מיין שקלאף.

ל ע ב ע ן. ווען איך וואלט געווען דיין הארר —

צ ו ו י י ט ע מ י י ד ע ל. דו ביזט א שקלאף.

ל ע ב ע ן. ווען איך וואלט געווען דיין הארר, וואלט איך צו דיר געווען גוט; דו ביזט זעהר שהען.

צ ו ו י י ט ע מ י י ד ע ל. אח!

ל ע ב ע ן. דו ביזט אזוי שעהן!

צ ו ו י י ט ע מ י י ד ע ל. מיין קרוין מאכט עס מיר אזוי שעהן.

ל ע ב ע ן. ווען דו זאלסט אפילו אראפנעהמען דיין קרוין פון דיין קאפ, וועסטו נאך אלץ זיין שעהן.

צ ו ו י י ט ע מ י י ד ע ל. דאס וועל איך ניט טאן.

ל ע ב ע ן. דו ביזט אזוי שעהן ווי דאס רויטליכע פנים פון אן עפעל אויפ'ן בוים, ווען די זון גיט אויף איהם א קוק; דו ביזט אזוי שעהן ווי דער קליינער טייכעל ווייט אין וואלד וואס האלט ליליען־קנאספען אין זיינע הענד. דו ביזט אזוי שעהן —

צ ו ו י י ט ע מ י י ד ע ל (צו זיך זעלבסט). איך דענק, אז ער וויל דאס איך זאל זיך שרעקען, וועל איך עס איהם זאגען. איך האב געהערט, אז די מענער זיינען אזוי. איך האב ניט קיין מורא, אבער איך וועל אומישנע זאגען, אז איך שרעק זיך כדי ער זאל הנאה האבען.

ל ע ב ע ן. האסטו מורא פאר מיר?

צ ו ו י י ט ע מ י י ד ע ל. יא.

ל ע ב ע ן. האסט מורא?

צ ו ו י י ט ע מ י י ד ע ל. יא, איך שרעק זיך.

ל ע ב ע ן. אה, דאס איז גוט.

צ ו ו י י ט ע מ י י ד ע ל (צו זיך זעלבסט). איך האב געוואוסט, אז איך וועל קענען איהם פארשאפען פארגניגען! אלעס וואס איך באשאף אין ווערטער, געהט עס אריין אין מיין קערפער, האט זי געזאגט, פונקט ווי א שרעק — אבער זי ווייסט ניט אלעס! עס איז דאך אונמעגליך, אז זי זאל אלעס וויסען! און עס איז אזוי גוט איהם פארגניגען צו פארשאפען — און עס איז אזוי לייכט! איך האב פאר איהם קיין מורא ניט. איך האב בלויז ג ע ז א ג ט דאס איך האב מורא.

ל ע ב ע ן: ווילסט ניט ארונטערנעמען דיין קרוין פון דיין קאפ?

צ ו ו י י ט ע מ י י ד ע ל: ניין.

ל ע ב ע ן: עס איז ניטא קיין שענערע זאך ווי א פרוים האר פליהענדיג אין ווינד. איך זעה דיינע האר אונטער דיין קרוין. דיינע האר וואלטען געווען פראכטפול ווען דער ווינד וואלט זיי צוטראגען אויף זיינע פליגלען.

צ ו ו י י ט ע מ י י ד ע ל (נעמט אראפ די קרוין): דאס איז בלויז אויף א ווייל.

ל ע ב ע ן: יא, דו ביזט זעהר א שענע.

צ ו ו י י ט ע מ י י ד ע ל (צו זיך זעלבסט): עס קען זיין, אז איך האב זיך באנארישט —

ל ע ב ע ן: דו ביזט ווי א פרישע בלום וואס פארבלענדעט מיט זיינע ביי־טענדע קאלירען א דורכפליהענדען פויגעל.

צ ו ו י י ט ע מ י י ד ע ל: זי האט געזאגט, אז איך טאר ניט —

ל ע ב ע ן: דו ביזט פונקט ווי א דורכפליהענדער פויגעל. דיינע האר הויבען זיך ווי פליגלען אין דער זון.

צ ו ו י י ט ע מ י י ד ע ל: ער האט מיר קיין שלעכטס ניט געטאן.

ל ע ב ע ן: דיין קרוין איז פונקט ווי טייערע שטיינער וואס מען געפינט אויף אלטע שפאנישע שיפען וואס מען הויבט ארויס פון דעם גרונד פון ים. קען איך זעהן דיין קרוין?

צ ו ו י י ט ע מ י י ד ע ל: (ווייזט איהם די קרוין, האלטענדיג פארזיכטיג איהר האנד אויסגעשטרעקט צו איהם, פלוצלונג האט זי חרטה): ניין —

ל ע ב ע ן: לאז מיר זי האלטען אין מיינע פינגער. איך וועל זי דיר צוריק אוועקגעבען.

צ ו ו י י ט ע מ י י ד ע ל: ניין.

ל ע ב ע ן: איך וועל זי דיר צוריקגעבען.

צ ו ו י י ט ע מ י י ד ע ל: אויב דו וועסט'זי מיר זיכער אפגעבען צוריק —

ל ע ב ע ן (נעמט די קרוין): דיינע האר זיינען שענער, הערליכער אהן א קרוין (שליידערט אוועק די קרוין).

צ ו ו י י ט ע מ י י ד ע ל: וואס האסטו געטאן?

ל ע ב ע ן: עס איז בלויז א שפאס.

צ ו ו י י ט ע מ י י ד ע ל: אבער דו האסט דאך מיר פארשפראכען —

ל ע ב ע ן: אויף שפאס.

צ ו ו י י ט ע מ י י ד ע ל: אבער—

ל ע ב ע ן: כא, כא! לאך מיט מיר. א פיינער שפאס!

צ ו ו י י ט ע מ י י ד ע ל (לאכט. דערנאך ווערט זי א פארציטערטע).

ל ע ב ע ן (זעהר גוט אויפגעלעגט): טאנץ פאר מיר. דו ביזט יונג. דו ביזט גליקליך. טאנץ!

צ ו ו י י ט ע מ י י ד ע ל: וואס זאל מיין טאנצען אויסדריקען?

ל ע ב ע ן: אז עס איז פריהלינג, און אז עס שטראמען די נאר־וואס ערוואכטע טייכלעך, רייסענדיג זיך ווילד צו פאראייניגען זיך מיט דעם ים. אז הינטער דער לבנה האלט זיך אין פארברייטערן א ווייסע קנאספע פון א בלום, און אז אין א פארמאכטען צימער שלאפט א יונגע מיידעל. אז די זון האט אויפגעוועקט איהר —

צ ו ו י י ט ע מ י י ד ע ל (טאנצט אוים דיזע אלע זאכען. צוערשט האט זי מורא פאר איהם, דערנאך פארגעסט זי זיך און טאנצט אין פארלאזענהייט): און איצט גיב מיר צוריק מיין קרוין.

ל ע ב ע ן: אזא שענע מיידעל ווי דו דארף קיין קרוין ניט האבען.

צ ו ו י י ט ע מ י י ד ע ל: איך האב מורא פאר דיר!

ל ע ב ע ן: האסט מורא פאר מיר! וואס האב איך דיר דען געטאן?

צ ו ו י י ט ע מ י י ד ע ל: איך ווייס ניט.

ל ע ב ע ן: האב קיין מורא ניט.

צ ו ו י י ט ע מ י י ד ע ל: איך שרעק זיך.

ל ע ב ע ן: איך וועל זיין צו דיר א גוטער הארר.

צ ו ו י י ט ע מ י י ד ע ל: א הארר?!

ל ע ב ע ן: א גוטער הארר.

צ ו ו י י ט ע מ י י ד ע ל: דו ביזט מיין שקלאף.

ל ע ב ע ן: איך וועל שוין מעהר דיין שקלאף ניט זיין.

צ ו ו י י ט ע מ י י ד ע ל: האט זי טאקע רעכט געהאט? איז עס טאקע אמת?

ל ע ב ע ן: וואס זאגסטו?

צ ו ו י י ט ע מ י י ד ע ל: גאר ניט —

ל ע ב ע ן: דו מוזט מיך רופען הארר.

צ ו ו י י ט ע מ י י ד ע ל: ניין. דאס וועל איך קיינמאל ניט טאן.

ל ע ב ע ן (קוקט אויף איהר פון זייט מיט א קרומען בליק): רוף מיר הארר און דאן וועל איך זיין גוט צו דיר.

צ ו ו י י ט ע מ י י ד ע ל: ניין. איך קען דאס ניט.

ל ע ב ע ן (הויבט אויף זיין קאנטשוק וואס ליגט אויפ'ן וועג, לאכט צו איהר, שפילענדיג זיך מיט'ן ראפניק): און דאן וועל איך זיין גוט צו דיר.

צ ו ו י י ט ע מ י י ד ע ל: מיין הארר —

ל ע ב ע ן: עס קלינגט שעהן.

צ ו ו י י ט ע מ י י ד ע ל: דו וועסט מיר געבען —

ל ע ב ע ן: אוי, ביזטו ביטרע! דו דארפסט זיין דאנקבאר וואס איך באשטראף דיר ניט.

צ ו ו י י ט ע מ י י ד ע ל: דו וועסט מיר ניט שלאגען?

ל ע ב ע ן: אויב דו וועסט ניט פאלגען —

צ ו ו י י ט ע מ י י ד ע ל (שעפשענדיג): דו וועסט ניט שלאגען —

ל ע ב ע ן: דו מוזט קניען פאר מיר.

צ ו ו י י ט ע מ י י ד ע ל: ניין.

ל ע ב ע ן (הויבט אויף דעם קאנטשוק, אזוי ווי ער וואלט איהר וועלען שלאגען): אויף דיינע קניע, שקלאפין!

צ ו ו י י ט ע מ י י ד ע ל: דו ביזט דאך געווען אזוי גוט צו מיר! לעבען, ביזט דאך געווען אזוי עדעל! האסט גערעדט צו מיר אזעלכע שענע ווערטער.

ל ע ב ע ן: אויף די קניע, זאג איך!

צ ו ו י י ט ע מ י י ד ע ל: דו האסט געזאגט, אז דו וועסט שטענדיג זיין גוט צו מיר —

ל ע ב ע ן: וועסטו פאלגען מיין באפעהל?

צ ו ו י י ט ע מ י י ד ע ל: ניין, קיינמאל ניט —

ל ע ב ע ן (דרעהט זיין ראפניק ארים איהרע שולטערן).

צ ו ו י י ט ע מ י י ד ע ל: (שרייט): שלאג מיר ניט. איך וועל קניען פאר דיר (לאזט זיך ארונטער אויף די קניע).

ל ע ב ע ן: פיין! נאר אויף אזא אופן קען איך געווינען אונטערטעניגקייט.

צ ו ו י י ט ע מ י י ד ע ל: מיין הארר!

ל ע ב ע ן: דאס קלינגט שעהן.

צ ו ו י י ט ע מ י י ד ע ל: מיטלייד! האב רחמנות אויף מיר!

ל ע ב ע ן: נאר ניט קלאגען! (גיט איהר א בריק מיט'ן פוס).

צ ו ו י י ט ע מ י י ד ע ל: (הויבט זיך אויף, וואקלענדיג זיך): האב מיטלייד מיט מיר!

ל ע ב ע ן: איך וועל דיר קאטעווען, וויל זים קלינגען אין מיינע אויערן, די קולות פון די וואס ציטערען פאר מיר (שלאגט איהר).

צ ו ו י י ט ע מ י י ד ע ל: גנעדיגער הארר!

ל ע ב ע ן (ווארפט אוועק דעם ראפניק): אבער נאך זיסער דיינען שטילע, פארשטיקטע געוויינען — (ער באפט איהר אן, זיי ראנגלען זיך).

צ ו ו י י ט ע מ י י ד ע ל: ער איז צו שטארק — איך קען לייגער מיט איהם ניט קעמפפען! (זיי ראנגלען זיך ווייטער. לעבען דערשטיקט איהר אויף טויט און שליידערט אוועק פון זיך איהר טויטען קערפער. דערנאך געהט ער אראפ פון דער ביהנע לאכענדיג ווילד).

ע ר ש ט ע מ י י ד ע ל (קומט אן, שפרינגענדיג, א לוסטיגע. זינגט):

אין אפריל, הורא, הורא!
די גאנצע שטאדט איז אין אפריל
רייך, און פול מיט יונגענד גליק!
(רייסט ארויס א רויז פון א קוסט)
הורא, אין אפריל,
אין לוסטיג־פרעהליכען אפריל,
איז מיין ליעבסטער אנגעקומען,
פול מיט זון־שיין און מיט בלומען
הורא, אין אפריל!
הורא, הורא —

(זי באמערקט פלוצלונג דעם טויטען קערפער און רייסט איבער דאס ליעד. זי בלייבט שטעהן בעוועגלאז, קוקענדיג פארווירט פאר זיך. דערנאך געהט זי צו זעהר פאמעלעך צום טויטען קערפער, גלייכט אוים די קלייד פון דער טויטער מיידעל און לאזט זיך ארונטער אויף די קניע לעבען טויטען קערפער, שעפשעט): זי איז געווען אזוי יונג... ער איז גרוילזאם... (ריהרט אן דעם טויטען קערפער). זי איז אויך געווען א קעניגין. זי האט פון איהם ארונטערגעריסען זיין ציערונג. זעהסט דארטען אויף איהר טויטען האלז איז זיין קייט מיט דעם רויטען שטיין. און אויף איהר פינגער זיין רינגעל. אבער ער איז געווען צו שטארק... צו שטארק... (הויבט זיך אויף, ציטערט און באהאלט זיך אין שרעק) ל ע ב ע ן האט איהר צובראכען... אלעמען האט ל ע ב ע ן צובראכען... עס קאן נאך קומען א צייט... איך האב מורא...

ל ע ב ע ן (קומט אן. ער איז ווידער דער זעלבער העסליכער טיראן. זי בלייבט שטעהן באהאלטען. זיינע אויגען בלאנקען אום לאנגזאם איבער דער ביהנע. זי זעהט איהם מיט א סעקונדע פריהער איידער ער באמערקט זי. זי גלייכט זיך אוים פונקט אין צייט אנצונעמען א פעסטע פאזע איידער ער פאספיועט אויף איהר ארונטערצולאזען זיינע אויגען. ווען זי נעמט ריידען ווערט ל ע ב ע ן צוריק א שקלאף).

ע ר ש ט ע מ י י ד ע ל (ווארפט זארגלאז אוועק די רויז, ניט באמערקענדיג אז זי איז געפאלען אויף דעם טויטען קערפער): ל ע ב ע ן, ברייננג מיר א פרישע רויז!

(דער שקלאף פארנייגט זיך אונטערטעניג און געהט ערפיללען איהר באפעהל).

פ א ר ה א נ ג.

ליידים טיילארס און אלטערייישאן ארבייטער פון לאק. 80.

די געשיכטע וועגען גרינדען א איטאליענישען ברענטש פון אונזער יוניאן האט ארויסגערופען א גאנצען שטורם. אונזער עקזעקוטיוו באארד דענקט, אז אזא ברענטש איז אין אונזער טרייד ניט נויטיג. די איטאליענישע מיטגלידער באשטעהען אבער, אז א באזונדער איטאליענישער ברענטש זאל דורכאוים געשאפען ווערען. דאס איז, פארשטעהט זיך, א פראגע פאר די מיטגלידער פון לאקאל אליין צו באשטימען.

אט דיזע וויכטיגע פראגע וועט פארהאנדעלט ווערען אויף אונזער מיטינג, נעקסטען דינסטאג דעם 17טען דזשון, 8 אוהר אווענט, אין מאונט מאריס האל, 1362 — 5טע עוו. קאר. 113טע סט.

אויף דעם מיטינג וועלען אויך פארגענומען ווערען צווייטע און לעצטע נאמינייש'אנס פאר באצאהלטע און ניט־באצאהלטע בעאמטע פון אונזער לאקאל און עס איז די פליכט פון יעדען מיטגליעד פון דער יוניאן צו קומען צו דעם מיטינג און אנטייל נעמען אין די וואהלען פאר די בעאמטע.

אין די הענד פון די בעאמטע ווערען איבערגעגעבען די אינטערעסען פון די מיטגלידער, טו ווארום זאלען די מיטגלידער ניט קומען צום מיטינג באשטימען ווער דיזע בעאמטע זאלען זיין?

ליידים טיילארס און אלטערייישאן ארבייטער! קומט צו דעם מיטינג.

ה. הילפמאן, סעק.

די עקזאמינערס יוניאן לאק. 82 אין א נייעם אגרימענט

(שלוס פון זייטע 9).

שטונדען און געהאט יוניאן־קאנדישאנס און פון דער צווייטער זייט א גרויסע צאהל קליינע שעפער וואו עס האבען גע־ארבייט איינער, צוויי, העכסטענס דריי עקזאמינערס, ניט ארגאניזירט, אונטער־ווארפען דעם ווילקיר פון באס, האבען זיי געארבייט פיעל מען האט געהייסען פאר וויפיעל מען האט געצאהלט. דיזע איינ־צעלנע, אבוואהל צוזאמען זיינען זיי א גרויסע צאהל, האבען ניט געהאט די מאכט, ניט דעם מוט אליין צו ארגאניזי־רען זיך און דארט וואו איינער האט זיך יא אנגעשלאסען אן דער יוניאן, האט ער עס געהאלטען געהיים וויסענדיג אז זיין יוניאן איז נאך אפיציעל ניט אנערקענט און דער באס העט איהם נאך געבען די־סעק.

די האפנונג פון אונזער יוניאן איז געווען דער יעצטיגער גענעראל סטרייק. אין דער צייט וואס פאר אנדערע יוניאנס איז דאס געווען א קאמף פאר קירצערע שטונדען, א רייז אין ווייזשעס, א. ז. וו. איז דאס פאר אונזער יוניאן געווען דער קאמפף פאר אנערקענונג פון אונזער לא־קאל 82.

דער שנעלער זיעג פון דער אלגעמיי־נער יוניאן האט אויך אונז געבראכט די לאנג־ערווארטעטע אנערקענונג פון אונ־זער לאקאל. מיר ווייסען אז אונזער זיעג איז ניט קיין פולע הונדערט פראצענט. עס האט געדארפט זיין אביסעל א העכערער מינימום סקייל און דערצו האבען די בעלי־הבתים פון דער פראטעקטיוו אסאסיאיי־שאן זיך איינגעשפארט, אז אנשטאט דעם ווארט „עקזאמינער" זאל שטעהן דער אויסדרוק „דזשענעראל ווארקער", אבער דא האנדעלט זיך ניט אום דעם אדער יע־נעם אויסדרוק. דא האנדעלט זיך פשוט אום דעם ווילען פון א געוויסע צאהל מענשען וועלכע זיינען ענטשלאסען צו ארבייטען מענשליכע שטונדען פאר שכירות מיט וועלכע מען זאל קענען מא־כען א לעבען.

ווען די באסעס וואלטען ווירקליך געווען קלוג און פארשטאנען אז אויב מען גיט דעם יוניאן־ארבייטער 4 שטונדען און אנשטענדיגע ווייזשעס, דארף מען עס אויך געבען צו דעם נאן־יוניאן־ארבייטער, איז זעהר מעגליך, אז די פארלייטע און די עקזאמינערס פון זייערע שעפער וואל־טען ניט געהאט קיין אורזאכען צו וועל־לען זיך ארגאניזירען. איז אבער די נא־טור פון באסעס צו זיין געלד־גייציג און בלינד. זיי ווילען ניט האבען, זאגען זיי, דעם ווארט „עקזאמינער" אין אגרימענט, וויל זייער פארמאן עקזאמינירט אויך, און אז ער זאל ווערען א יוניאן מאן, וועט מען נאך חלילה איהם דארפען צאהלען א סקייל, און פיליכט־מעהר ווי די סקייל, און עקסטרא פאר אווערטיים, טו פאר־שטעהט זיך, אז דאס טויג ניט פאר די באסעס.

דאס אבער האט אפילו די פארלייט, די אמת'ע פארלייטע געבראכט צום שכל. א קאמיטע פון פארלייטע האט זיך צו אונז געווענדעט פאר אינפארמיישאן ווע־גען אנשליסען זיך אין אונזער יוניאן, נאטירליך, מיר טארען זיי, לויט אונזער קאנסטיטוציאן, ניט אריינגעמען. עס איז אבער ווערט געווען צו הערען וואס זיי האבען צו דערצעהלען איבער די שענע באהאנדלונג פון די בעלי־בתים. די באס־סעס זיינען אויך אין דיזען פאל די בעס־טע ארגאנייזערס. זייערע האנדלונגען אר־בערצייגען אפילו זייערע פארלייטע אין די נויטווענדיגקייט פון א יוניאן.

אונזער יוניאן איז טראץ די עקשנות פון די בעלי בתים זעהר אפטימיסטיש און צופרידען פון זיעג. אויב, זאגען זיי, מיר האבען געקענט ערייכען אזוי וויט אין דער צייט וואס לאקאל 82 איז אין גאנצען ניט געווען אנערקענט אין אגרימענט און מיר האבען געדארפט קעמפען פון אינע־ווענינג און פון אויסעניוועניג, זיינען מיר געווים זיכער, אז מיט דער יעצטיגער אנערקענונג פון אונזער לאקאל וועלען מיר אימשטאנד זיין דורך ענערגישע ארבייט צו ארגאניזירען אונזער פאך ביז צו פולע הונדערט פראצענט.

די עקזאמינערס זאגען, עס מיט א טאן פון זיכערהייט און ענטשלאסענהייט. זיי האבען פארזוכט דעם טעם פון קורצע שטונדען און מענשליכע באהאנדלונג און וועלען בשום אופן צו די אמאליגע צייטען און קאנדישאנס זיך צוריק ניט אומ־קערען.

ס. [illegible] אשפיז,
מענעדזשער.

„יוניטי בוט" אויפ'ן „קאלל" באזאר א גרויסער ערפאלג

200 שעפער האבען בייגעשטייערט וויסטען און דרעסעס פאר'ן באזאר.

אויף דער איינלאדונג פון דער „קאלל", האט די יוניטי הויז קאמיטע פון דער ליידיס וויסט און דרעסמאכער יוניאן, באשלאסען אנטייל צו נעמען אין'ם באזאר און עפענען אן אייגענע „יוניטי בוט". די צייט איז געווען זעהר קורץ, נאר דאך האט זיך באלד געגרינדעט א קאמיטע וועלכע זאל זיך פארנעמען מיט דער ארבייט.

ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס די צייט איז קורץ געווען צו קומען אין באריהרונג מיט אלע שאפ־טשערלייטע, איז דער קא־מיטע געלונגען צו קריגען א גרויסע צאהל וויסטען און דרעסעס. גאנצע 200 שע־פער האבען זיך אפגערופען און מיט צו־פרידענהייט מיטגעבראכט זייערע ביי־שטייערונגען. דורך דער ארבייט פון זייע־רע אייגענע הענט זיינען זיי געווען פאר־טראטען אין דער יוניטי בוט. זיי זיינען אליין געווען די ארבייטער, אליין די סיילס־לייט און אלעם געטאן מיט גרוים צופרי־דענהייט.

די קאמיטע איז באשטאנען פון דזשע־ני ליבסטער, טשערליידי; מערי קארעפ־סקי, סעקרעטער; איידא לאסער, מיס מאריסאן און מיסס מינדלין. זיי האבען, ווי געזאגט, געארבייט ווי ביהנען און מאקי געהאט ערפאלג.

די יוניטי האוז קאמיטע דריקט אוים איהר ספעציעלע אנערקענונג צו די־זע קאמיטע, ווי אויך צו אלע אנדערע שע־פער און איינצעלנע פערזאנען וועלכע הא־בען בייגעשטייערט צו דיזען באזאר.

די פאלגענדע שעפער און פערזאנען זיינען געווען פארטראטען אין דער יוניטי בוטה:

שווארץ און מארקוס
ל. מינדלין און מיסס פאינטין פערזענליך
לאנדאו און פראנפארט
בראמביר און לעססער
מאדערן קאסטום
מ. און וו.
מינגעטט דרעס
קאלמאן קאסטום
דיימאנד דרעס קא.
עליזאבעט שאפירא, פערזענליך.
ל. ס. ראזענבלאט.
אסתר מייזער, פערזענליך.
לענטין בראס.
מיללער און סיגעל.
ל. ס. מידדי קא.
סופיריאר דרעס קא.
דזש. רעיף
טיפ טאפ
ע. א. דזשעקסאן
ארע־עלל
פרידמאן און ראזען
דזשעני לעיבסטער, פערזענליך
ראוז סיגעל, פערזענליך
ב. ב. און ט. דרעס קא.
רעלייעבל וויסט קא.
ב. שלאסבערג
בעדפארד וויסט און דרעס קא.
וועסט פאינט
איגל דזשוירזי שאפ
ה. און ה. דרעס קא.
איגל דרעס קא. (דזשוירזי שאפ)
מאקס גרינבערג
דזשוירזי שאפ
וועסט פאינט
רעלייעבל וויסט קא.
סיגעל און סאבעל
וומ. אסינאף
פרידמאן און ראזען
וועסט פאינט
מאקס גרינבערג
אסטרעיך און קירש
ראסט און יוניק

א בשורה פאר אלע וואס האבען אייגענע אין פוילען.

די פאבליק נעשאנעל באנק האט א דערפרעהענדע בשורה פאר אלע וואס האבען נאהענטע און ליעבע אין פוילען.

א פארטרעטער פון דער פאבליק נעשאנעל באנק, איינער פון איהר אסיסטענטס קעשיערס, געפינט זיך איצט אין ווארשא, און די פוילישע רעגירונג האט איהם געגעבען אלע רעכטע צו ערהאלטען געלדער פון אמעריקא און זיי אפשיקען צו וועמען זיי ווערען באשטימט איבער גאנץ פוילען.

איהר קענט איצט טאן אייער הייליגע פליכט צו אייערע הונגעריגע קרובים אין פוילען. קיין זאך שטעהט אייך ניט אין וועג. די פאבליק נעשאנעל באנק האט אפגערעמט יעדע שטערונג.

קומט אין דער פאבליק נעשאנעל באנק און שיקט געלד צו אייערע נאהענטע און ליעבע, וועלכע געפינען זיך אין דער שרעקליכסטער נויט.

מיר גאראנטירען, אז די געלדער וועלען פאזיטיוו, אהן וועלכע ניט איז שטערונגען און פארהאלטונגען, אנקומען צו די פערזאנען, צו וועלכע זיי ווערען אדרעסירט.

די פאבליק נעשאנעל באנק און ניו יארק סיטי

PUBLIC NATIONAL BANK OF NEW YORK CITY

DELANCEY & LUDLOW
BROADWAY & 25TH STREET
MADISON AVENUE & 116TH STREET
3187 THIRD AVENUE, BRONX
GRAHAM AVE. & SIEGEL ST., BROOKLYN
PITKIN AVE. & WATKIN ST., BROOKLYN

קורצע שמועסען
צווישען דעם רעדאקטאר און די לעזער.

ת. ס—ר. — עס איז ניט שלעכט אנגעשריבען, אבער די גאנצע געשיכטע איז צופיעל פארזשירט, מיר מיינען, שטארק איבערטריבען. מיר קענען זיך פארשטעלען, אז א מיידעל זאל זיך שטארק פרעהען מיט דעם געווינס פון א סטרייק, און אז קומענדיג אהיים זאל זי זיך אנהויבען דרעהען מיט איהר מאמע אין א קאראהאד. מיר קענען זיך אויך פארשטעלען, אז זי זאל זיך מיט איהר א ווארף טאן אין בעט, און דער ספרינג זאל אנהויבען אונטערקריפען, אבער אז דאס סקריפען פון דעם ספרינג זאל מאכען א גערויש ווי אן עקספלאזיאן, און אז צוליעב דעם זאלען זיך צוזאמענלויפען אלע שכנים און מען זאל נעהמען לויפען נאך א דאקטאר, נאך אן אמבולאנס — אט דאס קענען מיר זיך ניט פארשטעלען. נון קענען מיר דאך דאס אויסשניידען און איבערלאזען דעם עיקר. איז אבער ביי אייך גראדע דאס דער עיקר. שניידט אויס אט די איבערטרייבונג, און ניטא מעהר גארניט אין אייער „אנזאג“. דארום וועט עס ניט פארעפענטליכט ווערען, כאטש, מיר ווידערהאלען נאך א מאל, איהר קענט די מ ל א כ ה פון שרייבען.

ד. קראניץ. — יע, און ווען זיי וואלטען געווען נאר שטיקלעך מענשען, וואלטען זיי אליין איהם באדארפט ארויספאדערען ער זאל זיי זאגען זיין מיינונג. אפשר וואלטען זיי געפונען אין איהר עטוואס פון ווערט פאר זיי. און אויב ניט, טו וואס וואלטען זיי דערביי פארלארען? דערמיט אליין וואלטען זיי באוויזען זיך אלס ווירדיג צו זיין די פיהרער און טאן־געבער פון א, זאגען מיר, נייער באוועגונג. היינט, אז ער אליין האט געבעטען די פריווילעגיע צו זאגען א פאר ווערטער, האט דאך בלויז דער געפיהל פון פשוט'ער אנשטענדיגקייט באדארפט זיי אונטערזאגען, אז זיי דארפען זיין אזוי גנעדיג, און דאס איהם באוויליגען. אנשטאט דעם האבען זיי אויפגעהויבען א געוואלד־געשריי, אזוי ווי אימיצער וואלט געוואלט זיי קוילענען, און אפילו דאן, ווען די גרויסע מאיאריטעט האט אויסגעדריקט איהר ווארנש, אז ער זאל יע רעדען, האבען זיי זיך אויפגעפיהרט, ווי ווילדע אינדיאנער. דערמיט האבען זיי באוויזען צוויי זאכען: ערשטענס, אז זיי זיינען אלע פשוטע מאראלישע פייגלינגע, אז זיי זיינען אזוי ניט זיכער אין זייערע מיינונגען, אז זיי האבען מורא פאר יעדער געגענמיינונג, און אז ווען אזעלכע מענשען וואלטען געהאלטען, חלילה, די מאכט, וואלטען זיי געווארען די מורא'דיגסטע דעספאטען, האטש זיי ווילען זיך איין אין דעם מאנטעל פון ראדיקאליזם. צווייטענס, אז, אויב עס וואלט זיי ווירקליך געראטען צו שטעלען זיך אן דער שפיצע פון דער ארגאניזאציע, וואלט אט די ארגאניזאציע ניט געקענט עקזיסטירען קיין צוויי מאנאטען. ווייל זיי אלע ווערען אויפגעפרעסען פון גאנץ קליינע אמביציעלעך, און זיי וואלטען גאר גיך זיך צו'תרג'עט איינע מיט די אנדערע צוליעב אביסעלע כבוד, און, אפשר אויך צוליעב א פאר גראשען, ווייל איצט, נאך אזא האנדלונג פון זייער זייט, קען מען קוים גלויבען אין די ריינקייט און זויבערקייט פון זייערע שטרעבונגען.

קלאוקמאכער. — ניין, די קלאוקמאכער זיינען ניט די איינציגע אין לאנד, וואס וועלען קריגען א דאלאר א שטונדע. די בריקלייער יוניאן, פון וואָרט טעקסאס, האט ניט לאנג צוריק געמעלדעט, דאס פון דעם ערשטען אויגוסט אן וועט דער ווידזש־סקייל פער טאג געהעכערט ווערען פון 8 אויף 9 דאלאר פאר 8 שטונדען ארבייט. דאס מיינט, אז ביז איצט האבען זיי געקראגען א דאלאר פאר יעדע ארבייטס־שטונדע און פון אויגוסט אן וועלען זיי קריגען נאך עפעס מעהר, ווי א דאלאר. דערמיט מיינען מיר ניט, אז דער קלאוקמאכער דארף ביי זיך פיהלען געפאלען. זיין זיעג איז גענוג גרויס, אבער אין דערזעלבער צייט דארף מען זיך ניט איינרעדען זאכען, וואס זיינען ניט אמת.

ה. לעווין. — עס איז גאנץ ריכטיג, אז די קויף־קראפט פון דעם דאלאר איז פיעל קלענער, ווי מיט א פאר יאהר צוריק, און דערפאר רעפרעזענטירען ניט די איצטיגע הויכע ווידזשעס ווירקליך אזא גרויסע העכערונג, ווי מאנכע מיינען, אבער א העכערונג איז עס דאך. און דאן ניט איביג וועט אנהאלטען דער יקרות. עס מוז קומען א צייט, ווען אלעס וועט פאלען אין פרייז, און די קויף־קראפט פון דאלאר וועט פראפארציאנעל שטייגען, דאך די אויסגעקעמפטע סקיילס וועלען בלייבען דיזעלבע. צוריק וועלען זיי שוין קיינמאל ניט געהן.

ב. לעמפערט. — עס שאדט קיינמאל ניט צו האבען ביי זיך אין לייברערי א גוטען בוך, אפילו ווען איהר קענט איהם ניט באלד לייענען. א גוטער בוך איז גוט צו יעדער צייט. נאטירליך האלטען מיר גוט פון דעם, אז אייבער זאל האבען ביכער גלאט „נא פאר קאז“, אום אפצונארען מענשען, אז ער איז א גאנצער געלערנטער; אבער זיך צו ענטזאגען פון קויפען א בוך נאר אויף דעם גרונד, ווייל איהר קענט איהם באלד ניט געברויכען, איז אויך ניט ריכטיג. ווען דאס בוך איז דא אין שראנק, מאכט עס ביי אייך, איהר זאלט איהם אמאל אן עפען טאן און ארייננקוקען אין איהם, און עס פאסירט אפט, אז מען הויבט אן ארייננקוקען אין א בוך, פאראינטערעסירט מען זיך, און מען לייענט איהם שוין איבער פון טאוועל ביז טאוועל, און אמאל לייענט מען עס איבער נאך אמאל. דערפאר איז עס זעהר גלייך צו האבען א גוטען בוך אימער אונטער'ן האנט. דאס נעכסט־בעסטע, אויב איהר זענט ניט אימשטאנד צו קויפען ביכער, איז צו געהן אין די לייברערי און דארט פארברענגען א פאר שטונדען, „פארענדיג“ זיך צווישען די ביכער. עס איז זיכער א פיעל שעהנערער אופן צו פארברענגען די צייט, ווי שפילען אין קארטען. פון דעם ענטפער אונזערען קענט איהר שוין זעהן, אז מען דארף נאר וועלען, קען מען אפילו איצט פארברענגען די צייט פיעל אינטערעסאנטער און ניצליכער, ווי די מייסטע מענשען טוען עס איצט.

א פרייער. — מיר האלטען ניט פון א דיסציפלין, וואס קומט פון דרויסען, וואס ווערט ארויפגעצוואונגען פון איינעם אויפ'ן צווייטען. אבער מיר האלטען זעהר פיעל פון זעלבסט־דיסציפלין, וואו דער מענש אליין קאנטראלירט זיך און פיהרט זיך אויף גוט, ווייל ער פארשטעהט, אז ווען ער פיהרט זיך אויף אנדערש, וואלט עס איהם אליין געשאדט. דערפאר האלטען מיר ניט פון אן ארדנונג אויף א מיטינג, וואס ווערט געבראכט דורך דאס אומאויפהערליכע קלאפען פון טשערמאן מיט'ן האמער. מיר האלטען אבער זעהר פון אזא מיטינג, וואו דער האמער ווערט זעלטען געברויכט, און דאך די מיטגליעדער פיהרען זיך אויף, ווי דענקענדע מענשען דארפען: הערען אויס איינע די אנדערע, שלאגען ניט איבער אין מיטען די רעד, ווארטען מיט געדולד אויף זייער ריזהע צו נעהמען דאס ווארט, און האט איינער געזאגט דאס זעלבע, וואס ער האט געוואלט זאגען, ערקלערט ער, אז מעהר האט ער ניט וואס צו רעדען, און נודיעט ניט זיך און אנדערע גלאט אומזיסט. אזא מיטינג פון זעלבסטדיסציפלינירטע מענשען שעצען מיר זעהר הויך. מיר מוזען אבער זאגען דעם אמת, אז דערווייל זיינען אזעלכע מיטינגען א זעלטענהייט, און אין אזא פאל, כדי דער מיטינג זאל דאך קענען אנגעפיהרט ווערען און געבראכט ווערען צו א שלום, בלייבט ניט קיין אנדער זאך, ווי די אנווענדונג פון דיסציפלין.

ניינערינגער. — און ווען מיר וואלטען יע געוואוסט, וואלטען מיר עס דען אייך געזאגט? עס איז צו שטוינען, וואס איינעם קען אמאל איינפאלען צו פרעגען. פאראן זאכען פון א גאנץ פריוואטער נאטור, וואס א מענש מיט דעם מינדעסטען געפיהל פון אנשטענדיגקייט דארף גארניט וועלען וויסען, אויב מען זאגט עס איהם אליין ניט.

ח. בלייק. — יע, מיר האבען איהם געקענט מיט יאהרען צוריק. ער האט אויף אונז דאן געמאכט א זעהר גוטען איינדרוק, אן איינדרוק פון אן אכט־אידישען, גוטהערציגען מענשען. אבער עס איז שוין א שעהן ביסעל יאהרען, ווי מיר האבען גארניט געהערט פון איהם; מיר וויסען ניט, וואו ער איז, און מיט וואס ער באשעפטיגט זיך, און פאלגליך קענען מיר איצט וועגען איהם קיין ריכטיגע מיינונג ניט געבען.

ג. ל. — ער איז נאך אימער פאר אונז א שטיקעל רעטעניש. ער ענדערט זיך ניט נאר פון טאג, נאר פון שטונדע. באציכענען איהם אבער אלס כאראקטערלאז קען מען ניט, ווייל אין פיעלע פעלע האט ער ארויסגעוויזען א שטארקען ווילען. אפט האט ער דעם מוטה זיך צו שטעלען געגען די עפענטליכע מיינונג. זיכער, דאס קען ניט טאן א מענש אהן כאראקטער. וואס־זשע איז פארט מיט איהם דער מעהר. אט דאס איז טאקי א פראגע, וועלכע מיר שטעלען זיך אפט, און האבען נאך ניט געפונען קיין ענטפער. עס פעהלט אונז פשוט דער שליסעל צו אזא כארט נאטור.

ל. שלאקמאן. — מיר זיינען אין דער פולסטער סימפאטי מיט דער קאאפעראטיווער באוועגונג, און מיר דענקען פיעל פון די, וואס ווידמען צו איהר זייער צייט. מיר דענקען, אז זיי טוען א העכסט־וויכטיגע ארבייט. די אורזאכע, ווארום מיר אליין טוען אזוי ווייניג אין דעם, איז א פשוטע: מיר האבען אונזער אייגענע ארבייט, צו וועלכער מיר ווידמען אונזער גאנצע צייט. אן אפהאנדלונג איבער קאאפעראציאן פון א זאכליכער נאטור וועט זיין אימער ווילקאמען אין דער „גערעכטיגקייט“.

ל. — ניין, מיר ענטזאגען זיך ענטשיידען צו האבען דאס מינדסטע וואס צו טאן דערמיט.

אויפמערקזאם

לאזט ניט אייערע קרובים און פריינד אין פוילען הונגערן

שיקט זיי געלט!

די פעראייניגטע שטאאטען שטרעקט אויס א בעהילפיגע האנד. אונזער רעגירונג האלט אויף אן אפיס אין ווארשאו, סאנאטארסקא 37, אונטער דעם נאמען פון דער אמעריקאן רעליעף אדמיניסטריישאן. דער צוועק פון דיזען אפיס איז צו העלפען די איינצעלנע מענשען אין די פעראייניגטע שטאאטען צו שיקען געלד צו זייערע הונגעריגע קרובים און פריינד אין פוילען.

דאס איז אייער הייליגע פליכט.

העלפט זיי!

מיר וועלען שיקען אייער געלט דורך דיזען אפיס. איהר קענט זיין זיכער מיט גוטער בעהאנדלונג און נידריגע פרייזען אונטער אונזער גאראנטי

די סטייט באנק.

The State Bank

376-378 GRAND STREET, NEW YORK

BRANCHES:

100 Essex Street
7 West 26th Street
158th Street and Westchester Ave.
115th Street and Fifth Ave.
Graham Ave. and Varet St., B'klyn
Pitkin and Stone Aves., Brooklyn

רעדזשיסטרירט אייך יעצט!

די יוניטי האוז

פון דער לײדיעס װייסט און דרעסמייקערס יוניאָן לאָקאַל 25

עפענט זיך דעם 15טען דזשון

אין פאָרעסט פּאַרק, פּייק קאַונטי, פּאַ.

אַ גרויסאַרטיגער פּלאַץ אין די בלױ מאַונטיינס פון פּענסילװייניאַ איז איצט דאָס אייגענטום פון די אַרבייטער אין דער װייסט און דרעס־אינדוסטריע.

פּלאַץ איז דאָ פאַר 500 — די בעסטע עסענס.

250 צימערען — 50 װאַנעס — עלעקטרישע באַלייכטונג — הייסע און קאַלטע װאַסער — טעלעפאָנס — אַ טייך — אַ סװימינג פּול — 7 באַד־צימערען — אַ באָל־גראַונד און אַ טעניס־קאָורט.

אַלע מיטגליעדער פון דער אינטערנעשאָנאַל זיינען װילקאָמען!

די הויז װערט פאַרװאַלטעט אויף אַ קאָאָפּעראַטיװען באַזיס. עס װעט קאָסטען 13.50 דאָלער אַ װאָך.

רעדזשיסטרירט אייך גלייך אין די העדקװאָרטערס,
16 װעסט 21טע סטריט.



באַרנעט
ל. בעקער

אָפּטאָמעטריסט און אָפּטישען

215 East Broadway — 100 Lenox Avenue
1709 Pitkin Ave., Brooklyn — 895 Prospect Ave., Bronx

צו אַלע סעקרעטערע פון אונזערע לאָקאַלס

אַלע ענדערונגען אין די אַדרעסען װי אויך אַלע אַדרעסען פון נייע מעמ־בערס זאָלען צוגעשיקט װערען צום רעקאָרד־דעפּאַרטמענט אויף די ספּעציעלע סליפּס, װעלכע װערען צוגעשיקט צו אייך.

ענדערענדיג אַ מעמבער'ס אַדרעס מוזט איהר אָבער אָנגעבען זיין געװע־זענעם אַלטען אַדרעס. דאָס איז נויטיג כדי צו פאַרמיידען אומזיסטע אַרבייט פאַר אייך און פאַר אונז און אויך כדי צו האָבען אַ בעסערען קאָנטראָל איבער אונזער מיילינג־ליסט.

עליאַס ליבערמאַן, מענעדזשער.

טשאַטהאַש פּרינטינג קאָ.
2 איסט בראָדװיי
קריגט אונזער עסטימייט.

י. קראוז
בעדזשעס און בענערס
פאַר יוניאָנס, סאָסייעטיס און ס. פּ. בר.
סטריקטלי יוניאָן אַרבייט.
134 קלינטאָן סטריט. ניו יאָרק

קריגט אייערע דיווידענדס.

ציין װערען גערייניגט פריי אין דעם

יוניאָן דענטאַל קליניק

31 יוניאָן סקװער — אַריינגאַנג דורך 23 איסט 16 טע סטריט.

דורך די לעצטע פאַר מאָנאַטען, זינט דער יוניאָן דענטאַל קליניק איז גע־װאָרען דאָס אייגענטום פון די לאָקאַלס פון אונזער אינטערנעשאָנאַל לײדיס גאַרמענט װאָירקערס יוניאָן, האָט דער קליניק געהאַט אַ קליינעם איבערשוס און מיר דענקען, דאָס דער בעסטער װעג װי צו פאַרטאָן דעם איבערשוס איז, — דאָס אױסצוגעבען צו די מיטגליעדער אין דיװידענדס, טאַקע דורכ'ן קליניק.

פון מאָנטאַג אָן, דעם 16טען דזשון, װעלען אַלע אָנגעשטעלטע אין די פאַרשיעדענע אָפיסעס פון די לאָקאַלס פון דער אינטערנעשאָנאַל לײדיס גאַר־מענט װאָירקערס יוניאָן; אַלע שאַפּ־טשערלייט און שאַפּ־טשערליידיס, שאַפּ סאַניטיישאָן קאָמיטעס, און אַלע גוטשטעהענדע מיטגליעדער פון די לאָקאַלס, זיין בארעכטיגט זיך צו לאָזען אונטערזוכען און קלינען די ציין פריי, ביי די קאָמפּעטענטע דענטיסטען אין דעם יוניאָן דענטאַל קליניק. דערביי איז פאַראַן איין באַדינגונג, דיעזע פערזאָנען דאַרפען בעפאָר קומען אין קליניק־אָפיס פער־זענליך, אָדער שרייבען, אום צו מאַכען אַן אַפּאָינטמענט פאַר דער באַ־שטימטער צייט װען צו קומען קלינען די ציין.

דאָס קלינען די ציין איז זעהר נויטיג פאַר'ן געזונט און דער יוניאָן דענטאַל קליניק טוט זעהר אַ ניצליכע אַרבייט װען ער נעמט זיך לערנען די אַרבייטער װי נויטיג עס איז פאַר'ן געזונט צו האַלטען ריין זייערע ציין.

דער אָפיס פון דעם קליניק איז אין 31 יוניאָן סקװער (אַריינגאַנג דורך 23 איסט 16טע סטריט). דער אָפיס איז אָפען יעדען טאָג, אַ חוץ זונטאָג, פון 10 אין דער פריה ביז 8 אוהר אָבענד. שבת פון 10 אין דער פריה ביז 6 פאַר נאַכט.

מאַכט אייערע אַפּאָינטמענטס װאָס גיכער און האַלט זיי.

עס פאַרשטעהט זיך, דאָס אונזער יוניאָן דענטאַל קליניק געהט אָן מיט זיין געװעהנליכער אַרבייט װי בעפאָר, מען ציהט ציין, מען מאַכט פילונגען, און אַלע אַנדערע אַרבייטען צו גאַנץ מעסיגע פרייזען, לויט דעם װיפיעל די אַרבייט קאָסט זיך אַליין.

מיטגליעדער פון דער אינטערנעשאָנאַל לײדיס גאַר־מענט װאָרקערס יוניאָן זאָלען אויך ניט פאַרגעסען דאָס פאָל־גענדע:

1. דער דזשענעראַל מעדיקאַל קליניק פאַר עקזאַמינײשאָנס און טריטמענט פאַר מעמבערס איז אָפען יעדען דינסטאָג און דאָנערשטאָג 1 אזייגער מיטאָג צייט. דאָנערשטאָגס איז ער אויך אָפען 6 אַ זייגער פאַרנאַכט.
2. פרויען מיטגליעדער װערען עקזאַמינירט און געטריט יעדען דינסטאָג 6 אזייגער פאַרנאַכט.
3. דער נאָז און האַלז דאָקטאָר (ער רעכענט בלויז איין דאָלאַר) איז דאָ אין קליניק שבת 2 אזייגער נאָך מיטאָג.
4. דער מאָגען־ספּעציאַליסט איז דאָ אין קליניק מיטװאָך, 1 אַ זייגער מיטאָג צייט.

A. DELBON

פיקסט און שאַרפט שערס.
484־90 6טע עװעניו,
ניו יאָרק.
צװישען 29טע און 30טע סטריט.

ריזע צייטונג
װי אויך פיעלע אַנדערע אידישע און ענג־לישע צייטונגען, ביכער און זשורנאַלען װערען געדרוקט אין די
אַפּ־טו־דייט פּרינטינג קאָ.
195 קאַנעל סט. ניו יאָרק
טעלעפאָן 5425 פראַנקלין.

טהוט אייער פליכט צו די אידישע לעגיאָנערען!

זיי זיינען געװען גרייט צו אָפּפערען זייער לעבען פאַר די אידישע היים אין ארץ ישראל. — װעט איהר זיי יעצט פאַרלאָזען?

דער רויטער מגן דוד

זאָרגט פאַר דיעזע אידישע העלדען און זייערע פאַמיליעס אָבער

אַ פאָנד פון $100,000 מוז שנעל געשאַפען װערען

אום דער רויטער מגן דוד זאָל ניט אונטערגעבראָכען װערען אין זיין הייליגער אַרבייט

יעדער איד מוז העלפען שאַפען דיעזע פאָנד!

קיין דאָנײשאָן צו גרויס! קיין דאָנײשאָן צו קליין!

דאָנײשאָנס זאָלען געשיקט װערען צו די לאָקאַלע טשאַפּטערס אָדער צום נאַצ. אָפיס פון רויטען מגן דוד 201 סעקאָנד עװ.

AMERICAN RED MOGEN DAVID, 201 SECOND AVENUE, NEW YORK CITY

װאָלונטירס זיינען געבעטען זיך צו מעלדען צו די לאָקאַלע טשעפּטערס אָדער צום נאַציאָנאַל אָפיס װעלכער איז אָפען ביז 10 אוהר אָבענד

4 װאכען מוזט איהר האבען
אום הנאה צו האבען פון אייער װאקיישאן

גוטע, געזונטע לופט, שעהנע געגענד, גוטע, פרישע און געשמאקע עסענס, באקאנטע און אנגענעהמע געזעל־שאפט.

דאס אלעס זיינט איהר זיכער צו האבען װען איהר פאהרט אויף אייער װאקיישאן צו אייער באקאנטען

A. ELLNER & M.WANGEL'S FLEISCHER HOUSE

דער פלאץ געפינט זיך אין שעהנסטע און העכסטע מאונטיין געגענד. די הויז און קאטעדזשעס זיינען איינגעפיקסט מיט אלע מאדערנע אימפראװומענטס, געפינט זיך בלויז 10 מינוטען גאנג פון סטיישאן, אייגענע קיה טשיקענס און גארטען װאס סופלייט אין גאנצען דאס מילכיגע, פלייש, אייער און װעדזשע־טייבעלס. די עסענס װערען געקאכט פון אן עקספערט שעף. פיעלע אמיוז־מענטס, ביימהינג און פישינג, דענס האל, פול און ביליארד קאסינא, מיוזיק ביי די מאהלצייטען, טענים קאורט, לייברערי, א. ז. װ.

פאר פאלשטענדיגע צופריעדענהייט גאראנטירט דער מענעדזשינג פראפ־רייעטאר, א. עללנער. פאר מעהר איינצעלהייטען אדרעסירט צו

A. ELLNER, FERNDALE, SULLIVAN COUNTY, BOX B.

יוניטי הויז
שרה שטיללער, פערזענליך
ליװיי
ברוקלינער שעפער
אימפיריעל דרעס קא.
מט. װערנאן שעפער
ארטיסטיק דרעס קא.
קעש איז געשאנקען געװארען פון:
טשאס. פישער,
ב. ברילליאנט, ברוקלין
קעיזער און מענדאלן, ברוקלין.

די יוניאן־קאאפעראטיװ סאסייעטי
לאקאל 35 א. ל. ג. װ. יוניאן
פערקויפט אויסשליסליך
װייט לילי טהעע
קאלאמביא טהעע
צװעטאטשני טשאי

טעלעפאן גרעמערסי 2441
די לענארד פרעס
42 איסט 23טע סטריט, נ. י.

אמעריקען ליידי װייסט קא.
בראמביר און הענדריקס.
הארמאני קאסט
סילי קלינג, פערזענליך.
דזשאן װייסמאן.
עינסטילער
באסטאן קאסטום קא.
גינזבורג און באסס
תאום דרעס קא.
לובין דרעס קא.
מעדיק און קופער
דוד דזשופעט
סטערן און דאנציגגערן
קאבאט בראס.
פעירי דרעס קא.
אררא װייסט קא.
ת. דזשאקאבי
דזש. בעלסקי
בלאסאם דרעס קא.
פליישמאן און יעללין
פאלקאן װייסט קא.
דיימאנד און הערשקאװיץ
יארקװיל דרעס קא.
בערגארד בוש
ביסקא
פראגרעסיװ
סוועי דרעס קא.
סימפסאן קאסטום קא.
קראון עמבראידערי קא.
ניו דזשוירזי שעפער
אררא װייסט קא.
שארלס און דעיטש
דזש. גאלדבערג
בליו סילק בלאוז קא.
װעבסטער און אאראן
אלװין װייסט קא.
אימערמאן װייסט קא.
לאשינסקי (בראנקס אפיס)
קװאליטי װײיסט קא.
מ. דזשי דרעס קא.
העקלא גאון
אדלער װייסט קא.
מט. װערנאן שעפער
מיסס פאינשטין און מיס קאפלאן
עלמער װייסט קא.
ברוקלינער שעפער
אלװין װייסט קא.
ברוקלינער שעפער
שולמאן
ברוקלין שאפ
מיני קראװיץ

װעכענטליכע דיוס אין דער װייסט און דרעסמאכער יוניאן, לאקאל 25
געהעכערט אויף 25 סענט

די װייסט און דרעס מאכער יוניאן לאקאל 25, א. ל. ג. װ. י., מאכט באקאנט צו אלע איהרע מיטגליעדער אז פון דעם 23טען דזשון, 1919, װעלען די דיוס זיין 25 סענט א װאך.

איינטריטס געלדער $10.50

מיטגליעדער, װערט גוטשטעהענד ביז דעם 23טען דזשון, איידער דער נייער געזעץ געהט אריין אין קראפט. די יעניגע װעלכע װעלען ניט גוטשטעהענד װערען ביז דעם דייט, װעלען מוזען באצאהלען די ריקשטענדיגע שולדען לויט דעם נייעם געזעץ 25 סענט פער סטעמפ.

לײדיס װײסט און דרעס מאכער יוניאן, לאקאל 25.
י. שעהנהאלץ, סעקרעטער.

װאס יעדער מעמבער פון לאקאל 23 דארף װיסען און נעדענקען װעגען קראנקען בענעפיט.

1. װען איהר װערט קראנק מעל־דעט זיך גלייך אין אפיס, 231 איסט 14טע סטריט. גיט אן אייער ריכטי־גען אדרעס, דעם פלאר און רום װאו איהר װאוינט. אויב איהר װאוינט אין בארד, גיט אן דעם נאמען ביי װיע־מען איהר װאוינט.

2. שיקט גלייך אייער יוניאן בוך אין אפיס מיט יעמאנדען אדער דורך א רעדזשיסטרירטען לעטער.

3. װען איהר געפינט זיך אין א האספיטאל גיט אן דעם נאמען פון האספיטאל. װען איהר קומט ארויס מעלדעט זיך גלייך אין אפיס פון דער יוניאן.

4. די צייט רעכענט זיך פון דעם טאג װאס איהר האט זיך אפיציעל גע־מאלדען אין אפיס און איבערגעגעבען אייער יוניאן בוך.

5. אום צו קריגען בענעפיט מוז דער קראנקער עקזאמינירט װערען ביי דעם יוניאן דאקטאר.

6. קיינע אטעסטען פון אנדערע דאקטוירים, סערטיפיקייטס פון לא־דזשען אדער פאראיינען װעלען פאזי־טיװ נישט אנערקענט װערען.

7. קראנקע װעלכע ליגען נישט אין בעט דארפען עקזאמינירט װערען אין דאקטאר'ס אפיס, און דארפען זיך מעלדען 3 מאל אין װאך אין אפיס פון יוניאן.

8. צו בענעפיט זיינען בלויז בא־רעכטיגט די װעלכע האבען איינגע־צאלט אמװינציגסטען פאר איין מא־נאט בעפאר ער אדער זי האט זיך גע־מאלדען קראנק.

9. װען איהר זייט ריקשטענדיג איבער 3 מאנאטען, װערט איהר פאר־רעכענט פאר נישט גוטשטעהענד.

10. די ערשטע װאך בענעפיט װערט געצאהלט אויפ'ן 10טען טאג. די איבריגע װאכען רעגולער יעדע 7 טעג.

ת. װאנדער, מענעדזשער.

GERECHTIGKEIT

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפה (איוב, כ"ז, 6).
אן מיין גערעכטיגקייט האלט איך זיך שטארק, און וועל איהר ניט אפ־לאזען.

„מיר ווילען, מיר מוזען זיין גערעכט אפילו צו די, צו וועמען עס גלוסט זיך אונז צו זיין אונגערעכט".
וואודראו ווילסאן.

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לײדיעס גארמענט װאירקערס יוניאן

Vol. I. No. 23. New York, Friday, June 20, 1919. פרייטאג, דעם 20טען יוני, 1919. PRICE 3 CENTS

צווייטער גרויסער זיעג פון דער קלאוקמאכער יוניאן

אגרימענט געשלאסען מיט דער צווייטער מאנופעקטשורערס אסאסיאיישאן. — די אסאסיאיישאן גיט 50,000 דאלאר קעש סעקיורוטי אז אין זייערע שעפער וועט אפגעהיט ווערען אלע יוניאן סטאנדארדס. — נעקסט קומט די דזשאבערס אסאסיאיישאן און א קליינע צאהל אינדעפענדענט שעפער — א באגייסטערטער מיטינג פון דער דזשענעראל סטרייק קאמיטע נעהמט אן איינשטימיג דעם סעטעלמענט. — איצט וועט דער וואונדערבארער סטרייק זיין גאר גיך אין גאנצען געסעטעלט.

אונזער מעכטיגע קלאוקמאכער יוניאן פון ניו יארק האט ווידער צו פארצייכענען א גרויסען זיעג. נאך לאנגע קאנפערענצען, וועלכע האבען אנגעהאלטען איבער צוויי וואכען צייט אין האטעל מעקאלפין מיט דער צווייטער מאנופעקטשורערס אסאסיאיישאן, וועלכע האט איבער 300 מיטגליעדער, צווישען וועלכע עס געפינען זיך גאנץ באדייטענדע מאנופעקטשורערס אין טרייד, זיינען די קאנפערענץ־קאמיטעען פון ביידע צדדים ענדליך געקומען צו א פארגלייך און א צוויי־יעריגער קאלעקטיווער אגרימענט איז געשלאסען געווארען.

דער אגרימענט מיט די מאנופעקטשורערס איז גאנץ פארזיכטיג אויסגעארבייט געווארען. אלע מיטלען זיינען אנגעווענדעט געווארען צו באזייטיגען אין טרייד אלע איבלען פון די קלענערע שעפער, וועלכע האבען פריהער אזוי פיעל פאראומערט דעם קלאוקמאכערס לעבען. דער אגרימענט איז געשלאסען געווארען מיטוואך פארנאכט, דעם 11טען יוני, 1919.

דעם זעלבען אווענד איז אין סענטראל אפערא־הויז אפגעהאלטען געווארען א באגייסטערטער מיטינג פון דער דזשענעראל סטרייק־קאמיטע, און דער אגרימענט איז איינשטימיג אנגענומען געווארען. דער אגרימענט האט די זעלבע יוניאן סטאנדארדס ווי דער אגרימענט, וואס איז געשלאסען געווארען מיט דער „פראָטעקטיוו" אסס'ן מיט נאך אייניגע אנדערע פונקטען בנוגע די קלענערע שעפער. דאס וועט פאקטיש אונמעגליך מאכען אויף ווייטער די עקזיסטענץ פון ניט קיין יוניאן שעפער אדער די זאגענאנטע „קאאפעריישאן"־שעפער, וועלכע זיינען געווען א פעסט אין דער אינדוסטריע.

עס איז דא א גאנץ וויכטיגער פונקט אין דעם אגרימענט, אז קיין מאנופעקטשורער אדער סאב־מאנופעקטשורער טאר אין קיין פאל ניט ארבייטען פאר א דזשאבער, וועלכער האט ניט געשלאסען קיין אגרימענט מיט דער יוניאן. דאס מיינט, אז ווען די יוניאן ערקלעהרט א סטרייק געגען א געוויסען דזשאבער, מוזען די מאנופעקטשורערס אדער סאב־מאנופעקטשורערס, וואס מאכען פאר איהם ארבייט, גלייך סטאפען צו מאכען פאר איהם ארגענד וועלכע ארבייט.

אלס א גאראנטיע פאר דעם, אז די מיטגלידער פון דער אסס'ן וועלען נאכקומען אלע פונקטען פון אגרימענט, האט די נייע אסס'ן דעפאזיטעט מיט דער יוניאן 50,000 דאלאר אלס א קעש סעקיורוטי. די סומע וועט מוזען פארגרעסערט ווערען יעדען מאל, וואס א נייער מעמבער קומט צו אין דער אסס'ן.

פרעזידענט שלעזינגער, טראץ דעם וואס ער האט געדארפט זיין צו דער קאנווענשאן פון דער אמעריקען פעדערישאן אוו לייבאר אין אטלאנטיק סיטי, איז אבער געווען לעצטע וואך און אנפאנג פון דער וואך ביי די פארהאנדלונגען מיט דער אסס'ן, און איצט, ווען ער האט שוין געמוזט פאהרען צו דער קאנווענשאן, האט מען איהם טעלעפאנירט אלעס וועגען די „פינישינג טאטשעס" פון דעם סעטעלמענט.

ברודער מאריס זיגמאן, דער מענעדזשער פונ'ם דזשאינט באארד, איז געווען דער טשערמאן פון דער קאנפערענץ קאמיטע, אין פרעזידענט שלעזינגער'ס אביועזענהייט, און ער איז גאנץ צופריעדען מיט'ן סעטעלמענט, נאך דער אונערמיעדליכער שווערער ארבייט, וואס ער האט אין דעם סעטעלמענט אריינגעטאן.

אט איז א פאר ווערטער, וואס בר. זיגמאן האט אונז איבערגעגעבען דורך'ן טעלעפאן איידער מיר געהען צום פרעס:

„מיט דער אויסנאהמע פון נאך אייניגע סאב־מאנופעקטשורערס און עטליכע מאנופעקטשורערס, איז דער דזשענעראל סטרייק פון די קלאוקמאכער איצט פאלשטענדיג געענדיגט. נעקסט אויף דער טאגעס־ארדנונג שטעהען ביי אונז די דזשאבערס, און אויך וועגען זיי קען איך אייך זאגען, אז עס זיינען דא גלענצענדע אויסזיכטען, אז נאך די טעג זאל אן אגרימענט מיט זיי געשלאסען ווערען."

אויף דעם מיטינג פון דער דזשענער־

(שלוס אויף זייטע 6).

קלאוקמאכער יוניאן פון קליוולאנד גרייט צו א סטרייק!

פרעזידענט שלעזינגער וועט אין גיכען זיין אין קליוולאנד. — די לאגע ווערט דארט ערנסטער פון טאג צו טאג. — די יוניאן באשליסט די ארבייטער זאלען געבען א האלבען טאג שכירות פאר די פאראומגליקטע אידען פון יענער זייט ים.

די קלאוקמאכער יוניאן אין קליוולאנד מאכט אלע פארברייטונגען פאר א דזשענעראל סטרייק, און ווי מיר הערען, ווערט דארט די לאגע ערנסטער פון טאג צו טאג.

ווי עס איז אלעמען באוואוסט, איז די ע. כלל פון אונזער אינטערנעשאנאל, איהר טראדיציע און טאקטיק, ניט אנצופאנגען א קאמף איידער א פארזוך ווערט געמאכט צו שליכטען דעם טראבעל אויף א פריעדליכען וועג, דורך קאנפערענצען מיט די מאנופעקטשורערס. ווי אונזער אינטערנעשאנאל פיהרט זיך, ווערט א דזשענעראל סטרייק גערופען ערשט דאן, ווען אלע אנדערע מיטלען זיינען שוין אויספראבירט געווארען. אזוי פירט זיך אונזער אינטערנעשאנאל יוניאן אומעדום, און דאס וועט מסתמא אויך זיין אזוי אין קליוולאנד. פרעזידענט שלעזינגער וועט פון שיקאגא גלייך אפפאהרען נאך קליוולאנד, גרינדליך צו באטראכטען די דארטיגע סיטואציע. דערווייל אבער איז גאנץ גוט, וואס די קלאוקמאכער יוניאן אין קליוולאנד מאכט זיך גרייט צו א סטרייק. ווי א זאך זאל זיך ניט מאכען, איז אימער גוט אז מען איז צוגעגרייט. ווארום עס איז גאנץ מעגליך, דאס אהן א סטרייק זאל מען זיך דארט ניט אויסדרעהען.

אלזא, דער דזשאינט באארד פון דער קלאוקמאכער יוניאן אין קליוולאנד געהט אן מיט זיין פארבערייטונגס־ארבייט פאר א סטרייק. עס איז שוין אפילו אויסגעקליבען געווארען א דזשענעראל סטרייק־קאמיטע פון 91 פערזאן און עס ווערט שוין פארפערטיגט די גאנצע סטרייק־מאשינערי.

וואס אנבאלאנגט די קליוולאנדער קלאוק־מאנופעקטשורערס, איז גאנץ צווייפעלהאפט צו זיי פארשטעהען די ערנסטקייט פון דעם איצטיגען מאמענט. ווארום זיי טוען אלץ וואס זיי קענען צו מאכען די לאגע אלץ ערגער, צו מאכען די באציהונגען צווישען זיי און דער יוניאן אלץ מעהר און מעהר אנגעצויגען. זיי זוכען כמעט מיט געוואלד ארויפצוצווינגען אויף די ארבייטער זייער אייגענע „יוניאן", וואס זיי, די בעלי בתים, האבען אליין אויסגעקליבען פאר די ארבייטער פון זייערע שעפער. דאס איז עפעס א מין שקלאפעריי, וואס עקעלט פשוט די ארבייטער צו הערען וועגען דעם.

און דער רעזולטאט איז, אז וואס מעהר זיי ווילען אט די פארלעגענע סחורה אריינפיהרען צווישען זייערע ארבייטער, אלץ מעהר רייסען זיך די ארבייטער צו א סטרייק! אלץ מעהר רייסען זיך די ארבייטער אין קאמף פאר טאקע אמת'ע יוניאן־באדינגונגען, ווי דאס האבען די קלאוקמאכער אין אלע אנדערע שטעדט, וואו עס ווערט געמאכט קלאוקס.

די גאנץ נאהענטע צוקונפט וועט ווייזען וואס אין קליוולאנד וועט פארקומען.

אז די קלאוקמאכער יוניאן אין קליוולאנד שטעהט אויף א פעסטען בא־

(שלוס אויף זייטע 18).

אמ. פעדערישאן קאנווענשאן ביי דער ארבייט

די וויכטיגסטע ארבייט פון קאנווענשאן דיעזע וואך. — רעזאלושאן געגען פוילישע פאגראמען איינשטימיג אנגענומען. — פעדערישאן פאדערט אז בוירלסאן זאל אונטערגעזעצט ווערען. — באשלוס צו ארגאניזירען די שטאל אינדוסטריע.

אויף אן אנדער פלאץ אין דיזען נומער וועט דער לעזער געפינען ספעציעלע קארעספאנדענצען פון דער קאנווענשאן גופא. דא וועלען מיר בלויז דערמאנען די וויכטיגסטע רעזאלושאנס וועלכע זיינען פארהאנדעלט געווארען אין פארלויף פון דיזער וואך.

ווי די לעזער וויסען פון דער „גערעכטיגקייט" פון לעצטער וואך האט די דעלעגאציע פון אונזער אינטערנעשאנאל אריינגעטראגען א רעזאלוציע וועגען שיקאגא, וועלכע לעזט זיך ווי פאלגט:

„באשלאסען, אז די אמ. פעד. אוו לייבאר, אויף איהר קאנווענשאן, וואס ווערט אפגעהאלטען אין אטלאנטיק סיטי, אינסטרואירט איהר עקזעקוטיוו קאנסיל צו שטיצען די אינטערנעשאנאל לידיס גארמענט ווארקערס יוניאן אין איהרע פרידליכע פארהאנדלונגען מיט די בעלי בתים פון דער שטאדט שיקאגא, און אויך אין אזעלכע פעלע וואו א סטרייק איז נויטיג אויף איינצופיהרען קאלעקטיווע בארגיינינג און א גלייכען סטענדארד אין די ווייסט, דרעס און סקוירטס אינדוסטריען אין שיקאגא".

די דאזיגע רעזאלוציע איז איבערגעגעבען געווארען צו דער ארגאניזאציאנס קאמיטע, און די קאמיטע רעקאמענדירט צו שטיצען די אינטערנעשאנאל בלויז אין די פרידליכע פארהאנדלונגען, און די ווערטער „צו שטיצען זיי אויך אין פאל א סטרייק איז נויטיג" זאלען פון דער רעזאלוציע אויסגעמעקט ווערען.

באלד האבען זיך אונזערע דעלעגאטען גענומען אפרעכענען מיט דער קאמיטע פאר אזא מין ניט־מילכיג־ניט־פליישיגען באריכט. מ. גרין, דער סעקרעטער פון די מיינערס, דזשאן וואלקער פון שיקאגא און גאמפערס אליין האבען זיך באטייליגט אין דער דעבאטע. ער האט רעקאמענדירט אז די פראגע זאל צוריק איבערגעשיקט ווערען צו דער קאמיטע, וועלכע איז אינסטרואירט געווארען אריינצוברענגען א מעהר גינסטיגען באריכט. דאס איז טאקי געווען א פאטש אין פנים דער קאמיטע, נאר זי האט עס כשר פארדינט. די רעקאמענדיישאן איז נאכדעם איינשטימיג אנגענומען געווארען.

די קאנווענשאן האט איינשטימיג אנגענומען אונזער רעזאלוציע געגען די פוי־

אינהאלט־פארצייכניס

נומער 23 „גערעכטיגקייט"

זייט 2. די וואך. — נ. בוכוואלד.
זייט 3. בריעף פון אטלאנטיק סיטי. — דזש. העללער.
זייט 4. א וואונדערבארער ארגאניזאציאנס־קאמפיין ביי דער רוינקאוט מאכער יוניאן. — ס. פרידמאן. דער פליישער סטרייק אין ניו יארק — א סטעף רעפארטער.
זייט 5. די דזשענעראל סטרייק קאמיטע ביי דער ארבייט. — ל. פינקעלשטיין.
זייט 6. די פריינד־וועלט — ראזע בעדריק (בלינדער).
זייט 7. די קלאוק סיטואציע אין שיקאגא; שיקאגאער קלאוקמאכער באגייסטערט פאר וואך־ארבייט. — ה. סקולמאן. געדאנקען וועגען שטיק און וואך־ארבייט. — מאריס זיסקינד. גיט דערוואָרט זיך — ג. עדעלשטיין.
זייט 8. איינגעבארג — ב. קעלערמאן.
זייט 9. ראמאן; די קעפמייקערס יוניאן גרייט צו סטרייקען פאר וואך־ארבייט.
זייט 10. פון רעדאקטארס נאטיץ־ביכעל.
זייט 11. רעקאנסטרוקציאנס פראבלעמען — א. זעלדין.
זייט 12. וואלט וויטמאן — א. גלאנץ. וואס איז באלשעוויזם? — א. וואהליגער.
זייט 13. קאפלאן (ערצעהלונג) — מ. שמואלזאהן. ליעדער — י. אדלער.
זייט 14. אסתר המלכה — דר. אסתר לוריע. גאסען־בילדער — באנקיר פאן יאסעלדארף.
זייט 15. פילאדעלפיער אפטיילונג — א. נייבאוער.
זייט 16. צווישען די קלאוקמאכער אין באלטימאר — א. ד. גלושאקאוו. די פעטיקאוט מאכער נעהמען זיך בעסער ארגאניזירען — א. מ. משאטקאף. קורצע שמועסען.
זייט 17, 18 און 19. — אדווערטייזמענטס.
זייט 20. 4טער דזשובילי פייער אין דער זומער־היים פון לאקאל 25. די לאגע פון קלאוקמאכער סטרייק אין בראונזוויל — א. [illegible].

זיינען געבליבען סקעבען אין'ם נאמען פון דער סאציאלער רעוואלוציאן

די ארבייטער פון אלטמאן'ס ווייסט שאפ ערקלערט אלס פשוט'ע סקעבס

ווי ווייט מענשען קענען פארפיהרט ווערען פון פראזען־שיסעריי און היסטע־ריקע קען מען זעהן פון'ם פאקט וואס האט פאסירט אין דעם ווייסט שאפ פון מ. אלט־מאן, 28 וועסט 25טע סט.

עהרליכע ארבייטער זיינען פון עט־ליכע היטץ־קעפ פארפיהרט געווארען צו פשוט'ע סקעבעריי און דאס אלץ אין'ם נאמען פון דער סאציאלער רעוואלוציאן.

וואס האט פאסירט אין דיזען שאפ איז פאלגענדעס:

די קאטערס יוניאן לאק. 10 האט גע־שטעלט געוויסע פארדערונגען צום באלע־באס אין באצוג צו דער צוטיילונג פון אר־בייט צווישען די קאטערס. די פארדערונגען זיינען גוט געהייסען געווארען פון קא־טערס לאקאל נאך איידער דער דזשענע־ראל סטרייק איז גערופען געווארען. דעם באלעבאס האט עס ניט גאר געשמעקט, נאר ווארשיינליך וואלט ער זיין געצוואונ־גען נאכצוגעבען עס. אבער דא האבען די „היסטערישע הייז קעפ" פון שאפ גענומען איהם צו הילף. זיי האבען באשלאסען אז די פארדערונג פון דער קאטער'ס יוניאן איז אן אונגערעכטע און האבען ערקלערט אז אויב ער וועט נאכגעבען די פארדערונג וועלען זיי סטאפען פון דער ארביים. גע־רעדט און געטאן.

א פארשטעהער פון דער ווייסט מא־כער יוניאן איז אוועקגעגאנגען אין שאפ צו שליכטען דעם טראבעל, נאר אומזיסט איז געווען זיין ארבייט. אלע זיינע ערקלערונ־גען האבען ניט געהאלפען. די פיהרער פון שאפ האבען איהם ערקלערט אפען: אז זיי ווילען גאר ניט האבען צו טאן מיט דער יוניאן, אז זיי באלאנגען צו אן אנדער יוניאן, א. ז. וו.

אזוי ווי דער באס האט ניט נאכגע־געבען די פארדערונג האט די קאטערס יו־ניאן ארויסגערופען די קאטערס אין סטרייק.

ווי עס פיהרט זיך אין אלע אזעלכע פעלע האט דער מענעדזשער פון דער ווייסט מאכער יוניאן אויפגעפאדערט די ארבייטער צו סטאפען פון דער ארבייט און שטעהן אין סטרייק ביז דער באס וועט זיין געצוואונגען נאכצוגעבען, אבער די פיהרער פון שאפ האבען געענטפערט, אז זיי וועלען דאס ניט טאן. נאכדעם ווי זיי האבען געהאט א סטאפעדזש פאר א טאג צייט זיינען זיי זיך צוזאמענגעקומען מיט'ן באלעבאס און פארשפרעכענדיג איהם צו שטיצען געגען דער יוניאן, האבען זיי זיך אומגעקערט צוריק צו דער ארבייט.

די יוניאן האט דאן גלאזט וויסען יעדען מעמבער, אז זיי זאלען ערשיינען פאר א קאמיטע פון דער עקזעקוטיוו באארד צו ערקלערען זייער האנדלונג. ווען ניט וועלען זיי אויסגעשלאסען ווערען פון דער יוניאן און פארעפענטליכט ווערען אלס סקעבס.

אנשטאט צו קומען צו דער יוניאן האבען זייערע פיהרערס אפגעהאלטען א מיטינג מיט זיי ביים באלעבאס אין שאפ.

דער עקזעקוטיוו באארד פון דער יו־ניאן, אויפ'ן לעצטען מיטינג, דינסטאג אבענד, האט באשלאסען צו באהאנדלען זיי ווי זיי פארדיענען, און דערפאר איז דער שאפ אויסגעשלאסען געווארען פון דער יוניאן.

די ארבייטער דארטען טוען פשוט'ע סקעבעריי, צו זיי טוען עס מיט די מאטי־ווען פון די סולקעס'ס אדער אין נאמען פון דער סאציאלער רעוואלוציאן—סקעבע־ריי איז סקעבעריי. עס איז די פליכט פון יעדען דענקענדען ארבייטער צו אפטריי־לען זיך פון אזעלכע מענשען.

עס איז אמת, אז ניט אלע ארביי־טער פון שאפ זיינען איינפערשטאנען מיט אזא האנדלונג. די יוניאן קען אבער ניט מאכען קיין אונטערשיעד מיט זיי אזוי לאנג ווי זיי פארבלייבען סקעבען אין שאפ.

דער סטרייק וואס איז גערופען געווא־רען ביי דער קאטערס יוניאן וועט זיכער געשטיצט ווערען פון דער ווייסט מאכער יוניאן. די יוניאן וועט ניט ערלויבען קיי־נעם פון איהרע מעמבערס צו סקעבען. די וואס סקעבען קענען אין דער יוניאן ניט זיין.

די מאכט פון די ארבייטער ליגט אין אייניגקייט. עס איז די פליכט פון איין לא־קאל צו שטיצען דעם צווייטען. ווענגען דעם קענען קיין צוויי מיינונגען ניט זיין. ווען א פאר ארבייטער פון א שאפ נעמען זיך די רעכטע צו געהן געגען א באשלוס פון א יוניאן איז דאס אונגעהערטע חוצפה פון בלויז אונפאראנטווארטליכע פערזאנען. און מערקווירדיג אז אט די נפשות נעמען זיך נאך די העזה צו רעדען וועגען אינדוס־טריעלע יוניאנס. „וואן ביג יוניאן". פון איין זייט און סקעבען געגען א צווייטער יוניאן פון דער צווייטער זייט.

עס איז אינטערעסאנט צו באמערקען דאס פאלגענדע:

די פיהרער פון דיזען שאפ — ווער־שיינליך ניט מיט דער צושטימונג פון אלע ארבייטער פון שאפ — האבען ארויסגעלא־זען א שווארצע בלעטעל אין וועלכער זיי באשולדיגען די פיהרערס פון די יוניאנס אין דיננגע גענגסטערס און אין די אלע אנ־דערע באשולדיגונגען וואס באסעס לעגען ארויף אויף יוניאן־פיהרער. און דאס אלעס ווערט געטאן אין'ם נאמען פון דער סא־ציאלער רעוואלוציאן.

ארימע, ארימע רעוואלוציאן!

ווערט בירגער פון דעם לאנד!

(א בריעף פון דער „נעטשוראליזיישאן אייד ליעג").

ווערטע רעדאקציאן „גערעכטיגקייט":

ערלויבט מיר א שטיקעל פלאץ אין אייער צייטונג פאר די פאלגענדע פאר ווערטער מכח דעם וואס אזוי פיעל אר־בייטער פארנאכלעסיגען צו ווערען ביר־גער פון דעם לאנד.

אידען האבען קיין היים ניט. זיי זיינען איבעראל פרעמדע. זיי האבען אין ערגעץ ניט דיזעלבע רעכטע מיט די קריסטען. אמעריקא איז די איינציגע גאלדענע אויסנאהמע. דא איז דער איד פריי. דא האט ער גלייכע רעכטע מיט אנדערע פעלקער, און ער דארף וויזען דער וועלט, אז ווען ער וואהנט אין א לאנד, וואס גיט איהם אזעלכע רעכטע, ווייס ער ווי דאס צו שעצען.

אידען האבען איבעראל שונאים, און אפילו אין אמעריקא זיינען דא נארישע, שכל־הערציגע מענשעלעך, וואס זאגען, אז דער איד קומט אהער מאכען געלד, און דערנאך פאהרט ער צוריק קיין רוס־לאנד, קיין גאליציע, קיין רומעניען. דאס איז ניט אמת. דער איד האט ליעב אמע־ריקא און ער דארף דאס באווייזען. ער דארף זיך אנשליסען אן דער גרויסער סאסייעטי „יונייטעד סטייטס אוו אמע־ריקא".

און נאך אן אורזאכע איז דא ווארום דער איד אין אמעריקא דארף ווערען א בירגער.

אין דער אלטער „היים" ווערען די אידען שלעכט באהאנדעלט; ווערען די אידען געדריקט און געשטיקט. מען דארף אפט האבען, אז אמעריקא זאל זיך אנ־נעמען פאר אונזערע ברידער אויף יענער זייט ים. ווי אזוי אבער קען מען דאס אויספיהרען? מען קען דאס אויספיה־רען בלויז דאן, ווען די אידען אין אמע־ריקא וועלען זיין אמעריקאנער אידען, אנשטאט רוסישע, גאליצישע אדער רומע־נישע אידען. מען קען דאס אויספיהרען בלויז דאן, ווען די היגע אידען וועלען אלע זיין היגע בירגער. זייער שטימע וועט דאן געהערט ווערען. מען וועט זיך רעכענען מיט זייער ווארט. זיי וועלען האבען אן איינפלוס און זיי וועלען קענען העלפען זייערע ברידער אויף יענער זייט ים.

און ניט נאר אלס אידען, זאנדערן אלס מענש, אלס ארבייטער, דארף דער ניט־בירגער זיין פאראינטערעסירט און ווערען א בירגער.

אמעריקא איז טאקע דאס פרייעסטע, דאס שענסטע לאנד אין דער וועלט. עס איז אבער דא א סך ארימקייט א סך דלות וואס מען וואלט געקענט אפשאפען. מען וואלט געקענט מאכען בעסער'ע געזעצע אין איינפיהרען אין דעם לאנד א שענע־רען לעבען.

אז איהר זיינט קיין בירגער ניט, האט איהר קיין דעה ניט, קענט איהר ניט מאכען, א דאס לאנד זאל זיך פיהרען אנ־דערש. איהר זיינט א פרעמדער, אן אנ־געווארפענער, און מען הערט זיך צו אייך ניט צו. אז איהר זייט יא א ביר־גער, זייט איהר אן איינענער, איהר האט דא א דעה, איהר זייט א באלעבאס.

ווערט, אלזא, א בירגער!

די „נעטשוראליזיישאן אייד ליעג", וועמעס אויפגאבע עס איז צו מאכען אונ־זערע אימיגראנטען פאר בירגער, און וועלכע האט שוין געהאלפען צעהנדליגע טויזענדע מענשען ווערען בירגער, וועט באהילפיג זיין יעדען איינעם ווער עס וועט זיך ווענדען אין־דעם הויפט אפיס פון דער ליעג, וועלכער געפינט זיך אין „פארווערטס" בילדינג, 175 א. בראדוויי, רום 1, און וועלכער ווערט געהאלטען אפען יעדען טאג. אויסער זונטאג, פון 1 בייטאג ביז 9 אוהר אבענדס.

אלע דיענסטע ווערען געלייסטעט אומזיסט.

יוניטי־קאלאניע פון דער ווייסט מאכער יוניאן איז גרייט פאר איהרע געסט

א ספעציעלע סעלעברייישאן וועט פארקומען דעם 4טען דזשולי. איילט זיך צו מיט אייער רעדזשיסטריישאן.

„דער טיש איז געגרייט. מען דארף זיך נאר זעצען צו דער סעודה". דאס איז דער לעצטער מעסעדזש פון דער יוניטי־קאלאניע. דער סטיוארט איז שוין דארטען צוויי וואכען צייט און האט צו־געגרייט די קיך אין בעסטער ארדנונג. אראנזשמענטס זיינען געמאכט געווארען, אז דאס בעסטע עסען זאל היי־יאהר גע־געבען ווערען. „מיר זיינען אין אן איי־גענער היים — און מיר וועלען זיך פיה־לען און פיהלען ווי ביי זיך אין דער היים" — האט ערקלעהרט די יוניטי־קא־מיטע.

די בילדער פון דער גאנצער גרופע הייזער, וועלכע שטעלען צוזאמען די יוניטי־הייז, רופען ביי אלעמען ארויס דעם אויסגעשריי: אזוי פיעל באקוועמליכקייט! און אלץ — איי־גענס! א שעהנער טייך, א באזונדער פלאץ פאר שווימען, טעניס־קאורטס, שפאציר־אלעען, א שטאל מיט אמת'ע פערד און קיה, א גרויסע פארם מיט אלערליי גרינצייג! און דאס אלץ איז ניט קיין געבארגטעס אדער געדונגענעס, נאר אייגענס! דאס אייגענטום פון דער יוניאן און פון יעדען מיטגליעד פון דער יוניאן!

איז דען א וואונדער, וואס די מעהר־סטע ווייסטמאכער גלויבען קוים זייערע אייגענע אויגען? און ווען זיי שטעלען זיך פאר, אז זיי אליין וועלען דארטען לעבען און פארברענגען, אז זיי אליין וועלען זיין די בעלי־בתים איבער דער גאנצער „ווילא", אז זיי וועלען דארטען פריי און זארגלאז ארומשפאצירען איבער די ברייטע אלעען צווישען לאנקעס און בוימער, און וועלען זינגען און זיך פרע־הען — ווען זיי שטעלען זיך איצט דאס אלעס פאר אין זייער פאנטאזיע, וועלכע וועט אין א פאר וואכען ארום ווערען א ווירקליכקייט, דעמאלט באגרייפען זיי, די טויזענטער ווייסטמאכער און ווייסט־מאכערינס, אז זייער יוניטי־הויז איז און וועט תמיד זיין דער ליכטיג־סטער פונקט אין זייער שווערען ארביי־טער־לעבען.

אין מאנאט דזשון פאהרען ניט קיין סך מענשען אין דער קאנטרי. און אויב איהר ווילט האבען א שטילען, רוהיגען וואקיישאן, רעדזשיסטרירט אייך באלד פאר'ן מיטען מאנאט דזשון אין אונזער יוניטי הויז. די, וואס וועלען דאס טאן, וועלען זיכער ניט האבען קיין חרטה.

פאר'ן 4טען דזשולי ווערט צוגע־גרייט א ספעציעלע סעלעברייישאן מיט א קאנצערט און טאקע א ריכטיגע הו־ליאנקע. דאס וועט זיין א „טרים" פאר שאפ־טשערליידיס, נאר אויף די איינצעל־הייטען מוזט איהר ווארטען ביז קומענ־דער וואך.

ווער פון אייך וועט עס פארפעהלען צו פאהרען אין דער אייגענער היים? איהר מוזט זיך אבער איילען מיט אייער רעדזשיסטריישאן. אז ניט איז זעהר מעגליך, אז איהר וועט דארט קיין פלאץ ניט האבען. די ווייסטמאכער־משפחה, די איהר ווייסט, איז א גאנץ היבשע און דער וואס קומט צוערשט — וועט פאה־רען צוערשט. רעדזשיסטריישאן איז אפען פאר אלע מעמבערס פון דער אינ־טערנעשאנאל. פרעגט זיך נאך פאר איינצעלהייטען אין דער לידיעס ווייסט און דרעסמאכערס יוניאן לאקאל 25 אין 16 וועסט 21טע סטריט.

די קאנווענשאן פון דער אמעריקאן פעדערעישאן אוו לייבאר

(שלוס פון זייטע 1).

רען פון דער רעגירונג „אמנעסטי" פאר אלע פאליטישע ארעסטאנטען אין אמע־ריקא, וועלכע זיינען פאראורטיילט געווא־רען אויפ'ן גרונד פון די ספעציעלע געזע־צע, וואס זיינען דא פארפאסט געווארען אין צייט פון מלחמה.

אונזער דעלעגאציע האט פארגעשלא־גען נאך צוויי רעזאלוציעס, וועלכע באצי־הען זיך ספעציעל צו דער לידיס־גארמענט אינדוסטריע.

אט זיינען אלע פיער רעזאלוציאנען:

True translation filed with the Postmaster at New York City on June 13, 1919, as required by the of Congress approved Oct. 6th, 1917, known as the "Trading with the Enemy Act."

רעזאלוציאן וועגען פאגראמען אויף אידען און וועגען רעכט פאר די קליינע פעלקער.

„זיי עס באשלאסען, אז די אמעריקען פעדערעישאן אוו לייבאר, פארזאמעלט אין קאנווענשאן אין אטלאנטיק סיטי, פארצייכענט איהר פראטעסט געגען די פאגראמען און ברוטאליטעטען, וועלכע זיינען אויסגעאיבט געווארען אויף דער אידישער באפעלקערונג פון פוילען, אוק־ראינא און אנדערע לענדער אין מזרח אייראפא, און פאדערט אויף די רעגירונג פון די פאראייניגטע שטאאטען אנצוא־ווענדען אלע מעגליכקייטען און צו גע־ברויכען איהר גאנצען איינפלוס מיט די רעגירונגען פון דער וועלט צו מאכען א סוף צו אזעלכע טהאטען און פאסירונגען און אז די נאציאנאלע מינאריטעטען אין יעדען לאנד פון דער וועלט זאלען פאר־זיכערט ווערען פולע ציווילע און פאלי־טישע רעכטע און שוץ".

רעזאלוציאן פאר אמנעסטיע פאר אלע פאליטישע ארעסטירטע.

„זיי עס באשלאסען, אז די אמעריקאן פעדערעישאן אוו לייבאר, פארזאמעלט אויף דער קאנווענשאן אין אטלאנטיק סי־טי, פאדערט אויף די רעגירונג פון די פאר־אייניגטע שטאאטען צו באווילינגען א פאל־שטענדיגע אמנעסטיע פאר אלע פאליטי־שע ארעסטירטע, וועלכע זיינען פאר־משפט געווארען אונטער די ספעציעלע גע־זעצע וואס דער קאנגרעס האט אנגענומען דורך דער צייט פון מלחמה, און דאס צו־ריקרופען פון די אלע געזעצען וועלכע שטערען נארמאל זיך צו באנוצען מיט די אמעריקאנער פרייהייטען וואס ווערען גא־ראנטירט דורך דער קאנסטיטוציאן".

רעזאלוציאן וועגען קליוולאנד.

„זיי עס באשלאסען, אז די אמעריקאן פעדערעישאן אוו לייבאר, פארזאמעלט אויף דער קאנווענשאן אין אטלאנטיק סי־טי פאדערט אויף דעם עקזעקוטיוו קאונ־סיל פון דער פעדערעישאן ער זאל געבען זיין פולען סופארט צו אלע אנשטרענגונ־גען פון דער אינטערנעשאנעל לידיס גאר־מענט ווארקערס יוניאן איינצופיהרען קאל־לעקטיוו בארגיינינג און יוניאן ארבייטס־באדינגונגען אין דער קלאוק, סוט און סקוירט אינדוסטריע פון קליוולאנד, אהייא".

רעזאלוציאן וועגען שיקאגא.

„זיי עס באשלאסען, אז די אמעריקען פעדערעישאן אוו לייבאר, פארזאמעלט אויף איהר קאנווענשאן אין אטלאנטיק סיטי, באאויפטראגט איהר עקזעקוטיוו קאונסיל מיטצוהעלפען דער אינטערנעשא־נעל לידיס גארמענט ווארקערס יוניאן, אין איהרע פרידליכע פארהאנדלונגען מיט די בעלי בתים פון דער שטאדט שיקאגא, און אויך אויב עס וועט נויטיג זיין, צו רופען א סטרייק אום איינצופיהרען קאל־לעקטיוו בארגיינינג און יוניאן סטענ־דארדס אין דער ווייסט, דרעס און סקוירט אינדוסטריען פון שיקאגא".

די אלע רעזאלוציאנען זיינען אריינ־געבראכט געווארען ניט פון איינצעלנע דעלעגאטען, נאר פון דער גאנצער דעלע־גאציע פון אונזער אינטערנעשאנאל. יעדע רעזאלוציאן באזונדער האט אויף זיך די אונטערשריפטען פון אלע אונזערע דעלע־גאטען, ווי פאלגט: פרעזידענט שלעזינ־גער, י. פיינבערג, לאקאל 1; מ. גארענ־שטיין, לאקאל 10; דזש. העללער, לא־קאל 17; מיסס מאלי פרידמאן, לאקאל 25 און א. לאפארטא, לאקאל 48.